STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11701

DER OYTOPORTRET

Mendel Mann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל מאַן

*

דער אויטאָפּאָרטרעט

מענדל מאַן

דער אויטאָפּאָרטרעט

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל
1969

Mendel Mann

DER AUTOPORTRET

édité
aux Editions I. L. PERETZ
31, Allenby St., Tel-Aviv

★

מענדל מאַן / דער אויטאָפּאָרטרעט
פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל תש״ל
Imprimé en Israël 1969

נסדר: לינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס: דפוס „ערבה״, רח׳ ליבנדה 36, ת״א

אַרייַנפֿיר וואָרט

אין די לעצטע טעג פון תמוז, איז אַ חאמסין, איז אמנון יפת געקומען קיין אשקלון אויף אַ צוויי וואָכן כדי צו פאַרענדיקן זיין פאָרשונגס־אַרבעט וועגן מדבר־געוויקסן. דאָס איז געווען אין דעם יאָר זיין צווייטער באַזוך אין אשקלון. ער איז צופרידן געווען פון דער אַרבעט, וועלכע ער האָט געמאַכט אין חודש כסלו, בעת זיינע לאַנגע וואַנדערונגען איבערן נגב. דעמאָלט האָט ער דערזען אַ בליִענדיקן מדבר: גרין־ברוינלעכע פלאַנצן, שלענגל־גראָזן פון אַ קופּער־קאָליר, נידעריקע קוסטעס פון אַ זילבער־בלאָ און קליינע אינדזלען פון אַ זאַפטיקן גרין. אויף אַ שטח פון עטלעכע קילאָמעטער האָט ער געצוויי געפּאָרשט פלאַנץ נאָך פלאַנץ, געוויקס נאָך געוויקס, פאַרצייכנט אין העפטן יעדן פּרט, ווי די פייכטקייט פון די בלעטלעך אין די פאַרטאָגן, אין די נאָכמיטאָגן און אין די אָוונטן, די טיפקייט פון די וואָרצלען, דער פאַרנעם פון שטח אויף וועלכן זיי שפּרייטן זיך, די ווירקונג פון ווינט און דער מין באָדן, סיי דער אייבערשטער און סיי דער אונטערשטער.

אמנון האָט אַפילו געמאַכט פון דער געגנט וועלכע ער האָט געפּאָרשט, אַ טאָפּאָגראַפישע מאַפּע ווו עס זענען געצוויי אָנגעגעבן געוואָרן די ערטער פון די פלאַנצן. ער האָט זיי אין זיין העפט נומערירט, אָנגעהאָנגען בלעכענע צייכנס מיט די נומערן אויף די פלאַנצן און באַשריבן אַלע אָבסערוואַציעס פון זיינע טעגלעכע באַזוכן אין חודש כסלו. ביי די ראַנדן פון זיינע העפטן

זענען אפילו געווען צייכענונגען פון די געוויקסן און זייערע קאָלירן, געמאַכטע מיט אַקוואַרעל.

בעת דעם ערשטן באַזוך איז אַמנון איינגעשטאַנען אין אַ טוריסטן־האָטעל ביים אשקלונער ים־ברעג. פאַר טאָג איז ער אַוועק באָדן זיך, תמיד דער ערשטער, ווען דער ברעג איז געווען ליידיק פון מענטשן. דערנאָך האָט ער אין גיך געאייל געפרישטיקט ביי זיך אין צימער און איז אַרויס צו זיין אַלטן אָפּגענוצטן דזשיפּ, אַ פאַרשטויבטן, פול מיט טרוקענע פלאַנצן, מיט קרישל־שטיינער, מיט אָפּגעבליאַקעוועטע רוקזעק. ער פלעגט דורכמאַכן אַ פּופצן־צוואַנציק קילאָמעטער אויף דרום־מזרח, אויסזוכן אַ שאָטן און נעמען זיך צו דער אַרבעט.

דאָס מאָל האָט ער באַשלאָסן אויפצוהאַלטן זיך אין שטאָט גופא. ער וויל נישט זיין געשטערט פון די טוריסטן וואָס האַלטן זיך כמעט טעגלעך אין איין טוישן. עס איז אַ צו גרויסער יאַריד וואָס ציט אים אָפּ פון דער אַרבעט און דערצו נאָך אַ יאַריד פון טוריסטינס. ער האָט געפילט די פרוויישע בליקן פון די טעראַסעס בעת ער איז צוריקגעגאַנגען פאַר טאָג, אַ ברוינער, אַן אָפּגעפרישטער מיט אַ בראַנדזענעם גוף, פון זיין טעגלעכן שווימען ווייט פון ברעג.

אַ סאַברע פון פערטן דור, אַ קיבוץ־תושב, וואָס איז געשיקט געוואָרן שטודירן חקלאות, האָט אמנון מער נישט געקענט אָפּשטעלן זיך נאָכן דער־לערנען פלחה, גערטנעריי און די ציטרוס־ביימער. ער האָט געזוכט צו דערגיין דעם סוד פון אַלע סודות — די אייגנשאַפטן פון פלאַנצן צו קענען באַצווינגען אַלע מכשולים אין וואַקסן, אַפילו דעם מדבר. ער האָט געגלייבט, אַז דאָס איז מעגלעך. מען קען אויסהאָדעווען אַזעלכע מינים געוויקסן. זיי עקזיסטירן, זיי זענען דאָ, אפשר נאָך נישט מיט אַלע אייגנשאַפטן פון קענען אויסהאַלטן און איבערהאַלטן טריקעניש, היצן, דעם זאַלץ־אָטעם וואָס קומט פון דעם ים. מען דאַרף מאַכן אַן אָפּקלייב פון די שטאַרקע מינים, מען דאַרף זיי צונויפ־קרייצן מיט אַנדערע מינים. וועט מען דאָס באַווייזן — דאַן וועט דער נגב פאַרדעקט ווערן מיט וועלדלעך, מיט גרין־ברוינלעכע טעפּיכער, דאַן וועלן די זאַמדן צוגענאָגלט ווערן דורך די פלאַנצן־וואָרצלען צו דעם באָדן און זיי וועלן זיך אויסמישן מיטן געוויקסן־אָפּפאַל, די וואַסערן פון די רעגנס

װעלן אײנגעהאַלטן װערן און דער נגב װעט נישט לעכצן, אין די הײסטע חדשים אפילו, נאָך פײכטקײט.

אמנון איז געװען יונג און די יונגשאַפט האָט אים געשראָקן, אַז ער זאָל נישט דאָ, אין אשקלון, פאַרלירן זײן צײט װאָס איז באַשטימט נאָר אױף זײן פאָרשונג.

בעת דעם ערשטן באַזוך האָט ער זיך עטלעכע מאָל נישט געקענט באַפרײַען פון באַקאַנטע. אײנע האָט זיך אים אָנגעבאָטן העלפן קאָלעקציאָנירן די פלאַנצן און װען ער איז צומאָרגנס אַרױס צו זײן דזשיפּ, איז זי שױן דאָרט געזעסן אין איר באַד־קאָסטיום. ער האָט זי געמוזט מיטנעמען אין נגב אַרײַן.

אַזױ איז עס געװען טאָג נאָך טאָג.

אײנע נאָר איז געװען אַנדערש פון אַלעמען; אַ פראַנצױזין מיטן נאָמען פאַביאַן. זי איז געקומען אין די פאַרנאַכטן מיט אַ קלײן מײדעלע פון אַ יאָר דרײַ צום ים. די באַקאַנטשאַפט איז געשען דורך דעם קינד. עס האָט זיך געװאָנדן צו אמנונען אין פראַנצױזיש און עפּעס געמאָנט, עפּעס געװאָלט, ציענדיק אמנונען פאַר אַ האַנט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען די פראַנצױזישע רײד פון קינד און געפילט זיך שולדיק. װי אַזױ האָט ער געקענט אָפּזאָגן דעם קינד, װאָס האָט מיט אַזאַ אײנגעשפּאַרטקײט געהאַלטן אַ פינגער פון זײן האַנט און געשטעלט קלײנע באָרװעסע טריט אין פײכטן זאַמד? אַ שװאַרצהאָריקס, אַ ליכטיקס, מיט צעשמײכלטע גרױסע אױגן, נאַקעט, בלױז אין בלאָע הײזלעך, האָט עס געפירט אמנונען פאַרבײַ דער ליגשטול װו עס האָט זיך געװאָרעמט אױף דער זון איר מוטער. דאָס קינד האָט אָנגעװיזן אױף אַ קלײן ים־קרעבסל װאָס איז אַרומגעשװומען אין אַ סאַ־זשעלקע װאָס דאָס קינד האָט אױסגעגראָבן.

אמנון האָט געװאָלט רײדן צום קינד אױף פראַנצױזיש און דערפילנדיק, אַז ער מאַכט פעלערן איז ער אַריבער אױף עברית. דאָס קינד האָט אים פאַרשטאַנען װײַל עס האָט אים אָפּגעענטפערט, געלאַכט און בשום אופן נישט געװאָלט אַרױסלאָזן זײן פינגער פון הענטל, װאָס איז געװען װײך און קיל פון דעם ים־װאַסער.

אַזױ האָט זיך אָנגעהױבן אמנונס פרײַנדשאַפט מיט פאַביאַן. זי איז געװען

צוריקגעהאַלטן מיט אים, נישט פֿאַרגעשלאָגן זיך צו באַגלייטן אין די פֿאַר־טאָגיקע וואַנדערונגען מיטן דזשיפּ, זי האָט אים נישט געשטעלט קיין שאלות, אַזוי ווי דאָס רוב פֿון די טוריסטינס וואָס האָבן ביי דער ערשטער באַגע־געניש געוואָלט אַלץ זיך דערוויסן. אמנון איז געקומען אין איר האָטעל אַריין, געזעסן אויף דער טעראַסע ביי אַ קאַווע און געשפּילט זיך מיט דעם קליינעם מיידעלע זאבה.

איין מאָל, בעת אמנון האָט געשילדערט פֿאַר פּאַביאַנען די געוויקסן פֿון נגב און די פֿאַרבאָרגענע פֿאַרבן־עשירות, וואָס נישט יעדער איז מסוגל אויפצונעמען, איז דער שמועס אַריבער אויף מאַלעריי. דעמאָלט טאַקע האָט פּאַביאַן פֿאַרבעטן אמנונען אין איר ווינונג.

נישט ווייט פֿון פּראַנצויזישן טוריסטן־דערפֿל, עטלעכע שריט פֿון ים, אַ קליין געמויערט הויז, אַ פֿאַרשאָטנטס מיט קריכפּלאַנצן, אַן איינשטאָקיקס, האָט געוווינט די פּראַנצויזין. זי האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן דעם גרעסטן טייל פֿון יאָר, בלויז אין די ווינטערס איז זי אויף אַ פּאָר וואָכן געפֿאָרן קיין פּאַריז. דער גרויסער גאַסט־צימער איז געווען פֿול מיט בילדער. עס האָט דאָ געהערשט די אומאָרדענונג פֿון אַן אַטעליע; די סטאַלוגעס מיט אַ נישט־פֿאַרענדיקטן נגב־פּייזאַזש, אַ גרויסע פּאַלעטע מיט אָנגעהויפֿטע געלע, ראָזע, ווייסע און גרינלעך־זילבערדיקע אייל־פֿאַרבן, לאַנג שוין איינגע־טרוקנטע. די ליכטיקע געלע טענער האָבן צוגעצויגן אמנונס אויפמערקזאַמ־קייט. עס איז אים אויסגעקומען, אַז די פֿאַרבן שרייען־אַראָפּ פֿון דער פּאַלעטע. נישט ווייט איז געשטאַנען אַ געפּלאָכטענע ליג־שטול פֿון עפּעס אַן אָפּגעבליאַקעוועטן שטרוי און אויף איר איז געלעגן אַ כאַקענע בלוזע אַ פֿאַרפּלעקטע מיט אייל־קאָלירן. אַלץ האָט אויסגעזען ווי דער מאָלער וואָלט מיט עטלעכע טעג צוריק איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע זיין אַרבעט און וועט זיך בקרוב צוריקקערן צו זיין מאָלברעט כדי צו פֿאַרענדיקן דעם נגב־פּייזאַזש. דאָך האָט אמנון געפֿילט אַז עפּעס איז דאָ געשען. פֿאַרוואָס איז דאָס בילד נישט פֿאַרענדיקט געוואָרן נאָר דער מאָלער האָט עס געלאָזט אַזוי? לויט די האַסטיקע ליניעס, לויט די אָנגעוואָרפֿענע פּלעקן און דער ספּאָנטאַנישקייט פֿון דעם אופֿן פֿון דער מאָלעריי, איז נישט צו פֿאַרשטיין הלמאי דער מאָלער האָט נישט פֿאַרענדיקט זיין בילד. עס האָט געמוזט געשען

עפּעס אומגעוויינטלעכס, האָט אמנון געטראַכט, זייענדיק דערביי זיכער, אַז פּאַביאַן איז נישט די מאָלערין. דאָס האָט געמאָלן אַ מאַן. מען דערקענט דאָס נישט בלויז אין די בילדער, נאָר אין דער אַטמאָספער פון דער אַטעליע. און אַז ער האָט דערזען אויף עטלעכע בילדער דעם אונטערשריפט „זאבֿ" איז אים קלאָר־געוואָרן, אַז פּאַביאַן איז אַליין אויך אין דער וווינונג.

— זאבה, ווו ביסטו ? — האָט ער פּלוצעם אָנגעהויבן רופן דאָס מיידעלע, אָפּקערנדיק זיך פון דעם מאָלברעט. — זאבה!

אמנון האָט באַלד חרטה געהאַט, ווייל מיטן רופן פּאַביאַנס טאָכטער, האָט ער געוואָלט זיך ווי איבערצייגן אַז דער מאָלער פון די בילדער איז מער נישטאָ, אַז ער לעבט נישט און אַז דאָס מיידעלע טראָגט דעם נאָמען נאָכן פאָטער.

דאָס וואָס האָט אים אָבער דעמאָלט גובר געווען איז נישט אַזוי געווען די מאָלעריי פון איינעם אַ זאבֿ, נישט די פּראָנצוויזין און איר טעכטערל נאָר אַ נייגער. דאָס איז געווען ביי אים ניי און ער האָט געהאַט פּאַרדראָס אויף זיך, וואָרעם עס איז געווען בלויז נייגער אַזאַ ווי צו די מדבר־פלאַנצן. אַ נייגער וואָס וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן, ווייל נאָכן דערוויסן זיך דעם סוד וועט ער זיך דערפון אָפּקערן אַזוי ווי פון אַ מדבר־פלאַנץ וועלכן ער האָט אויסגעפאָרשט.

כדי צו באַפרייען זיך פון אָט דעם נייגער האָט ער זיך אויפגעצוווּנגען נישט צו שטעלן קיין שום שאלות, נישט צו פאַרפירן דעם שמועס וועגן מאָלער זאבֿ. ער האָט באַדויערט הלמאַי ער האָט אַזוי הויך גערופן דאָס מיידעלע ביים נאָמען.

אמנון יפת האָט מיט רויִקע רייד געוואָלט פאַרדעקן זיין נייגער.

— פאַראַן אין די בילדער אַן אומבאַגרענעצט אַוועקשענקען זיך דער נאַטור. די פּייזאַזשן זענען נישט בלויז פול מיט דיכטונג און מיט דער ספּאָנטאַנישער געפילס־וועלט נאָר מיט אַ טריישאַפט צום סוזשעט. ווי אַ באָטאַניקער לערן איך פיל פון די בילדער. זיי אַנטפּלעקן פאַר מיר דעם נגבֿ אין פאַרשיידענע צייטן פון יאָר. איך קען אייך געניי זאָגן אין וועלכער צייט זיי זענען געמאָלן געוואָרן. זעט אויס, אַז דער מאָלער האָט פיל געאַרבעט

דירעקט פון דער נאַטור. מיר דאַכט זיך, אַז געוויסע ערטער זענען מיר באַקאַנט. אַזעלכע קוסטעס מיט די פאַרבן וואַקסן אַ פופצן קילאָמעטער פון דאַנען אויף מזרח־דרום. דאָרט האָט דער מאָלער זיכער געהאַט אויפגעשטעלט זיין מאָלברעט. דאָס שכנותדיקע בילד, מיט די ברוין־זילבערדיקע געוויקסן־איינדזלען אין אַ שטיינערדיקער פלאַך פון אַ שוועבל־קאָליר, איז געמאָלן געוואָרן אויפן וועג צו תימנע.

פּאַביאַן האָט אויסערלעך איינגעהאַלטן די גלייכגילט, אָבער איר קול האָט אויסגעגעבן דעם אומרו.

— איך וועל אייך דאַנקען, אַז איר וועט מיך מיטנעמען אויף די ערטער.

— מען מוז איבערוואַרטן ביז צו דער צייט ווען דער מדבר וועט באַקומען די זעלביקע קאָלירן. איצט וועט איר נישט קענען זען די פאַרבן וועלכע זאב האָט זיי אַנטפּלעקט. עס איז די צייט פון טריקעניש.

— זאָגט איר מיר אָפּ?

פּאַביאַן האָט געפּרוווט שמייכלען. איר פּנים איז אָבער פאַרוואָלקנט געוואָרן און האָט בולט געמאַכט די ערשטע צייכנס פון אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן און אַ מידקייט. דאָס איז געווען נישט אַזוי אַ פיזישע מידקייט ווי די מידקייט פון איבערלעבונגען. זי איז נישט געווען שיין. די ליניעס זענען צו האַרטע און צו שאַרפע. נישטאָ קיין ווייכקייט אין איר פּנים. איינגעשפּאַרטקייט, זיכערקייט אין זיך און דאָך איז געווען אין איר דאָס אומבאַשטימטע וואָס האָט געקענט לאָקן יעדן מאַן.

אמנון האָט מיט חידוש עטלעכע מאָל דערזען אַז די אויבן־אויפיקע נישט־שיינקייט איז אָפט פאַרשווונדן און ער האָט אָנגעהויבן צו אַנטדעקן אַז פּאַביאַן איז אַ צוציענדיקע פרוי. פאַרוואָס האָט ער דאָס גלייך נישט דערזען נאָר ערשט שפּעטער? פאַרוואָס איז דער רייץ אַ פאַרגייענדיקער און טויכט אויף אויף ס׳ניי?

אין כסלו האָט אמנון געמוזט איבעררייסן זיין פאַרש־אַרבעט, און צוריקפאָרן קיין ירושלים כדי צוגרייטן זיך צו עקזאַמענס. ביים געזעגענען זיך מיט פּאַביאַנען האָט זי אים געגעבן אַ דיק העפט, אַ געדיכט פאַרשריבנס, וואָס איז געבליבן נאָך זאב. זי האָט דאָס העפט אויסגעפונען מיט אַ צייט צוריק, אַזוי ווי דער כתב־יד איז געשריבן אין אַ שפּראַך וואָס איז איר

אומבאַקאַנט, בעט זי אמנונען, אַז ער זאָל זיך באַקענען מיט דעם אינהאַלט.

אמנון האָט צוגעזאָגט איבערצולייענען דאָס העפט אין זיין פרייער צייט אין ירושלים און דערנאָך אים צוריקשיקן, אָדער צוריקברענגען, בעת זיין צווייטן באַזוך וועלכן ער פּלאַנירט אויף די לעצטע טעג פון חודש תמוז.

ערב דעם פאַרלאָזן ירושלים האָט אמנון צופעליק געפונען אין איינעם פון זיינע רוקזעק דעם מאַנוסקריפּט וועלכן עס האָט אים געגעבן פאַביאַן מיט חדשים צוריק אין אשקלון. ער איז געלעגן צוזאַמען מיט פאַרטריקנטע ריטלעך, מיט בלעטלעך פון אַ קוסט און לאַנגע טונקל־זילבערדיקע צווייגלעך וואָס האָבן זיך געבראָכן ווי נאָר מען האָט זיי באַרירט.

אין געאייל האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף די ערשטע בלעטלעך, אָנגעהויבן לייענען און צוריק פאַרמאַכט די טונקעלע דעקלעך. ניין, ער וועט עס בעסער מיטנעמען קיין אשקלון און אין די ערשטע צוויי־דריי אָוונטן וועט ער באַקענען זיך מיט דעם טאָגבוך. עס איז אויפגעגאַנגען פאַר אים פאַביאַנס פנים. ער האָט אָבער נישט געקענט געוויס זי זיך דערמאָנען. אפשר דערפאַר ווייל בעת די פריערדיקע באַגעגענישן האָט ער זי יעדעס מאָל אַנדערש געזען.

דער חאַמסין האָט אים אָפּגעהאַלטן אַרויסצופאָרן אין מדבר אַריין. פאַר טאָג איז ער אַוועק צום ים זיך באָדן. פאַביאַן איז נישט געווען אויף דער טעראַסע, בעת ער האָט זיך צוריקגעקערט. זי וועט אַוודאי זיין מיט זאַבהן פאַר נאַכט.

אַ גאַנצן טאָג האָט אמנון זיך באַשעפטיקט מיט זיינע פאַרצייכענונגען וועלכע ער האָט דאָ געמאַכט בעת דעם ערשטן באַזוך. ער האָט געעפנט די מאַפּע פון דער געוויקסן־וועלט פון דעם קרייז ווו ער האָט געאַרבעט דאָס פאָריקע מאָל צוויי וואָכן צייט. ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעקוקט די ערטער ווו ער האָט באַצייכנט די קוסטעס, אַרויסגעהאָלפן זיך מיט אַ קליינער קאַרטאָטעק אין וועלכער עס זענען געווען אַלע פּרטים פון פלאַנצן און אָפּטמאָל אויך אַ צייכענונג אין קאָלירן.

דאָס מאָל האָט ער באַשלאָסן צו פאָרשן די ענדערונגען וועלכע זענען

פּאַרגעקומען אין יעדן פלאַנץ. עס האָבן אים באַזונדערס אינטערעסירט די וואָרצלען. ווי אַנדערש זיי זענען ביי יעדן מין, און אפילו פון זעלביקן מין? טייל זענען צעשפּרייט, פאַרהעקלען זיך ביי יעדן אונטערערדיש שטיינדל, זיי האָבן דינינקע וואָרצל־אויסשפּראָצן וואָס שטעקן אַרויס פון באָדן און טייל אַרויסשפּראָצונגען פון די הויפּט־וואָרצלען ציִען זיך אין דער טיף, שאַפנדיק אַ געוועב וואָס פאַרפעסטיקט דעם זאַמדיקן באָדן קעגן די ווינטן וועלכע בושעווען אַרום דאָ נידעריק און מאַכן אַ תל אין די קלעטער־גראָזן און אין די פאַראַיאָריקע פאַרוועלקטע דערנער. מיט די אייבערשטע וואָרצל־אַרויסשפּראָצן זאַפּט די פלאַנץ איין די טויען און די פייכטיקייט פון דער לופט, מיט די אונטערשטע, די וועלכע פאַרהעקלען זיך אין יעדן שטיינדל און האַרטער ערד־גרודע, טרינקט דער פלאַנץ די טראָפּנס וואָס בלייבן אָפּט נאָך די רעגנס, לאַנגע חדשים, וואָרעם דאָ איז אייביקער שאָטן ווו די רעגן־וואַסערן היטן זיך אויס ווי אין קליינע מיניאַטור־בעקנס. וואָלט געלונגען צו באַדעקן דעם נגב מיט די ווילדפלאַנצן און מיט די אַלערליי טיף־וואָרצלדיקע גראָזן און קריך־געוויקסן, וואָלט זיך די אייבערשטע ערד־שיכט געענדערט דורך דער צייט און עס וואָלט מעגלעך געוואָרן צו פלאַנצן ביימער און צו פאַראַקערן שטיקער פעלד אויף גערטנער און אויף פלחה.

נישט איין מאָל האָט אמנון יפת געטראַכט אַז דער נגב איז נישט קיין מדבר נאָר אַ פאַרוויסטע און פאַרלאָזענע ערד.

ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף סימנים פון נאַבאַטן־ישובים, אויף אַלטע וועגן, אויף צייכנס, אַז עס זענען דאָ געוואַקסן פרוכט־ביימער. ער האָט אַנטדעקט, לענגאויס די וואַדיס, שמאָלע טאַל־אָפּצווייגונגען, וועלכע האָבן אָפּגעצויגן אַ טייל פון די וואַדי־וואַסערן בעת די רעגנס־צייטן צו ספּעציעל־צוגעגרייטע שטיינערנע בעקנס.

איין מאָל האָט ער אפילו אַרויפגעצויגן פון אַזאַ בעקן אַ קרוג קאַלט וואַסער.

פאַר נאַכט איז ער אַוועק מיט זיין דזשיפּ אויף אַ קורצן שפּאַציר. דער הייסער ווינט האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזן און בעת אמנון איז שנעל געפאָרן האָט ער געפילט אַ מילדע און פרישע קילקייט. ערגעץ, נישט ווייט פון אַ וואַדי, ווו עס האָט געליכטיקט מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטן גלאַנץ אַ ברייטער

זאַמד־שטרייף, האָט ער דערזען ווי עס קייקלט זיך אַ זילבערדיק־גראָער ווי ביז דורכזעעוודיקייט, אויסגעגראַווירטער קײלעך.

— דאָס איז דער גלגל־פּלאַנץ! — האָט ער אויסגערופן, מאַכנדיק דערביי אַ שאַרפן קער מיטן וואָגן צו די זאַמדן.

אמנון איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דזשיפּ, פּאָרזיכטיק גענומען דעם אויסגעטרוקנטן רונדיקן קוסט אין ביידע הענט אַריין און אים געהאַלטן אַזוי ווי מען האַלט אַן אַלטע כּלי וועלכע מען האָט אויסגעפונען אין אַ הייל און מען שרעקט זיך אַז אָט־אָט וועט זי זיך צעפאַלן.

ווי שיין ער איז! ווי סימעטריש עס זענען זיינע צווייגלעך! ווי רונדיק ער איז! אַזוי ווי אַ האַנט פון אַ מייסטער גראַווירער וואָלט אויסגעגראַווירט אין אַלטן זילבער זיינע דינע פיליגראַן־פאָרמען.

די פלאַנץ איז שוין געווען ליידיק, אָן דער זריעה.

אמנון האָט געוווּסט, אַז די זריעה־קערנער זענען אויסגעמישט געוואָרן מיט די וואַנדערנדיקע זאַמדן, אַז זיי טראָגן זיך איצט אַרום איבער די פלאַכן צוזאַמען מיט דעם ווינט, אַז טויזנטער אַזעלכע זריעה־קערנערלעך זענען צעשפּרייט געוואָרן אויף צענדליקער קילאָמעטער און אַז די וואַדי־וואַסערן האָבן זיי אַוועקגעטראָגן ווייט־ווייט פון דאַנען, ביז צום לאַנד אדום און פון דאָרט נאָך ווייטער. אָט די קײלעכדיקייט דערמעגלעכט אים זיך קייקלען אַזוי לאַנג ביז דער גלגל פאַרלירט אַלע זיינע זריעה־קערנער.

ווען עס וועט קומען די צייט פון בליען, וועלן אויפשפּראָצן די גלגל־פלאַנצן, באַדעקן מיט גרינקייט די פלאַכן כּדי אין דער צייט פון וועלקונג זאָלן זיי זיך ביים ערשטן ווינט אָפּטיילן פון די וואָרצלען און פאַרטראָגן ווערן אין די ווייטענישן.

נאָכן צוריקקומען פון דעם אָונטיקן שפּאַציר איז אמנון נישט אַוועק צו דער טעראַסע ווו עס פלעגט אָפט זיצן פאַביאַן מיט איר מיידעלע. ער איז אויך נישט צוגעפאָרן אַ קוק־טאָן אויב זי איז איצט אין איר היים. ער האָט באַשלאָסן איבערצולייענען דאָס העפט כּדי ער זאָל עס מאָרגן קענען צוריקגעבן און דערציילן דער פראַנצויזין פרטים פון זאבס פאַר־צייכענונגען, אַזוי ווי זי האָט דאָס פון אים געבעטן.

דאָס איז געווען אַ געדיכט פֿאַרשריבן העפֿט מיט אַ נישט גלייכער האַנטשריפֿט. נישט אַלע בלעטלעך זענען געווען צונויפֿגענייטע, זיי זענען געלעגן צווישן די זייטלעך, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין נומערן. געוויסע פֿאַרצייכענונגען זענען געמאַכט געוואָרן מיט אַ בלייער, טייל מיט אַ פּען פֿון פֿאַרשיידענעם טינט. לויט די בלעטלעך פֿון אַ נישט גלייכער גרייס, איז געווען צו זען אַז זיי זענען פֿאַרשריבן געוואָרן אין פּאַריז, וואָרעם עס זענען אָנגעגעבן געווען ביי די ראַנדן אַדרעסן פֿון פּאַריזער גאַסן, טעלעפֿאָן־נומערן. געווען אויך בלעטלעך וועלכע זענען געווען באַשטימט פֿאַר די שיפֿס־פּאַסאַזשירן פֿון „צים" אויף קאָרעספּאָנדענץ.

דאָס איז נישט געווען קיין טאָגבוך און נישט קיין נאָטיץ־העפֿט. די באַשריבענע געשעענישן האָבן נישט געהאַט קיין כראָנאָלאָגישן סדר. אָפֿט מאָל, בעת עת זענען פֿאַרשריבן געוואָרן טעגלעכע פּאַסירונגען, זענען זיי פּלוצעם איבערגעריסן געוואָרן און דער מחבר האָט אָנגעהויבן צו שילדערן אַן איבערלעבעניש מיט יאָרן צוריק. עטלעכע אָקציעס זענען געלאָפֿן ווי פּאַראַלעל: דער איצט, די צייט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דאָס וואָס דער מחבר האָט איבערגעלעבט אין ישראל.

אמנון האָט געטראַכט אַז עס וואָלט אפֿשר בעסער געווען אויסצוסדרן די בלעטער. ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן ווייל ער האָט דערקענט, אַז זייט די בלעטלעך זענען פֿאַרשריבן געוואָרן, האָט זיי קיינער מער נישט באַרירט. הייסט דאָס, אַז דער מחבר האָט זיי אַזוי געלאָזן. עס זענען שוין פֿאַרביי דריי יאָר ווי עס זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן די לעצטע שורות, ווייל ביים סוף איז געווען אָנגעגעבן די דאַטע פֿון דער שיף „תאודור הרצל", וואָס גייט אָפּ פֿון מאַרסעי קיין חיפה. קיין נאָמען אויפֿן שער־בלאַט און איבער דעם ערשטן זייטל, איז נישט אָנגעגעבן געווען. בלויז אין דער אינעווייניקסטער זייט פֿון דער הילע האָבן זיך אָנגעזען עטלעכע צייכנס מיט אַ בליי; אַ פּנים פֿון אַ יונגן מענטש מיט אַ הויכן שטערן, טיף־אַריינ־געזעצטע אויגן, מיט שמאָלע קנייטשן ווי די שטראַלן, ביי די שלייפֿן, אַ לאָק פֿון דער טשופּרינע וואָס איז געלעגן אין סאַמע מיט פֿון שטערן, זיבלעכע

ליפּן, פּולע און אַ שיין געפּאָרעמטער אונטערשטער מויל־טייל. דער האַלדז איז געצייכנט געווען דורך איין ליניע, אַ לאַנגע און ווייכע. אונטער דער צייכענונג איז געווען עפּעס אַן אונטערשריפט. אמנון האָט אים געפּרווט דעשיפרירן און נישט געקענט. דאָס איז דער אויטאָפּאָרטרעט — האָט ער געטראַכט.

אַזוי ווי דאָס העפט האָט נישט געהאַט קיין שום נאָמען האָט ער עס אָנגערופן „דער אויטאָפּאָרטרעט".

און דאָס איז זיין פּולער אינהאַלט.

— אַנטשולדיקט, איך וויל זיך פאַר אייך פאָרשטעלן. אין בין דאָ אַן אָפטער גאַסט און קען כמעט אַלע וואָס קומען אַהער. איך זע אייך דאָס ערשטע מאָל. עס קען זיין אַז מער וועט איר אַהער נישט קומען. עס וועט מיר דערנאָך באַנג טאָן פאַר וואָס איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט. איך וועל דאָס שטאַרק באַדויערן.

צו ערשט האָב איך באַמערקט איר חידוש, דערנאָך נייגער און צום סוף, אַ שמייכל פון גרויסמוט.

זי האָט מיר דעם שמייכל צוגעוואָרפן אַזוי ווי קערנער פאַר אַ מידן פויגל.

— מיין נאָמען איז זאב. איך בין אַ מאָלער.

זי איז מיט איין מאָל געוואָרן פריינדלעך און היימיש. דער איבערגאַנג האָט מיך שאָקירט ווייל איך האָב נישט ליב די פרויען וואָס טוישן אַזוי גיך זייערע פנים־אויסדרוקן.

פון יענער זייט בופעט האָט אַ קלימפּער געטאָן; עטלעכע גלעזער האָבן זיך אָנגעשלאָגן, הייזעריקע קולות פון מענער, דאָס רופן פון דער הויכער קאָלעט אין דער אָפענער קיכטיר, דאָס פאַרבייפאָרן פון אַ שווערן אויטאָ — דאָס אַלץ איז געקומען אין דער זעלביקער רגע ווען די אומבאַקאַנטע האָט אָנגערופן איר נאָמען.

— פאַביאַן.

— איר וואַרט אויף עמעצן? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ.

— איך וויל אייך נישט שטערן. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס איך האָב אָנגעהויבן ריידן צו אייך. עפּעס איז פאַראַן אין אייער פּנים וואָס האָט מיך געמאַכט היימיש.

איך האָב געקוקט דורכדרינגלעך אויף איר. אַ ברוינלעך פּנים, שוואַרצע האָר פאַרקעמט אויף אַרויף. אויגן, עטוואָס אַרויסגעזעצטע מיט גרויסע ווײַעס. עס דאַכט זיך אַז זיי קוקן אַראָפּ. דער מירמל־געוועב פון די ווייסלען לויכט מיט קילקייט. דער קילער אָפּשיין פאַלט אויף דער אייבערשטער ליפּ, די אונטערגעהויבענע, און עס מיניעט זיך אַ זייד־פייכטקייט. די נאָזלעפּלעך ציטערן בעת זי אָטעמט און דער אָטעם אָנטפּלעקט די הייס־שלאָגנדיקע געבליטן וואָס קענען נישט פאַרבאָרגן ווערן דורך איר כלומרשט גלייכגילטיקן קילן בליק.

— איך וועל בקרוב האָבן אַן אויסשטעלונג. וועט איר קומען זען מיינע בילדער ? דאָס איז דער קאַטאַלאָג...

מיר האָבן אויסגעטרונקען צוויי גלעזלעך ווײַן.

— אויף דערפאָלג.

זי האָט אַ קוק־געטאָן אויף איר זייגערל. איך האָב פאַרשטאַנען אַז עס איז צייט צוריקצוגיין צו מיין טישל. אין דער רגע האָט זיך געעפנט די די טיר און עס איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל אַ נידעריקער, גוט געקליידעטער מאַן פון אַ יאָר פופציק. איך האָב געזען ווי פאַביאַן איז אויפ־געשפרונגען, איבערגעלאָזט מיין פאַרבעטונגס־קאַרטע צו דער אויסשטעלונג און איז אַוועק.

— קאָלעט, גאָך אַ גלאָז ווײַן !

מיט אַ מאָל, פאַביאַן איז ווידער דאָ. זי איז צוגעקומען צו מיין טישל און געזאָגט : — איך האָב עפּעס פאַרגעסן... דאָס איז מיין טעלעפאָן... איך בין פריי אין די נאָכמיטאָגן, נאָר נישט שבת און זונטיק... זי האָט געלאַכט אַרויסרופעריש.

איך האָב געטראַכט : פאַביאַן האָט אַלץ צעשטערט. איצט פאַרשטיי איך ווער זי איז.

וואָס טו איך אין דער דאָזיקער קאַפע, אין פרעמדן פאַריז, אויף דעם אינדזיל פון דער סען, לאַנגע שעהען אין טאָג ?

פאַר וואָס האָט מיך אַזוי געלאָקט דער אינדזל אין האַרץ פון אַלטן פּאַריז מיט דער קאַפע וואָס רופט זיך „דער בלינדער שטערן־זוכער״?

בעת איך האָב דאָס ערשטע מאָל איבערגעלייענט דעם נאָמען וואָס איז אויסגעמאָלן מיט באַגילדטע אותיות, אַלטמאָדישע, אָפּגעבליאַקעוועטע, אויף אַ שוואַרצן בלעך, האָב איך געלאַכט מיט ביטערניש: „דער בלינדער שטערן־זוכער״... איך האָב זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, ביי אַ נאַקעט טישל און געזעסן דאָס הויכע געשטעל פון בופעט. דאָרט זענען געשטאַנען צוויי פאַר־שווינען אין קורטקעס, אין שוואַרצע בערעטן און האָבן געקוקט אויף דער פוסטער שטייג וואָס איז געהאָנגען איבער דער צעיוירענער שענקערין מיט דעם טאָפּעלן גוידער. עס איז אַריינגעקומען אַ זקן אין אָנגעשטייפטע הויזן, אָנגעשפּאַרט אויף אַ באַמבוק־שטעקן, אין לאַץ — קאָלירקע צייכנס. ער האָט גאָרנישט נישט געזאָגט און איך האָב באַמערקט ווי די שענקערין שטעלט אַוועק דעם טאַבורעט, קלעטערט אַרויף. אירע פיס זענען איצט אויף דער פלאַך פון הויכן בופעט־געשטעל און די צוויי פאַרשווינען האָבן זיך איבערגעוווּנקען, זיך אָנגעקלאַפּט מיט די כוסות. די שענקערין האָט געלאַכט אין דער שורה פלעשער אַריין, עס האָט געציטערט דער גרויסער פאַלשער גרעק און פאַרטשעפּעט די באַגילדטע קלאַטקע און זי האָט זיך אָנגעהויבן וויגן.

איך בין געזעסן און געצייכנט דעם קופערנעם ראַנדל אויף דער וואַנט, די שטייג, די צוויי פאַרשווינען וואָס קלאַפּן זיך אָן מיט די כוסות און די שענקערין וואָס דערהייבט זיך איבער זיי אַלעמען מיט איר מעכטיקן גוף.

איצט האָב איך געוואָרט אַז קאָלעט זאָל צוקומען, אַ בליק־טאָן אויף דער צייכענונג און זאָגן: מסיע, ווי מעטר... איך האָב געחוזקט פון זיך אַליין און צעריסן די צייכענונג. דו ווילסט נאָכמאַכן טולוז לאָטרעק? ער איז געווען קליין, מיט האַלב־געליימטע פיס. זיין וועלט האָט ער באַגעגנט אין קאַפע. דו ביסט הויך, דיין קאָפּ איז פול מיט זילבער. זעסט אויס ווי — — —

איך בין געבליבן פאַרטראַכט און נישט געקענט געפינען צו וועמען איך בין ענלעך.

דאָס איז שוין דער צווייטער חודש ווי איך בין אין פּאַריז. איך בין דאָ

איינזאַם און טרויעריק. איך האָב אָנגעהויבן קאָפּירן דאָס לעבן פון אַן אָרעמען אויסלענדישן קינסטלער, מיט אַ דור צוריק. אָפּגעזוכט אַ קליינע קאַפּע אויפן סענער אינדזל, זיץ דאָרט שעהען און וואַרט. אויף וואָס? איין גאָט ווייס. איך טראַכט און ווייס נישט וועגן וואָס. עס איז נישט מער ווי אַ צעריסן און צעברעקלט טראַכטן און איך לויף פון איין מחשבה צו דער אַנדערער מיט אַזאַ בליצשנעלקייט אַזוי ווי עס לויפט פון אונטער די רעדער פון אַ גאַלאָפּירנדיקן וואָגן די ערד. איך שפּאַציר לענגאויס דער סען, קוק אויף די וואַסערן און גיי דערנאָך אין מיין קליינער אַטעליע. מיין פּאַלעטע איז פול מיט אַ געל-גרויער פאַרב. איך מאָל מער מיטן שפּאַכל ווי מיטן פּענדזל. איך האָב ליב די פלאַכקייט פון שטאָל און מיינע פלעקן זענען ענלעך צום טינק פון ווענט באַלויכטענע פון אַ פאַרגייענדיקער זון. איך רוף די פלעקן בלומען. מיינע הייפעלדער און תבואה-לאַנען זענען אויך געמאָלן אויף דעם אופן. עס איז נאָר פאַראַן אַן אונטערשיד אין פלאַך פון די שטריכן וואָס בלייבן נאָך דעם ווי איך שפּאַכל די לייוונט. איך נוץ פון צייט צו צייט ניואַנסן פון גאָלדיקן ברוין און פון אַ יונגן פּאָספּאָר-גרין. פאַר וואָס האָב איך ליב די פאַרבן? שוין יאָרן ווי איך פּלאָנטער זיך אין דעם ליכטיקן געל און יונגן גרין און קען זיך פון זיי נישט באַפרייען.

איז דאָס דער מדבר וואָס איז אַריין אין מיר זינט יענע יאָרן אין נגב?

אפשר דאָס ליכט פון די דרום-הימלען וואָס רייסט זיך איצט אַרויס פון מיר אין דער גרויער פּאַריזער אַטעליע?

ביי אַלע מיינע פריינד הענגען שוין די פּירקאַנטיקע געלע פלעקן אויף די ווענט. מיין ערשטע אויסשטעלונג האָט געהאַט דערפאָלג. פאַר וואָס ווייס איך נישט. דאַכט זיך, דאָס איז געשען צוליב אַ באַקליידפאַבריקאַנט. ער האָט אַ וואָך פאַר דער אויסשטעלונג טעלעפאָנירט צו אַלע זיינע ידידים. זיי האָבן זיך געשטעלט געגנוי, צו דער שעה, ווען מען האָט געעפנט די אויסשטעלונג און אויסגעקויפט אַ העלפט פון די בילדער. איך בין פּאָפּולער צווישן יידישע שניידער פון דאַמען-מאַנטלען און טריקאָטערן. דאָס האָב איך באַוויזן אין פאַרלויף פון די ערשטע חדשים. איצט דאַרף מען אַנהייבן פון דאָס ניי. וויפל מאָל איך פּרוּוו נאָר נישט אַוועקגיין פון אָטאָ די פאַרבן בלייב

איך אָן אויסגעלאָשענער מיט דער פּאַלעטע, ביי דער ווייסער לייוונט, שעהען לאַנגע ביז עס הייבט אָן צו טונקלען. דעמאָלט לייג איך זיך אַוועק אויף דער קאַנאַפּע, קוק אויף די דעכער, ביז די נאַכט פאַלט צו.

אין איינעם פון די נאָכמיטאָגן וועל איך אָנטלעפאָנירן צו פאַביאַנען. איך ווייס שוין געניי, פון פריִער אויס, ווי אַזוי עס וועט זיין. איך וועל איר ווייזן מיינס אַ בילד. זי וועט דאָס באַוווּנדערן, דערנאָך וועל איך איר פאַרלייגן צו באַזוכן מיין אַטעליע. איך וועל צייכענען איר פּאָרטרעט. זי וועט קומען אין די נאָכמיטאָגן עטלעכע מאָל און אין אַ שיינעם טאָג וועט זי מיר רויִק ענטפערן דורכן טעלעפאָן: „איך בין פאַרנומען״, אָדער, „איך וועל דיר צו וויסן טאָן ווען איך וועל זיין פריי״. דאָס וועט זיין דער סוף. ניין. איך וועל נישט קלינגען צו איר.

איך האָב זיך אָפּגעריסן פון אַ סטייע פייגל און איינער אַליין אַוועק־געפלויגן איבער פאַרנאַכטיקע הימלען. פאַר וואָס?

מיר איז מיאוס געוואָרן מיין אייגענע ביאָגראַפיע. איך האָב זי געוואָלט אַליין פורעמען און נישט געפורעמט ווערן פון בלינדן גורל.

איך הייב אָן אויף ס׳ניי מיין לעבן. איך בין דער איינציקער, דער לעצטער פון אַ דור וואָס איז אומגעקומען אין אוישוויץ. איך בין דער ערשטער, דער אָנהייבער פון אַ נייעם דור. ניין, איך וועל קיין מאָל נישט קענען פאַרגעסן זייער אַוועקגיין. זיי זענען פאַר מיר פאַרהייליקט און ווי אַלץ וואָס איז הייליק — הייבן זיי אָן צו ווערן ווייט און פרעמד. זיי האָבן זיך אויס־געמישט מיט די תנ״כישע געשטאַלטן און שוועבן אַרום אין מיינע פאַר־טונקלטע הימלען. איך טרעט אויף דער ערד און וויל זיין ערדיש. מיט זייער אַוועקגיין האָבן זיך אויסגעלאָשן אַלע יום־טובים. עס איז געקומען דער פראָסטער אין דער וואָכן, דער ניכטערער, דער האַרטער און נאַקעטער.

און דאָך בין איך געפאַנגען פון מיין נעכטן. איך קען זיך נישט אַרויס־וויקלען פון די אייגענע שאָטנס. זיי באַפאַלן מיך פלוצעם און אומגעריכט אין די מידסטע שעהען מיינע.

מאָריע וועט מער נישט קומען אין די פאַרנאַכטן. איך האָב זי פיינט באַקומען ווייל זי פירט מיך צוריק צו יענע טעג מיט איר יעדן באַוועג,

מיט דעם אופן ווי זי קוקט אויף מיר, מיט איר קול. איך האָב זי פֿיינט ווייל איר געלעכטער פֿאַרבאָרגט דעם פּיין פֿון איר יוגנט הינטער די שטעכיקע דראָטן אין אַ קליין שטעטל, אין אַ געטאָ. איר טרויער איז אמת און אירע טרערן זענען אמתדיקע. די פֿרייד איז אַ פֿאַלשע. זי וועט קיין מאָל נישט קענען זיין גליקלעך. ווען איך נעם זי אין מיינע אָרעמס, טויכט אויף איר אַמאָליקער שאָטן.

אין די נעכט זע איך אַ פֿאַרפֿרוירענע אָזערע אין מיטן פֿון אַ וואַלד און הער ווי אונטער די קלעפּ אין אייזדעק, מיט אַ געקאָוועטן שטיוול, ברעכט זיך דער דינער אייזשיכט, און אַ מענטש, אין אַ שעפּסענעם פּעלץ מיט אַ פּוטערהוט שטויסט אַריין אין דער אָזערע אַ יונגע פֿויערטע. זי שרייט און דאָס וואַסער גיט אַ שפּאַר־אַרויס פֿון אונטער דעם אייז און באַלד דערנאָך ווערט שטיל. זי קומט ווידער אַרויף אויף דער אייבערפֿלאַך און מיט דעם שטיוול שטופּט ער זי נאָך אַ מאָל אין דער טיפֿעניש פֿון די טונקעלע געפֿרוירענע וואַסערן, ביז עס ווערט שטיל.

איך שטיי נישט ווייט פֿון דער אָזערע און הער ווי דער מענטש באַפֿעלט אַריינצווואַרפֿן די אַנדערע פֿרוי וואָס שטייט צווישן באַוואָפֿנטע מענטשן. „אַ שאָד פֿאַר זיי אַ קויל״.

מען האָט מיך אַריינגעפֿירט אין אַן ערדשטיבל. איך האָב דערפֿילט דעם ריח פֿון סאָסנעקלעצער.

— זיץ! — האָט מען מיר שטרענג באַפֿוילן — — —

מאַריע איז שיין. עס איז אָבער אַ דעפּאָרמירטע שיינקייט ווייל אירע פֿינגער זענען ברייטע, ביינערדיקע, די הויט אויף זיי אַ פֿאַרהאַרטעוועטע. זי גייט מיט גרויסע טריט און די מוסקלען פֿון די פֿיס טיילן זיך שאַרף אויס. אין איר פּנים איז פֿאַראַן אי רויקייט פֿון פֿאַרגאַנגענע טעג און אי די איידלקייט פֿון איר יוגנט וואָס האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרגיין איידער זי איז נאָך אויפֿגעגאַנגען. מאַריע איז ווי אַ פֿרי־זומערדיקער צווייג וואָס איידער נאָך די בלעטער האָבן זיך צעעפֿנט אין זייער גאַנצער גרייס איז געפֿאַלן אַ האָגל און זיי האָבן אָנגעהויבן וועלקן און בליִען אין איין צייט.

מאַריע ליגט לעבן מיר און מיר זענען איצט ווייט, גאָר ווייט איינער פונעם אַנדערן. עס איז געווען נישט מער ווי אַן אַנטלויפן אין דעם כישוף־קרייז פון תאווה וואָס פאַרגייט אַזוי ווי אַ חלום. מיר זענען אַרויסגעפאַלן פון דעם קרייז.

איך ווייס אַז זי טראַכט וועגן דעם שאָטן וואָס איך האָב נישט־ווילנדיק דערזען אויף דער וואַנט — איר אייגענער שאָטן.

— — — איך האָב זיך דעמאָלט אַוועקגעזעצט אויף אַן אונטערגעזעגטן קלאָץ. איך זע אַלץ אַזוי קלאָר, אפשר נאָך קלאָרער ווי עס איז געשען, ווייל דאָס ערדשטיבל איז געווען באַלויכטן פון אַ קליין צאַנקענדיק לעמפל און איצט איז אַלץ באַלויכטן מיט דעם שאַרפן ליכט פון מיינע דערמאָנונגען.

— שרייב! — האָט מיר דער מענטש באַפוילן. ער האָט אויסגעטאָן דעם פוטערהוט און אָפּגעשטויבט דעם שניי פון זיינע שטיוול מיטן הוט. אַ הויקערדיקער שאַרבן מיט געראונצלטע קנייטשן אַרום די שלייפן, אַרום דעם האַלדז. דער שאַרבן איז אָנגעצויגן ווי די טויטע פעל אויף אַ פויק. וואַסערשטריכן, שליימיק־גרינע באַטראַכטן מיך. זיי ווערן שיף, ציִען זיך צונויף און עס בלאַנקט דאָס ווייסל פון איין אויג. ער האָט אַ שפּיי געטאָן די אומגעלומפּערטע ציגאַר, צעטראָטן מיט די שטיוול און געזאָגט:

— דער טייוול זאָל עס נעמען... קיינער וועט זיך נישט פונאַנדערקלייבן... רעדסט מיר צו גלאַטיק... עס איז אַן איינגעהזרטע מעשה ווי פון אַ בוך אַרויס... איך האָב דיך אויסגעהערט און אַלץ זעט מיר אויס צו זיין ליגן... שרייב! דאָ האָסטו פּאַפּיר! מיר וועלן דאָס איבערשיקן אין הויפּטשטאַב פון די פּאַרטיזאַנער און דאָרט — פאַרלאָז זיך, ברודערל, וועט מען זיך שוין אַן עצה געבן... דער באַפעל איז: אַלע פאַרדעכטיקטע, אָן שום מישפּט, אויף מיין אייגענעם איינזען, צו דערשיסן. פּאַניאַטנאָ? דו ביסט פאַרדעכטיקט. איך קען דיך דערשיסן. אינטערעסאַנט... אַזאַ פאַרשוין האָב איך נאָך נישט געהאַט... נו, דאַוואַי, פאַרליר נישט קיין צייט... איך גיב דיר צוויי שעה... שרייב דיין ביאָגראַפיע און דערנאָך וועלן מיר זען!...

איך בין געבליבן אַליין אין ערדשטיבל און געהערט די רייד פון וואַכליט. פון אַ קליין פענצטערל איז געפאַלן אַ פאַס ליכט. דאָס באַפּטלעמפל איז

יעדעס מאָל אויפגעשפּרונגען און באַלויכטן אַ ראָד און דאָס ליכטראָד איז איינגעשרומפּן געוואָרן און האָט זיך אויסגעברייטערט.

וואָס האָב איך דעמאָלט געשריבן? איך וויל זיך איצט דערמאָנען. ווען מאַריע איז מיט מיר, קומען צוריק יענע איבערלעבענישן. זי איז געבוירן געוואָרן נישט ווייט פון פּוסטאָמיטער וואַלד, אין אַ קליין שטעטעלע אַנטאָניוווקע. איך געדענק דעם מאַרק מיט די עטלעכע דאָרפישע געסלעך, דעם ברונעם און די הילצערנע צערקווע. איך האָב זיך יענעם ווינטער אויפגעהאַלטן אין אַנטאָניוווקע. איך בין אַהין דערגאַנגען פון טשעכיע, דורכגעוואַנדערט מיזרח־גאַליציע און צוזאַמען מיט אַן אַנטלאָפענעם פּאָליאַק פון די דייטשע לאַגערן, אָנגעקומען אין ראָוונע. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט אַז אין די וועלדער פון פּוסטאָמיטי האַלטן זיך אויף פּאַרטיזאַנער. אין אַנטאָניוווקע זענען נאָך געווען יידן. דאָרטן האָב איך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מאַריען. זי האָט מיך אַרויסגעפירט, אין איינער פון די ווינטער־נעכט, אין וואַלד אַריין. מיר האָבן צוויי וואָכן אומזיסט געזוכט די פּאַרטיזאַנער, גענעכטיקט אין פעלד, איינגעגראָבן זיך אין סטאָגעס היי, אַריינגעגנבעט זיך אין שייערן. אין איינער פון די נעכט איז מאַריע מער נישט צוריק־געקומען. זי איז אַוועק צו אַ באַקאַנטן פּויער בעטן ברויט. ער האָט זי איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן. איך האָב זיך דאָס דערוווּסט פון אַן אַלטן וואַלדוועכטער. מיט עטלעכע נעכט שפּעטער האָב איך אונטער־געצונדן דעם פּויערסווירטשאַפט, די סטאָגעס היי וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון טייך האָרין און בין געלאָפן דורך די שנייפעלדער לאָזנדיק שפּורן נאָך זיך. זעט אויס אַז די שׂריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דאָרף און אין די פעלדער האָט צוגעצויגן די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט, געפאַנגען, געבונדן און געפירט צום עלטסטן. ווען מיר זענען דערגאַנגען צו דער וואַלד־פּאָליאַנע האָט שוין געליכטיקט. איך האָב דערציילט דעם עלטסטן ווער איך בין און פון וואַנען איך שטאַם. איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין געשיקט געוואָרן אָנצובינדן קאָנטאַקט מיט די ווידערשטאַנדלערס פון מיזרח־פראָנט און אַז איך קום פון זייער ווייט, פון די וואָס וועלן עפענען דעם צווייטן פראָנט אין מערב קעגן די דייטשן.

איך האָב געוווּסט אַז עס איז אַן איינשטעלעניש, אַז איך טאָר נישט ריידן איידער איך האָב נישט די פולע זיכערקייט אין וועמענס הענט איך געפין זיך. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין עצה. מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס קען אָפּהאַלטן פון דערשיסן מיך אויפן אָרט. זיי פלעגן דאָס טאָן אויף אַ היגטערלעסטיקן אופן, כלומרשט אויפן וועג צו דער הויפּטבאַזע פון שטאַב. איך האָב געזען ווי די פּאַרטיזאַנער באַטראַכטן מיין פוטערפעלצל, מיינע שטיוול. זענען דאָס די „ווילדע פּאַרטיזאַנער", אָדער אַזעלכע וואָס האָבן פאַרבינדונגען מיט סאָוועטישע איינהייטן? די דערקלערונג מיינע וועט מיך אָפּראַטעווען פון אַ פּלוצעמדיקן שאָס אין רוקן. איך האָב איינגעשטעלט און געשריבן דעם אמת.

„איך בין געבוירן אין דער שטאָט פויזן. בעת דעם דייטשן אָנפאַל אויף פוילן בין איך אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. עס איז מיר געראָטן צו אַנטלויפן. איך האָב זיך דערשלאָגן קיין דרום־פראַנקרייך און פון דאָרט קיין מצרים. אין ירושלים האָב איך זיך מאָביליזירט אין דער ענגלישער אַרמיי. איך בין געוואָרן אַ פּאַראַשוטיסט. מען האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי און מיט דער הילף פון דער טשעכישער אונטערגרונט בין איך איבערגעשיקט געוואָרן אין אָקופּירטן פוילן. מיין אויפגאַבע איז געווען אָנצוביינדן אַ קאָנטאַקט מיט די ווידערשטאַנדלער, געבן ידיעות קיין אויסלאַנד און אָנזאָגן אַלעמען אַז עס איז נאָענט דער טאָג ווען דער צווייטער פראָנט וועט געעפנט ווערן".

איך האָב דעמאָלט נישט אַלץ דערציילט, ווייל איינע פון מיינע הויפּט־פונקציעס איז געווען דאָס אַריינבאַקומען זיך אין די געטאָס און העלפן זיי אין ווידערשטאַנד. ווען איך בין אָנגעקומען זענען דאָס רוב געטאָס שוין געווען ליקווידירט. נאָר אין עטלעכע קליינע ערטער, אין וואָלין, האָבן זיך געפונען איזאָלירטע גרופּעס יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַרשטאַטן פון גאַרבעריי און וועבעריי.

אין דעם זעלביקן פרימאָרגן ביך איך געווען אַן עדות פון דערטרינקען אין דער פּאַראייזיקטער אַזיערע די צוויי יונגע פויערטעס.

בעת איך האָב געשריבן מיין ביאָגראַפיע איז אַריין דער עלטסטער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים ראַנד פון טיש און געוויקלט אַ ציגאַר.

עס האָט פון אים זיך געטראָגן דער ריח פון בראָנפן. איך האָב געזען ווי זיינע פינגער ציטערן. ער האָט גערעדט הייזעריק ווי צו זיך אַליין, נישט לייגנדיק אויף מיר קיין אַכט.

— זיי האָבן אָנגעשטעקט מיט סיפיליס דעם גאַנצן אָפּטייל מיטן קאָ־מאַנדיר. די דייטשן האָבן זיי אַריינגעשיקט צו אונדז... די נקבות האָבן זיך אַליין מודה געווען... וואָס האָב איך געדאַרפט טאָן? לאָזן זיי אויף דער פריי? וועלן זיי אַרומגראַסירן אין אַנדערע אָפּטיילן? אַרעסטירן זיי און האַלטן אונטער אַ וואַך — וועלן זיי אָנשטעקן די וואַכליט. ווער קען זיך מיט זיי אַרומפּירן? ווו נעמט מען מענטשן זיי צו היטן? נו, דער טשאָרט זאָל עס נעמען... אָט אַזוי פירט מען אין אונדזער צייט מלחמה... מען צעשיסט נאַקעטע פרויען מיט וויינענדיקע קינדער אויף די הענט. מען טרייבט יונג און אַלט אין די גריבער. מען שיקט זונות אין די וועלדער אָנצושטעקן אונדז... וואָס פאַראַ אַנשיקעניש ביסטו?

ער האָט אויסגעשפּיגן אַ קנויל מאַכאָרקע און גענומען די פאַרשריבענע בויגנס: — פירט אים צום פּאַפּ!

איך האָב געזען ווי ער האָט געוואָרפן אַ נאָכלאָזיקן בליק אויפן פּאַפּיר, איינגעקנייטשט די בייגעלעך און אויסגעטאָן די פּאַפּאַכע, ער האָט די פּאַ־פּירלעך אַריינגעלייגט אין הוט און אים אָנגעטאָן.

מיר זענען געגאַנגען דורך אַ וואַלדוועג. פון ביידע זייטן האָט זיך געטונקלט אַ קאַנאַווע. דאָס איז געווען אַ וואַלדדורכהאַק. מיר האָבן געשפּאַנט אין פייכטן שניי און איך האָב נישט געהערט די טריט פון די דריי באַוואָפנטע באַגלייטער מיינע. דער באָדן איז געווען אָנגעהויפט פון סאָסנע־אָפּפאַל און אויף טייל ערטער נאַקעט. אַ פרישע ברוינקייט האָט געהיילט מיין אויג. עטלעכע מאָל האָב איך געהערט דעם געקלימפּער פון אַ ביקסנשלאָס און איך האָב געציילט די רגעס פון דעם סוף מיינעם. איך האָב זיך אויס־געקערעוועט מחמת אומרו און אומגעדולד פאַר וואָס עס דויערט אַזוי לאַנג, פאַר וואָס עס קומט נישט דאָס וואָס דאַרף קומען — דער שאָס אין רוקן.

איך האָב געזען אַז זיי שפּאַנען האַרט איינער ביים אַנדערן מיט די ביקסן געשטרעקטע פאַר זיך.

— נישט אויסקערעווען זיך.

ווידער האָט אַ קלימפּער געטאָן און דאָס איז געווען דער איינציקער קלאַנג אין דעם ווינטערדיקן וואַלד. עס האָט מיך אָבער שוין מער נישט געאַרט. איך האָב געטראַכט וועגן מיינע נעכט ביים כנרת, וועגן די שטור־מישע כוואַליעס ביי קרעטאַ, בעת איך בין געשווומען קיין יפו אויף אַ טער־קישער פּישערשיף. איך האָב זיך דערמאָנט אין די געסלעך פון אַלט־ירושלים און אין דעם ברענענדיקן וואַרשע. פּלוצעם איז מיר איינגעפאַלן אַז דער „פּאָפּ" וועט מיך דערשיסן, אַז דאָס איז אַן אויסרייד געווען, דאָס באַפעלן מיר צו שרייבן מיין ביאָגראַפיע. איך האָב געזען אַ גרוב. אַן אַלטע סאָסנע איז געלעגן מיט די וואָרצלען אַרויף. דאָ, אין דעם גרוב, ווו עס סטערטשען נאָך אַרויס די וואָרצלען מיט שטיקער רויערד, אָט דאָ וואָלט גוט געווען...

פאַר וואָס פירן זיי מיך אַזוי וויט? ווער איז דאָס דער „פּאָפּ"? — — —

אין דער טיר האָב איך געפונען מאַריעס צעטל. „וואָס איז מיט דיר? איז עפּעס געשען? פאַר וואָס וואָגלסטו אַרום איבער די גאַסן? איך בין אומרויִק. טעלעפאָניר. דיין מאַריע".

דער נישט־פאַרענדיקטער ווינטער־פּייזאַזש האָט מיך באַרויִקט. איך האָב, נישט אויסטוענדיק דעם מאַנטל, גענומען די פּאַלעטע און איינגעקוקט זיך אין פאַרבן־געמיש. אַ פיאָלעטענע ווייסקייט מיטן אָפּשיין פון אַ פאַרגייענדיק ליכט צווישן פאַרשנייטע סאָסנעס. ווייסע קרוינען פוןביימער. שניישפּורן אויף שטאַמען און אין פאָדערגרונט — אַ נידעריקער דאָרנקוסט.

פאַר וואָס האָב איך אין פּאַריז אויפגעזוכט מאַריען? איך האָב געוווּסט אַז זי לעבט דאָ און אַז איר מאַן איז אַן אַנגעזעענער קאָנפעקציאָנער, אַ רייכער באַקלייד־סוחר. אויפן דריטן טאָג פון מיין קומען אין פאַריז, בין איך שוין געזעסן אין דעם גרויסן אויפנעם־צימער פון איר וווינונג. אין זעלביקן פאַרנאַכט איז זי געקומען אין מיין האָטעל־צימערל, אין לאַטייניש קוואַרטאַל. עס האָט אַרויסגעוויינט פון איר די פּיין פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. עס איז אָבער געווען אַ געוויין פאַרוועבט אין ריחות פון פּאַרפומען. אויף דער שטול איז געלעגן איר פוטער־מאַנטל און פון האַלדז האָט אַראָפּגעלויכטן דער דימענט. איך האָב געזען די טונקעלע זיידשפּיצן וואָס זענען אָפּגעשטאַנען

פון איר אונטערראַק. איך האָב געפּרוּווט אָפּטײלן איר שטום טרערן־געוויין פון דער רעשיקער רײכקײט, פון דעם פּאַרפומען־ריח, געוואָלט דערפילן די מאַריע פון די נאַכט־שײערן, פון די פעלדער און וועלדער אַרום דעם דאָרף פוסטאָמיטי.

איך האָב געהאַט אַ באַהאַלטענעם פאַרלאַנג זי צו באַלײדיקן. איך האָט געוואָלט זיך נוקם זײן אין איר כאָטש איך האָב נישט געוווסט פאַר וואָס.

אפשר איז דאָס געווען אַ ווילן צו זען זי אַזאַ ווי איך האָב זי אַ מאָל באַגעגנט? איך האָב געוואָלט אַראָפּרײסן פון איר דאָס פרעמדע, דאָס וואָס האָט מיך איצט דערנידעריקט — איר אַרויסרופערישע גבירישקייט. איך בין געזעסן זײטיק, אַ צוריקגעצויגענער און געטראַכט פון נקמה. איך וועל זײן ברוטאַל צו איר, זי באַלײדיקן און אַרויסווײזן מײן פאַראַכטונג. איך וועל שפּילן מיט איר די שפּיל פון ליבע און ליבנדיק זי פּײנט האָבן.

— דו שווײגסט ווײל דו ביסט פול מיט חשד אַז איך האָב דיך יענע נאַכט געלאָזט אויף הפקר, אַז איך האָב זיך אַוועקגעגנבעט פון דיר מיטן אויסרייד אַז איך וועל שאַפן ברויט. אַזוי טראַכטסטו און אַזוי האָסטו געטראַכט אַלע יאָרן. זאָג מיר אַז יאָ! איך וויל נישט הערן קײן ליגן!

— איך האָב מער נישט געטראַכט פון דיר. איך האָב אַלץ פאַרברענט אין פייער.

— איך האָב געוווּסט אַז דו האָסט אונטערגעצונדן דעם פויערס ווירט־שאַפט. איך בין דעמאָלט געווען באַהאַלטן אין זײן הויז. עס איז נישט ריכטיק אַז ער האָט מיך אויסגעגעבן צו די דײטשן. ער האָט אַלעמען געזאָגט אַז די ייִדישקע, וואָס האָט בײ נאַכט געקלאַפּט אין זײן לאָדן איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די דײטשן. ער האָט מיך פאַר די אויגן פון דאָרף געבונדן און געפירט אויף אַ שליטן אין שטאָט אַרײן, איבערצוגעבן די דײטשן. דאָס איז אָבער געווען נאָר אַן אָנשטעל, ווײל ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון דאָרף, האָט ער מיך אָפּגעלאָזן און געהײסן איבערוואַרטן, ביז עס וועט צופאַלן די נאַכט און גלײך זאָל איך צוריקקומען צו אים אין הויז. אויף דער דריטער נאַכט איז אויסגעבראָכן די שׂריפה. דער וואַלדוועכטער, וואָס דו האָסט אים באַגעגנט, האָט דערנאָך געזאָגט דעם פויער, אַז דו האָסט אונטערגעצונדן דאָס הויז און אַלע סטאָגעס היי בײם ברעג פון האַרין.

— פאַר וואָס דערציילסטו מיר דאָס ?

— האָב מיך פיינט. איך בין אומווערדיק.

איך האָב געוווּסט אַז זי וויל נישט איך זאָל זי פיינט האָבן, אַז דאָס איז נאָר אַן אַרויסרוף צו מיר. בעת איך האָב דערפילט אירע פינגער אויף מיין פּנים איז מיר דורך אַ שוידער.

דער „פּאָפּ" איז געזעסן ביי אַ שייטער. דער פלאַם איז געשפּרונגען צוזאַמען מיט סנאָפּעס פונקען, עס האָבן געקנאַקט די זשיוויצע־קלעצער אַרום גרויסע טונקעלע קעסלען מיט פּאַרע.

אַ שוואַרץ־געקרייזלטע באָרד, אין אַ פוטערנעם הוט, אַ הויכער מיט אָפּשטייענדיקע לאַפּן ווי די פליגל פון אַ פלעדערמויז. דער לאַנגער שעפּסנ־פעלץ — אָפּגעקנעפּלט, די פּאָלעס — צעשפּרייט. מען האָט אַרויסגעזען דעם לעדערנעם ברוסטשפּענצער מיט די רימענס פול מיט קוילן. איין פוס איז געווען נאַקעט, בלויז ביים קנעכל אַרומגעבונדן מיט אַ רויט וואָלענעם שאַל. ער האָט געהאַלטן דעם נאַקעטן פוס אויסגעשטרעקט, נישט ווייט פון פייער און אים געוואַרעמט. דער צווייטער פוס איז געווען באַשטיוולט מיט אַ כאָליעווע פון אַ געלן קאַלבפעל. אַרום שייטער זענען געווען פאַרזאַמלט אַ גרופּע יונגע מענטשן, לייכט פאַרוווּנדעטע און אין די ערדשטיבלעך האָבן זיך אויפגעהאַלטן די שווער פאַרוווּנדעטע. איך האָב דאָס תּיכּף פאַרשטאַנען פון די רייד פון אַ פרוי, וואָרעם זי האָט געבעטן דעם „פּאָפּ" אַ קוק צו טאָן אויף אַ וווּנד פון איי־נעם פון די מענטשן וועלכע האָבן זיך געפונען אין די ערדשטיבלעך. זי האָט אָנגערופן אַ נאָמען, נאָר איך האָב אים נישט דערהערט. הייסט דאָס אַז דער „פּאָפּ" איז דאָ נישט נאָר דער עלטסטער נאָר אויך דער סאַניטאַר און דאָקטער.

— זעץ דיך.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אונטערגעשניטענעם וואָרצל.

ער האָט מיך באַטראַכט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל וואָס איז פּאַמעלעך אויסגעגאַנגען אַזוי ווי דער שייטער. איך בין געזעסן לאַנג און זיך געחידושט וואָס קיינער שענקט מיר נישט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. איינער פון די פאַרוווּנדעטע האָט מיר צוגעטראָגן אַ קעסעלע הייסע זופּ און אַ לאַבן ברויט. איך האָב אים געדאַנקט.

— ניטשעווֹאָ — האָט ער אַ ברום־געטאָן צום אַש.

איך האָב אויסגעטאָן מײַנע שטיוול, געוואַרעמט די פיס בײַם אויס־גײיענדיקן פלעמל פון די קוילן און געטריקנט די אָניטשעס. פּאַרנט איז מיר געווען וואַרעם, נאָר מײַן רוקן איז געווען פראָסטיק און איך האָב געשפּירט דעם שנײַדיקן ווינט.

עטלעכע מאָל זענען געקומען צו רײַטן באַוואָפנטע מענטשן. זיי האָבן געהאַט רוסישע „פּאַפּאַשאַס”. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס זענען די וועלכע באַוואַכן דעם וואַלד — די אויסשפּירער פון דעם פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל. אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף האָט געפירט אַ געזאַטלט פערד. דער „פּאָפּ” האָט פּאַמעלעך פאַרוויקלט דעם פאַרווונדעטן פוס אין אַ וואָלענער קאָלדרע, פאַרבונדן מיט אַ לעדערנעם רימען און מיט דער הילף פון ייִנגל זיך אַרויפ־געזעצט אויפן פערד. מען האָט מיר באַפוילן נאָכגיין. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ כוטאָר. אַרום האָט זיך געשפּרייט אַ געדיכטער וואַלד. איך האָב אויסגערעכנט, לויט דעם וועג, אַז מיר געפינען זיך צפונדיק פון אַנטאָניוווקע און נישט ווײַט דאַרף זײַן די שטאָט אַליעוווסק. ביזן יאָר 1939, איז דאָס געווען די פּויליש־סאָוועטישע גרענעץ. דער כוטאָר איז אויף דער אַמאָליקער סאָוועטישער זײַט, אַ סימן איז געווען פאַר מיר די אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע איקאָנע, די פאַרביקע בילדלעך פון זשורנאַלן וואָס זענען געווען צעהאָנגען אויף די הילצערנע ווענט, מיט די רוסישע אונטערשריפטן. דער כוטאָר האָט נאָר געהאַט צוויי וועגן, געקרייצטע בײַם אַרײַנפאָר, דאָרט ווו עס האָט זיך דערהויבן אַ בערגל וואָס דאָס ייִנגל האָט אָנגערופן „מאָגילעץ”. איך האָב זיך דערמאָנט שענקעוויטשעס אַ באַשרײַבונג פון די ערדאָנשיטן, וואָס אוקראַיִנער האָבן אָפט געמאַכט פאַר זייערע העלדן, אָדער אין צייכן פון יום־טובים.

דאָס ייִנגל וואַסקאָ האָט מיך אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים. איך האָב באַקומען אַן אָרט אויפן אויוון. אין טשולאָן זענען געזעסן עטלעכע פּויערטעס און שטיל געשמועסט צווישן זיך. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין זייער אוקראַיִניש. די וואַרעמקייט פון אויוון, די טונקלקייט פון דער כאַטע, דער ריח פון די אויסגעטריקנטע שפּענער און פון די שעפּסנפּעלן, דאָס געשעפּטש פון די פּויערטעס, אַ ווײַט מעקען פון אַ שעפּס, דאָס הירזשערײַ פון אַ פערד

און דאָס טופּעריי פון קאַפּיטעס אין שנייגרודעס — דאָס אַלץ האָב איך געהערט ווי אין חלום — — —

— דו האָסט דעמאָלט געקענט צוריקקומען צו מיר אין וואַלד אַרייַן און האָסט דאָס נישט געטאָן. האָסט אַפּילו מיך נישט געזוכט. כאַ־כאַ־כאַ...

איך האָב געלאַכט, נאָר מאַריאַ האָט דערפילט אַז דאָס איז אַ פאַלש לאַכן. אירע טרערן האָב איך נישט געזען נאָר איך האָב געוווסט אַז זי וויינט און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר פּנים איז די הויט, נידעריקער פון די שלייפן, געווען אויסגעשמירט מיט דער שוואַרצער פאַרב פון די ברעמען און פון די וויִעס. די פאַרב האָט זיך צערינצלט אין דינע פּעדעמלעך אַזש ביז די קינבאַקן.

איך האָב זי איצט דערקענט. דאָס איז דאָס זעלביקע אַכצן־יאָריקע דאָרפסמיידל וואָס איך האָב באַגעגנט אין קליינעם וואָלינער שטעטל. עס איז געלעגן, אָטאָ דאָס שטעטל, אַ הפקרדיקס, וואַרטנדיק אויף דעם טויט־אורטייל פון די דייטשן. זיי האָבן אים אָפּגעלייגט פון חודש צו חודש ווייל דאָס געוואַנט־פאַבריקל איז אויסגעברייטערט געוואָרן און אַלע יידן, אַפּילו קינדער, האָבן געוועבט וואָלענע שטאָפן. יעדע פּאָר טעג זענען געקומען דייטשן פון דער קרייז־קאָמאַנדשאַפט אָפּנעמען די בעלעמער סחורה. מען האָט דאָס געדאַרפט פאַר דער אַרמיי. ווי נאָר עס וועט זיך שטעלן דער פרילינג וועלן די יידן אומגעבראַכט ווערן. דאָס האָט יעדער איינער געוווסט. און עס איז נישט נאָר געווען דער טויטאורטייל אַרויסגעטראָגן דורך די דייטשן — אַנטאָניוקע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שינאה פון אוקראַיִנער, אַן אומהיימלעכער, אַ מיסטעריעז־פאַנאַטישער. זי איז געווען געגליכן צו אַן עפּידעמיע וואָס באַפאַלט, צו אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע.

אין יענעם לעצטן ווינטער פון די יידן אין אַנטאָניוקע האָב איך זיך אַריינגעגנבעט ביי נאַכט אין שטעטל. מאַריעס פאָטער איז צוגעקומען צו מיר פאַר טאָג אין קליינעם שולעכל און האָט געזאָגט: פרעמדער, קום צו מיר אַהיים. איך האָב דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל געזען מאַריען. זי איז געשטאַנען ביי אַ טונקעלן פאַרהאַנג פון אַלקערל און פאַרבונדן די צעפּ מיט בלאָע שלייפלעך. מיר זענען דערנאָך געזעסן ביים טיש אַ פאַרדעקטן מיט צעראַטע

און געגעסן הייסע זופּ. מאַריע איז געווען די עלטסטע פון די פינף קינדער. איך האָב געאַרבעט אין דעם געוואַנט־פאַבריקל, ביי שפּינעריי, צוויי וואָכן. אין די אָוונטן האָב איך געצייכנט. איך האָב צונויפגעקליבן אַ צענדליק אייליק־געמאַכטע סקיצן פון די לעצטע ייִדן אין אַנטאָניוועקע, און אין איינער אַ נאַכט האָב איך זיך געגרייט אין וועג אַריין. „איך קען דאָ מער נישט בלייבן. דאָס וועט געגליכן זיין צו דעזערציע. איך מוז זיך דערשלאָגן צו די פּאַרטיזאַנער. דאָס איז גאָר וויכטיק, נישט אַזוי צוליב מיין לעבן. אויב עס וועט מיר געראָטן אָנבינדן אַ קאָנטאַקט וועל איך צוריקקומען, און אַ גרופּע יונגע מענטשן וועט קענען מיט מיר אַוועק. איך מוז פריִער גיין אַליין. איך וויל נישט איינשטעלן פרעמדע לעבנס ווייל איך ווייס אַז יעדער וואָס האָט זיך נאָר געפּרוּווט אַרויסרייסן פון דאַנען איז געוואָרן דערמאָרדעט".

— נעם מיין טאָכטער מיט זיך. — זיין קול האָט זיך געבראָכן און איך האָב דערהערט פון אַלקער אַ שטיל כליפּען. דאָס האָט געוויינט מאַריעס מוטער.

מאַריע איז מיר נאָכגעגאַנגען. אין דער פינצטערניש איז אָנגעלאָפן איר פּאָטער. אין לבנה־ליכט האָב איך דערזען זיין פּנים וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט אַנגסטן. ערשט איצט האָב איך געזען ווי יונג ער איז. זיינע הענט האָבן זיך געשטרעקט צו מיר. „היט זי... ביסט מיר פון איצט אָן ווי אַ זון... זי איז אַ שטיל קינד, מיין מרים... נעם דאָס"... — ער האָט מיר געגעבן אַ ווייס טיכל, אַ פּאַרקנופּטס. „דאָס איז פאַר איךביידן"...

איך האָב גענומען מאַריעס האַנט און געקוקט אויף אירע פינגער. אַ דיקער גאָלדרינג מיט צוויי אַריינגעפּאַסטע דימענטן, געשניטענע ווי אַן אַכטעקיקער שטערן. די איידלשטיינער האָבן אַ שאַרפן בלינצל געטאָן. דער צווייטער רינג איז געווען פון פּלאַטין, אַ גראַווירטער. איך האָב אַרויסגעלאָזט איר האַנט און אָפּגעקערעוועט מיין פּנים.

— איך ווייס אַז דו טראַכטסט איצט וועגן דעם ווייסן טיכל, דעם פּאַרקנופּטן, וואָס מיין פּאָטער האָט דיר געגעבן אין יענער נאַכט. מיר האָבן דאָס אויפגעקנופּט בעת מיר זענען געלעגן איינגעגראָבן אין סטאָג היי. דאָס זענען געווען צוויי גאָלדענע קדושה־רינגלעך פון מיינע עלטערן. איך האָב זיי מער נישט. דו האָסט געוואָלט מיר אָנטאָן דאָס רינגל נאָר מיינע

פינגער זענען געווען אָנגעדראָלן פון קעלט. דאָס רינגל איז נישט אַרויף. אָ, ווי איך פיל אָפּ אַלץ וואָס דו טראַכסט.

זי האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל און אַרומגעקוקט זיך אין האָטעל־צימערל. דערנאָך איז זי היימיש צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און זי געעפנט. איר בליק איז געפאַלן אויף מיינע אָפּגענוצטע קליידער. אויפן טיש איז געלעגן אַ ברויט, אַ שאַכטל מיט פאַרבן און אַ האַלבער שפיגל איז געווען פאַרשטעלט מיט פריש אָנגעצויגענע לייוונטן.

— עס איז טונקל. די בלינדע וואַנט שאָטנט אַריין מיט טרויער. עס איז ווי אַ תפיסה. ווילסט בלייבן אין פאַריז?

איך האָב איר נישט געענטפערט. בעת זי האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל בין איך געווען צופרידן וואָס זי גייט אַוועק ווייל עס האָט מיך באַליידיקט איר גלייכגילט צו מיין מאָלעריי. זי האָט אַפילו נישט געבעטן איך זאָל איר ווייזן מיינע בילדער. מיך האָט פאַרדראָסן איר דרייסט אַרומדרייען זיך אין צימער, דאָס אויפּפּראָלן די טירן פון דער שאַפע און די איבערגעטריבענע היימישקייט מיט מיר. איר מיטלייד האָט מיר וויי געטאָן. איך האָב דעם ווייטיק געשפּירט אַ גאַנצן אָוונט. ערשט ווען איך בין אַרויס צו די גרויסע בולוואַרן, אַריינגעשניטן זיך אין מענטשנשטראָם, איז מיר לייכטער געוואָרן.

אַ וואָך צייט האָב איך נישט געהערט פון מאַריען. מיר האָט זיך געדאַכט אַז אַלץ איז פאַרענדיקט. זי איז אָבער געקומען. „נעם צונויף דיינע זאַכן. מיר פאָרן אין דיין סטודיע. איך האָב געדונגען פאַר דיר אַ ליכטיקע, גרויסע סטודיע. עס איז אייליק, ווייל איך דאַרף אין אַ שעה אַרום זיין אין מיין מאַנס געשעפט״.

איך האָב צונויפגענומען אַ שווייגנדיקער מיינע זאַכן. דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט ווייל מיין גאַנץ פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון דעם וואַליזקעלע מיט די מאָלער־מכשירים. אויף אַ זעקסטן שטאָק, אין אַ שטילער גאַס, אַרום אַלטן מאָנמאַרטר, אַ ברייט פענצטער און דאָס ליכט פון אַ גרויסן הימל. נידעריק שפּרייטן זיך דעכער. איך האָב זיך אַרומגעקוקט און געזען אַז אַלץ איז פאַרגרייט: אַ בעט, אַ טיש, נייע מאָלברעטער, סטאַלוגעס. אַ קיילעכדיק טישל פאַרדעקט מיט אַ טישטעך, עטלעכע בלומען אין אַ וואַזע און אַ געפלאָכטן שטרויען קיישל פול מיט פּירות.

מאַריע איז אַוועק לאַזנדיק מיך ביים פענצטער. „די טאַקסי וואַרט אויף מיר. אַ׳רעוואַר שערי !״.

איר מאַן איז געוואָרן דער הויפּטאָפּנעמער פון מיינע בילדער. ער האָט זיי שוין צעהאָנגען אין אַלע צימערן און אַלע זיינע באַקאַנטע קומען אין מיין סטודיע אויסקלייבן אַ בילד.

אַזוי האָב איך אָנגעהויבן צו מאָלן די בלומען געל־גאָלדיקע, פּיר־קאַנטיקע, אין וואַזעס טונקעלע מיט אַ מילדן ווייס־געזילבערטן שניי־הינטערגרונט.

איך בין געוואָרן אַ שטענדיקער באַזוכער אין דעם קליינעם קאַפע, האַלב־שענק, מיטן אויסטערלישן נאָמען „דער בלינדער שטערן־זוכער״. נעכטן האָט מיר קאָלעט געזאָגט פאַר וואָס מען רופט אַזוי די קאַפע. עס האָט לאַנג גענומען ביז איך האָב פאַרשטאַנען איר ברעטאַנישן פראַנצויזיש. עס איז אַ פּשוטע מעשׂה: אין דעם הויז, אויף אַ דאַכשטיבל, האָט געוווינט אַן אַסטראָלאָג. אויף די עלטערע יאָרן איז ער בלינד געוואָרן. זיינע פריינד, די זקנים, האָבן זיך מיט אים געטראָפן תמיד אין דער שענק. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו רופן דאָס אָרט מיט דעם אויסטערלישן נאָמען. דאָס איז געשען נאָך בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זינט דעמאָלט האָט מען נאָך נישט אויפגעפרישט דעם אויפשריפט און דאָס גאָלד פון די אותיות איז אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן. זי האָט מיר געוויזן אַ גראַוויור, וואָס איז געהאָנגען לעבן דער פוסטער שטיג: דאָס איז דער בלינדער שטערן־זוכער! איך האָב זיך איינגעקוקט אין דעם ברייטן פּנים מיט די קאָרבן, אין דער טאָפּעלער פליישיקער נאָז און פוסטע נאָכהענגענדיקע אויגן־טאָרבעס. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער מאָנאַך וואָס לייענט אַ בוך. אויף זיין שטערן איז געווען אויסגעגראַווירט דער הימלישער מילכוועג. אַז איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין זיין פּנים האָב איך געזען אַלערליי שטערנס און פון ביידע שלייפן האָבן זיך געטראָגן קאָמעטעס. פאַר אַ הינטערגרונט פון דער גראַוויור האָט דער קינסטלער אויסגעקליבן אַ פינצטערע נאַכט, אַ געדיכט־פאַר־וואָלקנטע.

איך האָב הויך געלאַכט און דערביי אָנגענומען קאָלעטס האַנט. זי איז געווען וואַרעם און פייכט פון איבערגעגאָסענעם וויין. קאָלעט האָט די האַנט

שנעל צוריקגעצויגן און איז אַוועק צו אַן אַנדער טישל. אַ פּאָר רגעס שפּעטער איז זי צוגעקומען צו מיר, איבערגעבויגן זיך און אויסגעשטרעקט אַ וואַרעמע טרוקענע האַנט. עס האָט איצט געטראָגן זיך פון איר דער ריח פון אַ שאַרפן פּערפום.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געקוקט אויף די דעכער פון פּאַריז און געטראַכט וועגן דעם קרייז וואָס האָט זיך פולשטענדיק צוגעשלאָסן מיט מאַריעס באַוויזן זיך.

אָ, דו בלינדער שטערן־זוכער! נישטאָ פאַר דיר קיין פאַרלאָרענע שטערנס! עס איז אין געווירבל און אין דעם געווירבל באַוועגט זיך ערגעץ דער שטערן וואָס דו מיינסט אַז ער איז פאַרלאָרן. ער וועט אין איינער פון די נעכט אַ לויכט־טאָן אין דעם קרייז פון דיין געשליפן גלאָז. — — —

אַ שטיל קלאַפּן אין דער טיר. איך פיל אַז דאָס קלאַפּן האָט אַ שייכות נאָר צו מיר, דאָך וויקל איך זיך אין די פּעלצן און וויל נישט איבעררייסן מיין דרימלען.

— פרעמדער! — רופט עמעצער.

דאָס לעמפּל ביי דער איקאָנע ברענט ליכטיקער. עס איז אַן אומהיימלעך פייערל. שאָטנס פאַרשטעלן די נידעריקע ווענט. אַ האַנט טרייסלט מיך.

— דער פּאָפּ רופט דיך!

צוויי באַוואָפנטע מענטשן וואַרטן אויף מיר. די אַלטע פויערטע צלמט זיך. איך טו אָן די שטיוול, וואַרף אַרויף אויף זיך דעם מאַנטל און גיי דורך דער בלאָער ווינטערגאַס.

אין אַן אייוועלע ברענט אַ ליכטיק פייער. דער פּאָפּ זיצט מיטן פּנים צו די פלאַמען. זיין פוס, דער פאַרוווּנדעטער, געשטרעקט פאָרויס און מיט ביידע הענט ציט ער אַרויף דעם שטיוול אויפן געזונטן פוס. די באָרד צעשויבערט, די האָר פאַלן אים אויפן שטערן.

— איבערגעוועקט? גענוג געפּאָפּט! אַ וועלט גייט אָפּ אין בלוט און פייער — און דו שלאָפסט? כאַ־כאַ־כאַ אַ וועלט? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. און אומגעריכט איז ער אויסגעבראָכן אין אַ כעס. ער האָט געוואָרפן קללות, ביטערע, בייזע, געשאָלטן אַלע הייליקע אין די הימלען און זיי

אויסגערעכנט געגוי ביי די נעמען, ער האָט געשאָלטן די ערד, דעם גאַנצן באַשאַף פון בראשית אָן ביזן היינטיקן טאָג, די היינטיקע נאַכט, אַריינ־גערעכנט.

פון דעם פינצטערן אויוון־ווינקל זענען דערגאַנגען צו מיר, אין די קללות־איבעררייסן, שטילע רייד.

— לעסטער נישט, סינאַק... דו ביסט אַ געבילדעטער... דו פאַרשטייסט דאָך מער פון מיר, אַ פּראָסטן מוזשיק. דאָך זאָג איך דיר... ער איז דאָ אומעטום. ער איז דאָ אַפילו לעבן דיר... לעסטער נישט... אונטער מיין דאַך האָט מען קיין מאָל נישט גערעדט אַזעלכע רייד...

— יונגער מענטש, איך האָב דיך אויפגעוועקט ווייל איך וויל מיט דיר ריידן, עס איז נישט אַזוי מיט דיר, נאָר איך וויל ריידן צו עמעצן. איך ווייס אַז דו ביסט אַ ייד. מיך וועט מען נישט אָפּנאַרן. איך דערשמעק זיי ווי אַ יאַגדהונט דערשמעקט אַ חיה... כאַ־כאַ־כאַ...

— איך האָב דיר נישט געזאָגט אַז — ער האָט מיך נישט געלאָזט ענדיקן דעם זאַץ און זיך צעשריגן:

— הער וואָס מען רעדט צו דיר! שוויג, בעת איך רייד! — און ווידער האָט זיך צעשפּילט זיין וויסטער כעס.

איך האָב זיך צוריקגעצויגן עטלעכע שפּאַן ביז דער אויוונבאַנק.

— זעט, ווי ער יאָזשעט זיך איין! ווי ער שרעקט זיך! קום אַהער נעענטער! שטרעק אויס דיין האַנט און לאָמיר זיך באַקענען! זעסט דאָך אַז איך בין נישט קיין הייליקער. די הייליקע זענען אין די הימלען. גאָט האָט זיי גערופן צו זיך און היט זיי אויס. אין טאָג פון שלום וועלן זיי אַראָפּקומען מיט איילבערט־צווייגלעך. זיי וועלן זיך אַראָפּלאָזן מיט דעם רעגנבויגן. אין צוויי זייטן וועלן זיי גיין, איין מחנה הייליקע וועט גיין מיט דער מיזרח־זייט פון בויגן און די צווייטע — מיט דער מערב־זייט. און מיט וועל איך וואַרטן מיט מיין אונטערגעשאָסענעם פוס. איבער מיר וועט גאָטס ליכט שטראַלן. כאַ־כאַ־כאַ... דאָס איז עכטע פּאָעזיע... סטעפּאַן! האָ סטעפּאַן! דאַוואַי צוויי גלעזער סאַמאַגאָן!

איינער פון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן מיך באַגלייט, איז אויפגעשפּרונגען און געבראַכט גלעזער.

— טרינק!

איך האָב אַ זופּ־געטאָן אַ ביטערן געטראַנק, ער האָט מיר דורכגעברענט דעם גומען, אַ בורקעס־טעם און אַ פּלוצעמדיקע היץ.

— וואָס האָסטו געטאָן פאַר דער מלחמה?

— געשטודירט.

— אַזוי גאָר? אַ געבילדעטער? אַן אינטעליגענט? נו, זאָל עס דער טייוול נעמען. איך האָב געמיינט דו ביסט אַ מענטש. אַלדאָס בייז קומט פון אָט דער אַנשיקעניש, פון די געבילדעטע. זיי האָבן אַ וועלט אונטערגעצונדן... איך האָב געוואָלט ריידן מיט אַ פּשוטן מענטש, אַ יונגן, אַ דרייסטן און דאָ, נאָ דיר גאָר אַ נישט־דערבאַקענעם אינטעליגענט. ברודערל. דו ווייסט נישט וואָס פאַראַ צרות מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין פון אַזעלכע פאַרשווינען ווי דו? ווידער דאָס הייזעריקע לאַכן.

— סטעפּאַן, דו ביסט אַ וואַכסאָלדאַט און ווו האָסטו די שליפּיעס? זעסט נישט אַז די גלעזער זענען ליידיק? נו, גיי און האַלט מלחמה מיט אַזעלכע זעלנער?

דאָס דריטע גלאָז האָב איך שוין נישט געקענט אויסטרינקען ביזן סוף. מיינע פינגער זענען לויז געוואָרן און איך האָב אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז. עס האָט זיך ווי אַרויסגעגליטשט און מיט אַ געקלאַנג אַנגעשלאָגן אַן דעם טיש. די ליפּן האָבן זיך באַוועגט און עס איז מיר אוממעגלעך געווען צונויפ־צובינדן ווערטער. דעם פּאַפּס רייד האָב איך אויפגענומען און פאַרשטאַנען אין מיין שיכרות אַז איך דאַרף זיין אָפּגעהיטן, אַז איך טאָר נישט ריידן צו פיל אין בייזיין פון די צוויי באַוואָפנטע פאַרשווינען וואָס זיצן אויף דער אויוונבאַנק. דער קאָפּ איז מיר שווער געוואָרן און איך האָב אים אָנגע־שפּאַרט אָן דער וואַרעמער, געקאַלכטער וואַנט פון אויוון. איך האָב געזען דעם סופיט, די טונקעלע צוויי בעלקעס, געשפּאָלטענע, מיט דעם אָפּגלאַנץ פון ברוינער זשיוויצע.

איך ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר כ׳בין אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. ווייזט אויס אַז עס איז געווען אַ להכעיסדיק לאַכן קעגן די הימלען, קעגן דער גאַנצער וועלט און קעגן גאָטס מישפּט אויף מיר. כאַ־כאַ־כאַ... עס איז אַ ווינטערדיקע נאַכט, אַ פראָסטיקע. אַ וועלט גייט־אָפּ אין בלוט. אויף מיין

שטאָם האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ טויטאורטייל, איך בין אַנטרונען אין מיט פון אַ וואַלד אין אַ שטורעמדיקער נאַכט און טרינק סאַמאַגאָן. איך וואָרעם מיין רוקן ביים אויוון, קעגנאיבער מיר זיצט אַ פּאַרשוין וואָס וואָלט געקענט זיין אַ העטמאַן פון דזשינגיס כאַנס האָרדעס, אַ קאָזאַקישער קאָפּשנײַדער, אַן אָפּריטשניק ביי איוואַן דעם גרויזאַמען, איינער פון יעקאַטערינאַס לייב־גוואַרדיע צו וועלכן די צאַרין איז נישט גלייכגילטיק, אָדער אַ רויטער קאָמיסאַר אין בודיאָניס קאָנאַרמי...

— הער, פּאָפּ! — האָב איך אויסגערופן — מיר איז אַלץ איינס ווער דו ביסט.

איך האָב נישט געוווסט צי מיינע מחשבות זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויפן קול, אָדער איך האָב זיי אין זיך גערעדט. איך האָב געוואָלט פאַרריכטן די רייד וועלכע איך האָב נישט געזאָגט.

— איך זאָג דיר „דו"... איר וועט מיר מוחל זיין... איך האָב אייך אפשר באַליידיקט מיט מיינע געדאַנקען... דו ווילסט וויסן ווי אַזוי איך בין אַריינ־געפאַלן צו אייך? דו מיינסט אַוודאי אַז איך בין איינער פון די וואָס זענען אַנטלאָפן פון אַ געטאָ און זוך שוץ ביי אייך? דו מיינסט אַז דו האָסט פאַר זיך איינעם וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער תליה און מיט דער שטריק אויפן האַלדז לויפט ער זיך ראַטעווען?...

עס איז מיר געוואָרן הייס. איך האָב צעקנעפּלט דעם פוטערנעם אונטער־וועסט, צעעפנט דאָס העמד און אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט.

מיר איז אומגעריכט איינגעפאַלן, אַז איך דאַרף אים אַנטרויען מיין סוד. איך האָב געשפּירט אַז עפּעס וועט געשען מיט מיר אין די נאָענטסטע טעג און איך וועל אומקומען. איך האָב נישט געוואָלט אַז מיין טויט זאָל זיין אומבאַקאַנט. אפשר, דערנאָך, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט מען דערציילן אַז איך בין געפאַלן אויפן וועג פון דער שליחות וואָס מען האָט מיר אָנגעטרויט. זאָלן זיי אַלע הערן. עס איז נישטאָ קיין געפאַר אַז מען זאָל דאָס איבערגעבן צו די דייטשן. אפילו ווען איך וואָלט געווען אין דייטשע הענט וואָלט איך זיי אַנטפּלעקט ווער איך בין. זאָלן זיי וויסן, וואָרעם עס איז אַן אָפענע מלחמה. מיין לאַכן איז ווידער געקומען קעגן מיין ווילן און איך האָב זיך נישט געקענט צוימען. ניין, איך לאַך נישט, עס איז אַ געוויין,

אַ האַלב מויל מיינס וויינט און אַ האַלב מויל וויל פאַרדעקן דאָס געוויין דורך אַ גרימאַס וואָס איז ענלעך צו אַ געלעכטער.

— דו מיינסט אַז מען האָט אונדז צעטראָטן, געשענדט און פאַרטיליקט! עס איז אַ טעות. איבער פינף מיליאָן ייִדן לעבן אין אַמעריקע! הונדערטער טויזנטער ייִדן זענען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי... איך ווייס דאָס... איך געהער אַליין צו די אַלייִרטע אַרמייען... איך בין פון ירושלים... דאָרט האָט זיך געשאַפן אַ ייִדישע בריגאַדע... עס קומט אויף אַ ייִדיש לאַנד... איך בין געשיקט געוואָרן אַהער... מען האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן אויף דער טשעכישער גרענעץ מיט אַ פּאַראַשוט... כ'האָב דורכגעוואַנדערט די קאַרפּאַטן כדי צו באַגעגענען ייִדן און זיי מונטערן... איך דאַרף זיך פאַרבינדן מיט די פּאַר־טיזאַנער... אָט דאָס וויל איך דיר זאָגן. וועט איר מיך אומברענגען, וועט מען דאָס וויסן. איך האָב אָנגעזאָגט מענטשן אַז איך גיי צו אייך... אַז איך בין אויפן וועג צו די פּאַרטיזאַנער... גוט, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט... איך ווייס אַפילו נישט ווער דו ביסט... איך פיל אַז איר גרייט קעגן מיר אַ תליה אָדער אַ קויל... אפשר בין איך אַריינגעפאַלן אין אַן אָפּטייל פון ווילדע פּאַרטיזאַנער? ווער ווייסט? אפשר זענט איר סתם וואַלדמענטשן?... כאַ־כאַ־כאַ...

דער פּאָפּ האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסל. זיין שוואַרצע באָרד האָט באַרירט מיין צעכראַסטעטע ברוסט. עס האָט געשמעקט פון אים מיט שוויס, מיט היץ, מיט בראָנפן, מיט דעם ריח פון אַ צעשוימטן פערד.

טויב האָט אָפּגעהילכט דער פּאַטש. איך בין מיט איין מאָל ניכטער געוואָרן און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. איך בין געשטאַנען שוין נישט אויף מיינע פיס, נאָר אויף עפּעס וואָס איז פרעמד און וואָס געהערט נישט צו מיר.

אַז איך האָב געעפנט די אויגן האָט מיך אַ פינצטערניש אַרומגענומען. אַ שווער אָטעמען פון עמעצן וואָס ליגט אַוודאי נישט ווייט פון מיר. אין פענצטערל גרויט שוין. עס איז אַ קוים אָנזעעוודיקער גרויער זוים אויף דעם פּראָסטיקן שייבל. איך האָב דערקענט דאָס פלעמל ביי דער איקאָנע און אומגעריכט איז אויפגעגאַנגען אַ צווייט פלעמל, אַ נישטיקס, וואָס האָט זיך געטוקט און געצונדן — — —

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען שפּעט. די מאָרגן־גרויקייט איז צערונען געוואָרן און איך האָב שוין גוט געקענט אונטערשיידן די פאַרבן וואָס איך האָב נעכטן אַנגעוואָרפן אויפן לייוונט. דאָס איז געווען מיין ערשטע נאַכט אין דער פּאַריזער אַטעליע. אַלץ האָט מיר אויסגעזען חידושדיק: די דעכער, די פלאַטערנדיקע טויבן, די געאָמעטרישע שטיקער הימל פון אַן אומריינעם בלאָ און דאָס שטילע גערויש וואָס איז דערגאַנגען פון דער גאַס. איך האָב געעפנט דעם קראַן, אַרונטערגעשטעלט דעם קאָפּ, געלאָזט שטראָמען פון דוש אויף מיין ברוסט און געוואָלט באַפרייען זיך פון נאַכט־חלום. עס איז מיר אויסגעקומען אַז עס איז געבליבן אין מיר עפּעס פון דער שיכרות בעת איך האָב געטרונקען די גלעזער סאַמאַגאָן. איך וועל טעלעפאָנירן צו פאַביאַן. ניין, איך וועל וואַרטן אויף דער אויסשטעלונג. זי וועט זיכער קומען. עס איז אָבער לאַנג צו מיינס אַן אויסשטעלונג. איך מוז זען פאַביאַנען.

איך האָב זיך געוואָלט דערמאָנען איר פּנים און נישט געקענט, נאָר דער אויסטערלישער איינדרוק פון דער באַגעגעניש איז מיר געבליבן אין זכרון און עס איז געבליבן איר קול.

מאַריעס לעבן איז אָפּן פאַר מיר און באַנאַל אַזוי ווי די געשליפענע בלומען ביי די ראַנדן פון די שפּיגלען אין איר גרויסן צימער, ווי די קרעדענסן פון אַ פאַלירטן פלאַסטיק, די געבעטע שטולן באַצויגענע מיט אַ גלאָז־פּלאַסטיק אַ דורכזעעוודיקן. „וויפל בילדער קענט איר אַרויסלאָזן אין אַ וואָך" — האָט מיך געפרעגט מאַריעס מאַן. איך האָב אַ שמייכל געטאָן מיט שפּאָט. „אַרויסלאָזן" — האָב איך שטיל איבערגעחזרט. מאַריע האָט דערקענט דעם שפּאָט מיינעם און דעם פאַלשן שמייכל. זי איז רויט געוואָרן און איבערגעריסן דעם שמועס. „שטעל נישט, קלאָד, אַזעלכע פראַגעס". איך בין איר געווען דאַנקבאַר. צו קלאָדס רייד האָב איך זיך צוגעוווינט און דערנאָך מיט געדולד אויסגעהערט ווי אַזוי ער איז מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק געקומען פון אַ פּוילישע שטעטעלע קיין פּאַריז. ער איז דעמאָלט אַלט געווען זיבעצן יאָר. אַ לאַנדסמאַן האָט אים געגעבן דאָס ערשטע געלעגער. מען האָט אים געפירט אין אַן אָרעם האָטעלעכל לעבן פּלעצל און אָנגעזאָגט אַז יעדן טאָג אין דער פרי זאָל מען אים געבן אַ גלאָז קאַווע און אַ זעמל. דעם ערשטן טאָג איז ער אַוועק בלאָנדזשען איבער די גאַסן. ער האָט זיך

אָפּגעשטעלט בײַ אַ געשעפט פון שפּײַז און געצײלט די פֿאַרשײדנסטע סאָרטן קעז... דעם חידוש פון די פֿאַרשײדענע סאָרטן קעז געדענקט ער נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג. ביז איצט האָט ער געװוּסט נאָר פון װײַסן קעז... די יאָרן זענען געלאָפן און פון יונגן ייִנגל קלמן איז געװאָרן קלאָד. מאַריען האָט ער געטראָפן באַלד נאָך דער מלחמה. זי האָט אָנגעהױבן אַרבעטן אין אַ שנײַדערישער אַטעליע. אירע הענט זענען אָבער נישט געװוען צו שנײַדערײַ. זײַן ערשטע פרוי איז דעפּאָרטירט געװאָרן. קײנער האָט נישט געװוּסט װוּהין זי איז פֿאַרשיקט געװאָרן. כאָטש קלאָד איז געװען רײַך, געהאַט עטלעכע געשעפטן אין דער פּראָװינץ, איז ער נאָך אַלץ פֿאַרבליבן דער גוטמוטיקער שנײַדער־געזעלן. „איר האָט געקענט איר טאָטן. דערצײלט עפּעס.״ — האָט ער זיך בײַ מיר געבעטן אין דעם קלײנעם ביסטראָ, בעת מיר פלעגן טרינקען אַן אַפּעראַטיװ. איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז קלאָד װײסט גאָרנישט װעגן מאַריעס איבערלעבענישן און אַז עס זענען אים אומבאַקאַנט מײַנע אַמאָליקע באַגעגענישן מיט מאַריען. איך האָב זיך געפילט שולדיק פאַר דעם שטילן מענטש, דעם איבערגעװאַקסענעם, מיט די גרױסע, נאָכ־הענגענדיקע הענט, מיטן פּנים פון אַן איבערגעשראָקענעם, לײַדנדיקן שנײַ־דער פון אַ קלײן פּױליש שטעטל, װאָס דורך אַ נס איז אַװעק פון אים די שרעק. די לײַדן האָבן זיך אײַנגעשטילט און די נעבעכדיקײט איז אָפּגעטראָטן, אַזױ װי זי פלעגט אָפּטרעטן אויף אַ הײמישער שימחה, כדי זי זאָל דערנאָך צוריקקומען נאָך װײטיקדיקער װי פריער. זי װעט צוריקקומען — האָב איך געװוּסט, און דאָס װעט זײַן מײַן שולד.

מאַריע האָט געשװיגן, נאָר איר שװײַגן איז פול געװען מיט די נישט־אַרױסגערעדטע רײד װאָס מיר בײדע האָבן פֿאַרשטאַנען.

אין דער אַטעליע איז זי געקומען רעגולער. אײן טאָג אין די פרימאָרגן־שעהען און דעם אַנדערן טאָג נאָך מיטאָג. זי האָט געהאַט אַ שליסל און שטיל געעפנט די טיר. איך האָב געהערט פון קלײנעם פּאָדערצימערל, װאָס האָט געפירט אין אַ קיכל, אירע טריט. איך האָב געװוּסט, אַז זי לײגט איצט אַװעק אויפן טישל דאָס װאָס זי האָט אײַנגעקויפט, אַז זי שטעלט אַרײַן די בלומען אין דער װאַזע. אָט הער איך װי עס רינט דאָס װאַסער פון קראַן, דערנאָך דעם געקלימפּער פון טעלער און גלעזער.

איך שטיי מיטן רוקן צו דער טיר און מיטן פּנים צום מאָלבערט. מיינע הענט זענען מיט איילפּאַרב. איך טראָג כאַקענע הויזן און אַ שוואַרצן גאָלף־סוועטער. ער איז געפּלעקט מיט געלע און גרינע פלעקן.

— באַנזשור...

איך שפּיר אין איר קול תאווה. מיך רעגט אויף איר זאַטע תאווה וואָס קומט פון גאָרנישט טאָן, פון אַרומלויפן טעג איבער מאָדע־געשעפטן.

מאַריע איז פול, אויסגערונדיקט און אין איר בליק איז פאַראַן עפּעס פון דער פרעכהייט פון דינסטמיידן אויפגעריכטע. זי האָט דאָס איבער־גענומען פון די פאַראַרעמטע יידישע שניידערינס וואָס זענען רייך געוואָרן דורך גוט חתונה האָבן. זי האָט דאָס איבערגענומען צוזאַמען מיטן ביסל פראַנצויזיש, צוזאַמען מיטן ניגון פון דער פראַנצויזישער שפּראַך וואָס איז אַריין אין איר יידיש־לשון, צוזאַמען מיט דעם אופן פון קאָכן און צוגרייטן צום טיש.

די ערשטע יאָרן אין פּאַריז איז זי אָפּגעזעסן אין די נאָכמיטאָגן אין אַ קאַפע אויפן פּלאַץ רעפּובליק, און אַז עס האָבן אָנגעהויבן נעלם צו ווערן פון קאַפע די יינגערע און אויף זייער אָרט זענען געקומען די פּופּציק־יאָריקע, געפאַרבטע און געקנייטשטע מאַדאַמען — איז זי אַוועק פון דער קאַפע. אין איר האָט אַרומגעבושעוועט דער חלום פון אַ נישט־אויסגעלעבט לעבן. זי האָט געוווּסט וועגן די „נאָכמיטאָג־ליבעס" פון אירע פריינדינס. זיי האָבן זיך פאַרטרויט פאַר איר. איר גוף איז געוואָרן פולער, איר פּנים — ברייטער. קלאָרן איז באַפאַלן פרי די אַלטקייט, כאָטש אויף זיין פּנים האָט מען זי נאָך נישט דערקענט. זיין גוף איז געווען דעפאָרמירט פון די יאָרן הונגער, פון שווערער אַרבעט. די זאַטקייט פון די רייכע יאָרן איז אַריין נאָר אין פּנים, וואָס האָט געהאַט אַ מילדע רונדיקייט, אַ לויזע, מיט אַ קרענקלעך־ראָזן אָפּשיין. פאַר טאָג, אין באָדצימער, האָט מאַריע נישט איין מאָל געזען ווי קלאָד בלייבט שטיין, אָנהאַלטנדיק זיך מיטביידע הענט און פון זיין קעל רייסן זיך אַרויס שטילע קרעכצן. עס איז געפאַלן דאָס וואָרט „אַ דאָקטער", איז געקומען דער דאָקטער, געקוקט, געפרעגט, געשיקט אין שפּיטאָל אַריין אויף אונטערזוכונגען.

„עס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט" — האָט ער געזאָגט צום ווייב.

„מען עלטערט זיך". ער האָט געלאַכט טרויעריק און מיד. זי איז אַוועק אויף האַלבע טעג פון שטוב. אַ נישט אויסגעלעבט לעבן האָט אַרומגעשטורעמט אין איר.

מײַן מאָלערײַ האָט מיך נישט באַפרידיקט. איך האָב געקוקט אויף די לײַוונטן און געפילט זיך דערשלאָגן. עס איז נישט מער ווי אַן עקשנותדיקער ווילן צו ווערן איינער פון די טויזנטער פאַרבן־מישערס. נאָך וואָס בין איך געקומען אַהער? מאָלן די געלע פלעקן און זיי אָנרופן שטיללעבן? אויסשטעלן אין אַ זאַל און באַווײַזן מײַן פּנימלאָזיקייט? אָט דאָס איז מײַן קונסט? עס איז דאָך נישט מער ווי אַ שפּילן זיך מיט קאָלירן, אַן אומבאַהאָלפן קלאַמערן זיך אין נאָמען מאָלער. איך האָב געוואָלט, באַלד נאָך דער מלחמה עפּעס טאָן מיט מײַנע הענט. מאָלן — דאָס איז מיר אויסגעקומען ווי אַ לײַכטזיניקע פאַרשוועכונג פון דעם בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן. איך בין געבליבן לעבן נישט כדי צו זוכן האַרמאָניע פון עטלעכע פאַרבנפלעקן, נישט דערפאַר אַז איך זאָל זיך אויפלייזן אין אַבסטראַקטע קאָמפּאָזיציעס, קעגן אייגענעם ווילן. ניין, עס איז נישט קעגן אייגענעם ווילן ווײַל איך האָב שוין בכלל נישט קיין ווילן. אַלץ וואָס געשעט מיט מיר איז צופאַל, און איך ווייס נישט וווהין איך וועל געפירט ווערן.

באַלד נאָך דער מלחמה בין איך אַרײַן אין אַ קיבוץ אין נגב. איך האָב געפירט אַ טראַקטאָר און אויפגעאַקערט דעם מידבר. איך האָב ליב געהאַט די פאַרנאַכטיקע שטילקייט וואָס איז פּלוצעם איבערגעריסן געוואָרן פון שאַקאַל־געשרייַ און קעמל־געיאָמער. איך פלעג אַרויס אויף שמירה און לויפן מיט מײַן דזשיפּ צענדליקער קילאָמעטערס. איך האָב מיט שפּאָט אויפגענומען די שאָסן וואָס פלעגן אָפּהילכן אין דער נאַכט־פינצטערניש און ענטפערן אויף דער שיסערײַ מיט פאַראייניצלטע שאָסן פון מײַן עוזי.

טייל מאָל, אין די שבתים, פלעג איך קומען אין תל־אביב, אויפזוכן עטלעכע פרײַנד און אַוועק אין סינעמאַ. איך האָב געהאַט באַקאַנטע אין יפו און בין אַוועק מיט זיי צום ים־ברעג. עטלעכע מײַנע יוגנט־חברים לעבן אין לאַנד. איינער איז אַ מאָלער. ער האָט זײַן אַטעליע אין תל־אביב און אַן אַטעליע אין צפת. דער צווייטער איז אויף אַ הויכן מלוכהשן פּאָסטן.

איך האָב געפילט ווי עס גייט אויף אין מיר אַ כוח וועלכן איך וועל נישט קענען צוימען, איך וועל זיך מוזן אים הכנעהדיק אונטערגעבן.

איך האָב געטראַכט וועגן פאַרלייגן אַ היים — האָט מיך דער אומרו פאַרכאַפּט און איך האָב נישט געוווּסט וואָס עס געשעט מיט מיר. דער מידבר־שטויב איז אַריין אין מיינע הויטן. מיין פּנים איז געוואָרן גערונצלט אַזוי ווי די לעכצנדיקע ערד, מיינע הענט — פאַרהאַרטעוועט. אַ רויטהאָריקע מויד פון אַלזשיר, וואָס האָט גערעדט אַ גאַרגלדיקן העברעיִש, פלעגט אין די אָוונטן קומען אין מיין חדר. זי איז געווען אַזוי טרוקן, לעכצנדיק, ווי די מידבר־ערד. איך האָב געוווּסט אַז זי איז פאַר מיר ווי דאָס קאָרגע ביסל טוי וואָס פאַלט אויף אַ דאָרן. אין איינעם אַ טאָג בין איך אַוועק קיין תּל־אביב, איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער עטלעכע קליינע גאַלעריעס און עס איז אויפגעגאַנגען אין מיר דער שאַרפער ווילן צו באַנייען מיין מאָלעריי.

מיינע ערשטע אַקוואַרעלן האָבן פאַרחידושט מיך אַליין. איך האָב זיך שוין געהאַט אָפּגעוווינט צו האַלטן אַ פּענדזל און די ציטעריניש האָט מיר געגעבן פרייד. איך האָב נישט געקענט מער אויפנעמען די הייזעריקע שעפּ־טשערייען, דעם טרוקענעם האַלדז־ניגון פון דער רויטהאָריקער. מיר איז אויסגעקומען אַז אירע הענט שמעקן מיטן ריח פון ווילדגראָזן אין וואַדיס אין חודש אלול.

איך בין אַוועק פון קיבוץ. אין תּל־אביב האָב איך באַקומען אַ דאַכשטיבל און אָנגעהויבן צו פאַרקויפן מיינע בילדער. עס איז געווען אַ געראַנגל אויפצוהאַלטן זיך אויף דער אייבערפלאַך.

„בלייב מיט מיר" — האָב איך געזאָגט צו דפנה — די טאָכטער פון אַ פּרדס־אייגנטימער. זי איז געקומען צו מיר אַזוי ווי עס קומט אין אַ פאַרנאַכט דער ריח פון בליִענדיקע מאַראַנצן־ביימער; אומגעריכט, פאַר־כישופנדיק. „ביסט אָרעם און דיינע בילדער זענען נאָך אָרעמער ווי דו אַליין". זי האָט געלאַכט און איך האָב נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס קלינגעוודיקע געלעכטער. „דאָס איינציקע וואָס האָט אַ ווערט דאָס איז דיין ברוינער מידבר־גוף". אַז זי איז אַוועק האָב איך אָנגעצונדן דאָס ליכט, געקוקט אויף די בילדער און געוואָרפן זיי. „דפנה, קום צוריק!" — האָב איך גערופן.

איך האָב פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט מיינע פריינד, מיט דער גאַנצער וועלט. איך בין געבליבן אַליין, פנים־אל־פנים מיט מיין מאַלעריי וואָס איך האָב פיינט געהאַט.

אין יענע טעג האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין פאַריז. דאָס איז מיין איבערגעריסענער חלום וועלכן איך האָב געחלומט ערב דער וועלט־מלחמה. איך האָב זיך אָנגעהויבן איינריידן: עס איז גאָרנישט נישט געשען. דו ביסט דאָך דאָס זעלביקע יונגע בחורל פון פויזן וואָס איז אויפגעגאַנגען אין וואַרשע ווי אַ יונגער צוואָגערישער מאָלער. עס איז קיין מלחמה נישט געווען. געדענקסט יענע צוגרייטונגען צו דער נסיעה קיין פראַנקרייך? פאַר וואָס זאָלסטו דאָס איצט נישט טאָן? להכעיס דעם גורל. זיי ממשיך דאָס וואָס האָסט אַ מאָל אָנגעהויבן.

איך האָב געזאָלט אַרויספאָרן אָנהייב סעפּטעמבער 1939 קיין פאַריז. דעמאָלט בין איך אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר. איך בין מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי.

ווען איך האָב זיך אויפגעזעצט אויף דער שיף וואָס האָט מיך געדאַרפט פירן קיין מאַרסיי איז געווען דאָס יאָר 1959. צוואַנציק יאָר שפּעטער!

וואָס שטאַרקער איך בין געווען דערדריקט פון מיין אָנמעכטיקייט ביים מאָלערברעט אַלץ אויפגעוואַכטער איז געוואָרן מאַריע. זי האָט דערפילט אַז איך פאַרמאָג שוין מער גאָרנישט און דער איינציקער אָנהאַלט אין לעבן איז זי. איך בין געווען גוט צו איר און אָנגענומען איר ליבשאַפט מיט הינטישער הכנעה. אַלע צוימען האָט זי באַזייטיקט און אָנגעהויבן אַריינרייסן זיך אין מיין נעכטן. זי האָט געוואָלט וויסן וועגן מיינע יאָרן אין קיבוץ, וועגן די באַגעגענישן מיט פרויען. זי האָט שוין מער נישט געקליבן די ווערטער נאָר אַלץ אָנגערופן נאַקעט. איך האָב אַפילו נישט געאַנט אַז אונטער איר דרויסנדיקער צוריקגעהאַלטנקייט פון אָט דער מיטליאָריקער פרוי דרימלט עפּעס וואָס איז רוי און פרעך. דאָס איז די פרעכהייט פון המון. געבוירענע און דערצויגענע אין דער ראַנד־אָרעמשאַפט און ענגשאַפט איז נישט נאָר זייער סאָציאַלער פּראָטעסט שאַרפער, צאָרנדיקער, נאָר אויך זייער פיזישער. בעת דער פיזישער דערוואַכונג פון די אונטערוואַקסנדיקע שטורמען אויף זייערע גופים ביז שגעון. זיי באַפאַלן זיך איינע די אַנדערע

און אָטעמען אַריין אין זיך די הייסע אָטעמס. די מיידלעך פון די ייִדישע היימען, די אָפּגעשלאָסענע, האָבן אויפגעוואַקסט אין די פּאַרטאָגס מיט שוואַרצע רינגען אַרום די אויגן, זיי האָבן אָנגעהויבן וועלקן איידער זיי האָבן זיך נאָך צעבליט אין זייער יונגשאַפט און זענען אַריינגעפאַלן אין מרה שחורה. דעמאָלט האָבן די עלטערן אויסגעזוכט חתנים און זיי פאַרקנסט. ביזן אין האַלבן טאָג אַריין האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט מיט צעשויבערטע האָר, אין לאַנגע שלאָפכאַלאַטן, צעפּאַטלטע מיט אָנגעגאָסענע בריסט, טרויעריקע און אָפּגעגעבענע פון גורל. זיי האָבן געקוקט אויף זייערע מענער מיט שפּאָט און געוווּנען זיכער אַז דאָס גליק וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך איז אַ פאַלשס, עס איז נישט דאָס וואָס עקזיסטירט און וואָס זיי האָבן אַזוי באַשיימפּערלעך געזען אין זייערע מיידלשע נעכט.

מאַריע האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן נאַרן פון גורל. „כ'האָב געענוג אָפּגעפּינצטערט מיין לעבן ביים אַלטן גוי. זאב, עס קומט מיר אפשר נישט?" — זי האָט פאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס און איז געשטאַנען לאַנג אַנטקעגן שפּיגל. טייל מאָל פלעגט זי אויסברעכן אין אַ געלעכטער, סתם אין דער וועלט אַריין, אָן שום סיבה און דאָס געלעכטער פלעגט מיך אויפשוידערן. פון די אָפּגעריסענע רייד אירע האָב איך פאַרשטאַנען אַז דער אַלטער גוי האָט געלעבט מיט איר. ער האָט זי אויסבאַהאַלטן דריי יאָר צייט אין אַ גרוב וואָס ער האָט געמאַכט ביי זיך אין שטוב. דער פויער האָט געהערט צו דער סעקטע סובאָטניקעס. געוווינט ביים ראַנד פון דאָרף און קיינער האָט נישט חושד געווען דעם אָרעמען זקן אַז ער באַהאַלט אויס אַ ייִדישקע. אַזוי האָט מאַריע זיך דערוואַרט אויף דעם אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי. נישט איין מאָל זענען דערגאַנגען צו איר קולות פון דייטשן, דאָס געוויש פון טאַנקן. איך מאָל האָבן פאַרשווינען אין דער נאַכט געקלאַפּט אין די לעדן, אויפגעריסן די טיר און צוגעשטעלט די ביקסן צום פויערס האַרץ. עטלעכע וואָכן זענען אין דעם שטיבל איינגעשטאַנען באַנ־דעראַס באַנדעס. זיי האָבן נאַכט נאָך נאַכט איינגעאָרדנט הוליאַנקעס מיט יונגע פויערטעס. מאַריע האָט געהערט די תאווה־רייד פון די פויערטעס — פרעכע, געמיינע און צוזאַמען מיט דער שרעק פאַרן טויט איז אויפ־געגאַנגען אין איר דאָס זידנדיקע בלוט און זי האָט מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם

איינגעהערט זיך אין דעם וואָס איז פֿאַרגעקומען אויבן, איבער איר קאָפּ.

מאַריע האָט נישט געקענט מער אויפֿנעמען מיין צוריקגעהאַלטנקייט. איך האָב דערפֿילט, לויט דעם ווי זי האָט מיר דערציילט אירע איבער־לעבענישן פֿון יענע נעכט, ווען איבער איר, אין פֿויערס שטיבל זענען פֿאַרגעקומען אָרגיעס, אַז זי האָט דערמיט אַ כּוונה.

— „איך בין נישט מער דאָס מיידל מיט די צעפּלעך. איך הער געננג די אַסטמעריייד פֿון מיין קלאָד. נישט צוליב דעם בין איך געבליבן לעבן".

איך האָב נישט געקענט הערן אירע רייד, ווייל זיי האָבן מיך באַליידיקט. די באַליידיקונג איז תמיד געקומען נאָך איר אַוועקגיין. איך האָב מער נישט געקענט בלייבן אין דער סטודיע און בין אַוועק צו דער סען, צום בלינדן שטערן־זוכער.

עס איז גוט צו קוקן אויף דער וויגנדיקער שטייג, דער לײדיקער, וואָס איז געבליבן נאָך דער פּאַפּוגיי. איך האָב ליב צו זען די גרויע וואַסערן פֿון דער סען און די שוואַרצע באַרקעס וואָס שווימען פּאַמעלעך. אויף אַ שטריק פֿון אַ באַרקע הענגען וועש. זיי פֿלאַטערן פֿאַרביי די רייען הייזער ביים ברעג פֿון דער סען ווי דער חלום פֿון קלאָשאַרן וואָס ליגן ביי די בריקן.

איך קוק אויפֿן בלינדן שטערן־זוכער און באַוווּנדער די איידעלע און ראַפֿינירטע שטריכן פֿון דער גראַוויור. אַז איך שליס צו די אויגן לויכטן אויף די שטערן פֿון מילכוועג. נישט ווייט דאַרף זיך געפֿינען דער גרויסער בער.

די גוידערנדיקע שענקערין האָט זיך פּלוצעם צעלאַכט. מיר באַטראַכטן זיך נייגעריק, ווי זי וואָלט מיך דאָס ערשטע מאָל באַמערקט און דערנאָך קוקן מיר צוזאַמען אויף דער גראַוויור.

דער זקן מיט די טונקעלע, אָנגעשטײפּטע הויזן, מיט דעם וועסט אויף וועלכן עס הענגען עטלעכע קאָלירקע צייכנס פֿון מעדאַלן איז ווידער דאָ. ער פּאָכעט מיטן באַמבוק־שטעקן. „באָנזשור!" — זאָג איך אים. ער ענטפֿערט נישט. די קעלנערין לאַכט און גיט מיר צייכנס אַז דער אַלטער איז טויב. איך שמייכל צו דער סען אַזוי לאַנג ביז איך כאַפּ זיך אַז קאָלעט קוקט אויף מיר מיט שטוינונג און שרעק.

דעם נאָכמיטאָג בין איך לאַנג געזעסן אין דער שענק. סיי ווי איז דאָס ליכט פאַרטונקלט און איך וועל נישט קענען מאָלן אין דער היים.

איך האָב געזען ווי עס צינדט־זיך דער פּראָזשעקטאָר אויפן אייפל־טורעם און אויף דער סען וואַנדערט אַרום אַ ליכט וואָס טוקט זיך און צינדט זיך אויף ס׳ניי.

ווען איך האָב זיך יענעם פאַרטאָג אויפגעכאַפּט, האָב איך געזען נישט ווייט פון מיר דעם פּאַפּ. ער האָט געצונדן זיין פייקע ביי דער קליינער לאַמפּאַדע פון דער איקאָנע. דער גאַנצער צימער איז געווען אויסגעפּולט מיטן פּאַפּס מעכטיקן שאָטן. די פּירקאַנטיקע שייבלעך זענען געווען בלאָ און דער פּראָסט האָט אויסגעמאָלן אויף זיי בלאָע קאָרן־בלימלעך.

די טיר האָט זיך ברייט געעפנט, מיט אַ סקריפּעריי. איך האָב געשפּירט די פאַרטאָגיקע קעלט און זיך געיאָזשעט, געזוכט די וואַרעמקייט פון דעם פאַרלאָשענעם אויוון.

זיי האָבן גערעדט הייזעריק, אַזוי ווי עס ריידן מענטשן אין פאַרטאָגס. איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי זאָגן. די רייד זענען אָבער געווענדט צו מיר.

עמעצער האָט מיך אַ שטויס געטאָן און איך בין אויפגעשפּרונגען.

די ביטערניש פון סאַמאָגאָן איז מיר קאַפּויער געקומען. איך האָב נישט געקענט אַרויסברענגען קיין קול. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז אַ פלעדער־מויז איז מיך באַפאַלן און פּאַטשט מיט שוואַרצע, קלעפּיקע פליגל איבער מיין שאַרבן. איך האָב געפּרוווט אָוועקטרייבן די פלעדערמויז.

זיי זענען אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, אַן אומהיימלעך און בייז געלעכטער ווי מען וואָלט אונטער מיר געזעגט די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע אויף וועלכער איך שטיי. זי וועט איינפאַלן. נאָך אַ רגע און איך וועל אַראָפּ־פאַלן אין אַ שוואַרץ גרוב. עס איז נישט קיין פּאָדלאָגע. דאָס איז אַ בריק איבער אַ פינצטערן טייך אויף וועלכן איך שטיי פאַרהילט אין חשכות — — —

דאָס איז די סען. וואָס טו איך אַזוי לאַנג אויף דער בריק?

איך האָב זיך געחידושט וואָס אַ פאַרבייגייער באַטראַכט מיך. איך שמייכל

צו אים און מיין שמייכל באַרויקט אים. ער גייט אײליק אַוועק. איך קוק אים נאָך און זע אַז ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין ראָג, ביים פּאָליציאַנט וואָס רעגולירט די באַוועגונג. זיי שמועסן אַ ווײלע. ניין, זיי ריידן נישט וועגן מיר. דער פּרעמדער פרעגט זיך אַוודאי אויף אַ גאַס וועלכע ער קען נישט. ער האָט מיך געוואָלט פֿריער פרעגן, נאָר איך האָב זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צו דער סען און איבערגעבויגן זיך צו די וואַסערן, ווי אַזוי זשע האָט ער געקענט מיך פרעגן? איצט קוקט אויך דער פּאָליציאַנט אויף מיר. איך באַמי זיך נאָך ברייטער צו עפענען מיין מויל און באַווייזן אַז איך לאַך. איך גיי פֿאַמעלעך. עס איז קאַלט און די קעלט נעמט מיך אַדורך.

צו דער דערפֿעגונג פון מיין אויסשטעלונג זענען געקומען אַ סך מענטשן. דער גאַלעריע־אייגנטימער איז געווען צופרידן. ער האָט שוין אָנגעקלעפּט אויף איבער אַ העלפט בילדער קיילעכדיקע קליינע פּאַפּירלעך — אַ סימן אַז זיי זענען פֿאַרקויפֿט. איך ענטפער אויף באַגריסונגען, שטאַמל און שאַר זיך ביי די ווענט. מאַריע איז געקומען מיט אירע באַקאַנטע. איך הער איר לאַכן און זע ווי זי צעוויקלט אַ בוקעט רויזן. איך וויל פֿאַרמאַכן די אויגן און נישט זען אירע פינגער, מיט גאָלדענע רינגען. איך וויל נישט זען מיינע בילדער. זיי זענען היינט רעשיקער ווי תמיד. אַזאַ אָנזאַמלען פון קאָלירן, שרייענדיקע, אַרויסרופֿפּערישע, אַזאַ יאַריד! איך פיל זיך אָפּגענאַרט און דער אָפּנאַרער דאָס בין איך. איז אַלץ כדאי געווען, אַטאָ יענע טעג און נעכט, אַז איך זאָל דערנאָך זיי אַזוי באַריש אויסחוזקן?

דאָס ביסל געטראַנק וואָס מען האָט דאָ צוגעגרייט איז קיין געטראַנק נישט, עס איז אַ זיסלעכער וויין, אַ וואַסערדיקער. העי, קלאָד, מיר זענען די זעלביקע פֿאַרשווינען,ביידע זענען מיר אָפּגענאַרטע. איך לאַך צו אים און וויל אים זאָגן אַז עס האָט נישט קיין שום זינען. זיי מיר מוחל. איך וועל אַריינלייגן די עטלעכע העמדער אין מיין וואַליזע, צושליסן די סטודיע און איבערלאָזן דעם שליסל פֿאַר מאַריען. איך וועל צוריקגיין צום פעלד וואָס איז געוואָרן אויס מידבר, ווייל מיין אַקער האָט אים דאָס ערשטע מאָל, זינט דורות, אויפֿגעאַקערט.

פּאַביאַן איז געקומען.

איך האָב זי תיכּף דערקענט ווייל זי האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע פּרויען וואָס האָבן איבערגעפּולט די קליינע גאַלעריע. שוואַרצע האָר פאַר־קעמט אויף אַרויף. דער ברייטער קאָלנער פון טונקעלן מאַנטל באַפּינטלט מיט זילבער פון אַ וואָל. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און לסוף מיך באַמערקט אין ווינקל, ביי דער וואַנט. פּאַביאַן האָט אַ שאַרפן בליק געטאָן אויף מאַריען וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיר.

— מערסי, פּאַביאַן... איך האָב געוואַרט אויף אייך...

איך האָב נאָכגעפאָלגט יעדן פּנים־אויסדרוק אירן בעת זי האָט באַטראַכט מיינע בילדער. איך האָב געזען ווי דער גלייכגילט און די פאַרבאָרגענע איראָניע טרעט אָפּ. עטלעכע מאָל האָט זי מיך געזוכט און אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. עס איז איצט אין איר בליק געווען גוטסקייט און לייט־זעליקייט צו מיר. פּאַביאַן האָט אַוודאי געוואָלט מיר עפּעס זאָגן, נאָר עמעצער איז גראָד געשטאַנען לעבן מיר און הויך גערעדט. זי האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַוועק. ערשט נאָך איר אַוועקגיין האָב איך זיך דערוווּסט פון גאַלעריע־אייגנטימער, אַז זי האָט געקויפט דאָס גרויסע בילד אין צענטער פון דער פראָנטיקער וואַנט. דאָס איז געווען איינע פון מיינע לעצטע בילדער וואָס איך האָב געמאָלן ערב דער אויסשטעלונג: אַ רייף קאָרנפעלד, אַ צעטראָטנס. נישטאָ קיין הימל, נישט קיין בוים, עס זענען נאָר פאַראַן צעטראָטענע זאַנגען, איינגעפאַלענע ווי נאָך אַ שטורעם, ווי עס וואָלטן דאָ דורכגעריטן טאַבונען פערד, ווי עס וואָלטן דאָ אַרומגעבושעוועט מחנות שדים; אַ קאָרנפעלד אַ געשענדטס. עס שפּראָצט נאָך ערגעץ ווו אַ קאָרן־בלימל און עס שלאָגט זיך דורך דאָס נישט פאַרגעלטע גרין צווישן דעם רייפן געל פון קאָרנפעלד, נאָר אַ שענדונג שרייט פון דער ערד וואָס גרוילט אַרויס, פון די זאַנגען־וואָרצלען די אַרויסגעריסענע.

איך האָב דאָס בילד געמאָלן אין איין סעאַנס, ספּאָנטאַן. עס איז געקומען צו מיר ווי אַ וויסטע דערמאָנונג פון יענעם טאָג ווען איך האָב זיך אַראָפּ־געקייקלט פון דעם הויכן באַנאָנשיט ביי דאַנציג און אַ פאַרוווּנדעטער זיך דערשלעפּט צו אַ קאָרנפעלד. איך האָב געהערט דאָס רעדער־געקלאַפּ פון דעם עשאַלאָן, אַ שיסעריי און געזוכט אַ באַהעלטעניש צווישן די זאַנגען און נישט געקענט געפינען, ווייל דאָס תבואה־פעלד איז געווען צעטראָטן.

אויף טייל ערטער האָב איך דערקענט די צייכנאָפּדרוקן פון טאַנקען, פון פערד וואָס האָבן דורך דאָנען דורכגעלאָפירט און איך האָב געפונען גריבער פון באָמבע־אויפרייסן. זעט אויס אַז עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט דאָס דאָזיקע אָרט. עס איז געווען פיר וואָכן נאָך דעם ווי פוילן האָט קאַפּיטולירט בעת מען האָט מיך געפירט פון געפאַנגענלאַגער צו אַ נייער געפאַנגענשאַפט אין די טיפענישן פון פרייסן. עס איז מיר נאָענט געוואָרן יעדער זאַנג. איך האָב מיט די פינגער געפרווט זיי אויסגלייכן. איך האָב צוגעדעקט מיט ערד די נאַקעטע זאַנגען־וואָרצלען און געקליבן די קערנער אַרום מיר. איך האָב אָנגעהויבן זען די נישטיקסטע גרעזעלעך און די קלענסטע בלימלעך וואָס זענען געווען אַזוי גרויס ווי די בינענאויגן. איך האָב מער נישט געפילט קיין ווייטיק, נאָר אַ דורשט. מיינע ליפּן האָבן געזויגן דעם זאַפט פון די צעטראָטענע פעלדבלעטלעך און פון די פאַרוועלקטע בלויע כאַבערבלימלעך. איך בין אַזוי געלעגן ביז עס האָט אָנגעהויבן צו שאַריען און זיך איינגעהערט אין געשאָרך פון ווינט אין די זאַנגען. איך האָב געזען ווי זיי באַוועגן זיך, פּרוּוון אויסגלייכן די זילבער־שטרויען. פון ערגעץ ווייט ברענגען די וואַנ־דערנדיקע וואָלקנס דעם אָפּשיין פון שׂריפות. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן גיין. מיינע טריט זענען געווען געבראָכענע. עטלעכע מאָל בין איך געפאַלן אין באָמבעגריבער, אין קאַנאַוועס וואָס עס האָבן דאָ געהאַט צעגראָבן די געפאַנצערטע טאַנק־קאָלאָנעס. איך בין געגאַנגען דורך פעלדער, אויסגעמיטן שאָסייוועגן און אַרויס אויף אַ שטעגל וואָס האָט געפירט צו אַ קאָשוביש דערפל. איך האָב געזען די נאָך פינצטערע קאָנטורן פון עטלעכע שטאַלן און געהערט דאָס געשאָרך פון אַ טייכל וואָס ריזלט צווישן נידעריקע ווערבעס.

אין בין דעמאָלט אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיין וואַנדערונג, וואָס האָט געדויערט איבער אַ יאָר ביז איך האָב זיך דערשלאָגן קיין דרום־פראַנקרייך און פון דאָרט, נאָך עטלעכע חדשים וואָגלעניש, האָט מען מיך מיט אַ גרופּע אַנטרונענע פון דייטשיש־אָקופּירטן אייראָפּע, דערפירט אויף אַ פישערשיפל צו די ברעגן פון קסריה. אין אַ ליכטיקער נאַכט בין איך געשטאַנען מיטן פּנים צו די פעלדזן פון אַלטן

קסריה און געזען ווי עס שפרייט זיך אַ לאַנדשאַפט פון אוראַלטע חורבות און איך האָב אָנגעהויבן פון די חורבות אַרויסצוכישופן די פּאַלאַצן פון הורדוס המלך.

עמעצער האָט גערעדט צו מיר: לינקס, יענער בלאָער, כמעט שוועבנ־דיקער אָפּריס פון אַ באַרג, וואָס ציט זיך ווייט מיטן האָריזאָנט אויפן צפון — דאָס איז דער כרמל. דאָ פאַרענדיקט ער זיך, ווייל עס הייבט זיך אָן דאָס פלאַכלאַנד פון שרון. אַנטקעגן דיר, אויף מיזרח, שפרייטן זיך די הרי־יהודה — דאָרט רוט ירושלים. דו ביסט אין דיין אוראַלטער היים.

איך געדענק די רייד ווייל זיי זענען געקומען צוזאַמען מיטן ים־גערויש און זיי גייען תמיד אויף ווען איך שטיי ביים ברעג פון ים.

מיר האָבן דעמאָלט געוואַנדערט דורך די זאַמדדיונעס און געבליבן רוען אין אַן אייקאַליפּט־וועלדל. נישט ווייט פון אונדז האָבן אַרומגענישטערט רעפלעקטאָרן און גענידערט ביז די זאַמדן. דאָס זוכט מען אונדז — האָט געזאָגט דער זעלביקער מענטש וואָס האָט מיר דער ערשטער אָנגעוויזן דעם כרמל און די וויטן פון די הרי יהודה.

איך האָב געוווסט אַז די ענגלענדער באַוואַכן די ברעגן. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביים גדר פון אַ פּרדס, אין שרון. נישט ווייט האָב איך דערזען אַ תבואה־פעלד. — — —

איך בין געזעסן אויף פּאַביאַנס אָפענער טעראַסע און געזען פּאַריז איינגעטונקען אין גרין אָבער הינטער מיין רוקן האָב איך געפילט דאָס צעטראָטענע קאָרנפעלד.

דאָס בילד איז מיר איצט געפעלן.

איך האָב איר דערציילט די געשיכטע פון דעם קאָרנפעלד און וועגן דער נאַכט, ווען דאָס קאָרנפעלד האָט זיך פאַר מיר דאָס צווייטע מאָל אַנטפּלעקט אין שרון, אַן אויסגעגלייכטס און אַ בלייענדיקס. די זאַמדדיונעס וואָס זענען געווען צעשניטן פון שיינוואָרפערס, די באַלויכטענע חורבות פון קסריה. איך האָב אַ סך גערעדט און מיינע רייד האָבן זיך אַרויסגעריסן פון מיר אָפט קעגן מיין אייגענעם ווילן.

איך האָב גערעדט וועגן מיין אָפּשטאַם, וועגן דער מלחמה. איך האָב

אויסגעמישט געשעעניש, נישטיקע זאַכן האָב איך אַרויסגעהויבן און פאַרשענערט, נישט וויסנדיק פאַר וואָס איך טו דאָס. עס האָט זיך מיר דערנאָך געדאַכט, אַז עס וואַלגערט זיך אַרום מיין לעבן, אָטאָ דאָ, אין דער רייכער וווינונג מיט די פּערסישע טעפּעכער, מיט די כינעזישע וואַזעס און אַלטפראַנצויזישן מעבל. איך האָב מיין לעבן אַרויסגעטראָגן פון פייער און פלאַם, פון אונטערן מידברישן בראַנד און פון נאַכט־לויערונגען ווען בעדויִנישע קוילן האָבן געפייפט איבער מיר, און איך האָב מיין לעבן געבראַכט צו טראָגן אַהער אין דער פרעמדעניש, אין דעם אומבאַקאַנטן הויז און עס דאָ אונטערגעוואָרפן אַזוי ווי עס וואַרפט אונטער אַ הינטיכע איר אויסגייענדיק הינטל און פאַרשטעקט זיך נישט וויט און יאָמערט איר געיאָמער.

איך בין איצט אין די הענט פון פאַביאַן, פון אָט דער אומבאַקאַנטער פאַריזער פרוי. איך האָב געוווּסט אַז עפּעס וועט געשען. און עס איז געשען. עס טיילט אונדז מער גאָרנישט אָפּ ווייל עס האָט אונדז פאַרבונדן דאָס צעטראָטענע פעלד וואָס הענגט אין איר גרויסן סאַלאָן.

מיינע באַוועגונגען זענען געוואָרן געצוימטע. איך האָב זיך מיט איין מאָל אָנגעהויבן צו קאָנטראָלירן און באַדויערט פאַר וואָס איך האָב זיך אַזוי צערעדט.

כאָטש עס איז ווינטער איז די אַלעע גרין און קופּערדיק ברוין. אויף דעם דורכזעעוודיקן דינעם העל־גרינלעכן שניי בלענדט דער טוי. דאָס קאָווע־טעפּעלע וואַרעמט מער נישט מיינע פינגער. זיי ציטערן און דאָס טעצל קלינגט אָפּ ווי עס וואָלט געהאָגלט.

איך בין געבליבן אויף אָוונטברויט און בעתן עסן דערציילט וועגן מאַריען, דערציילט וועגן אירע באַזוכן אין מיין אַטעליע. איך האָב גערעדט צו פאַביאַנען ווי איך וואָלט זי לאַנג געקענט, ווי זי וואָלט געדאַרפט אומבאַדינגט דאָס אַלץ וויסן.

איך האָב זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר מיין ווידוי און מיר איז אויסגעקומען אַז עס איז ערבֿ אַ גורלדיק געשעעניש. גאָט, אַזוי ריידן דאָך מענטשן בעת זיי דערשפּירן זייער סוף. זיי ווילן עפּעס לאָזן נאָך זיך איידער זיי פאַרשווינדן. זיי גלייבן אַז די רייד וואָס זיי זאָגן אַרויס מיט אַזאַ פייערלעכן ערנסט, וועלן בלייבן.

געשעט דען עפּעס מיט מיר ? פאַר וואָס בין איך געקומען צו פאַביאַנען ?
איך האָב געקוקט אויף איר ברוין פּנים און געזען ווי די קילקייט פון אירע אַרויסשטאַרנדיקע מירמל־ווייסלעך טרעטן אָפּ און די אייבערשטע ליפּ ציטערט צוזאַמען מיט די נאָזלעפלעך. מיר האָט זיך געדאַכט אַז זי רעדט, כאָטש איך האָב נישט געהערט איר קול, האָב איך געשפּירט אירע רייד. זי האָט זיי אַרויסגעזאָגט דורך די באַוועגונגען פון אירע פינגער, דורך דעם שטילן שמייכל פון רעכטן מוילווינקל, וואָס האָט זיך עטוואָס אַראָפּגעלאָזט, און דורך די קני וואָס זי האָט אַנטפּלעקט בעתן פאַרלייגן איין פוס אויפן אַנדערן.
ווען זי האָט אָנגעצונדן דעם פּאַפּיראָס און צוגעטראָגן דאָס פלעמל צו זיך, האָב איך באַמערקט איר ניכטערן בליק, אַ שאַרפלעכן, אַ דורכדרינגענ־דיקן וואָס האָט מיך ווי אַ בליץ באַלויכטן. עס איז געווען דער היפּוך פון דעם אַלעם וואָס עס האָבן גערעדט צו מיר אירע באַוועגונגען. דאָס איז געווען די רגע פון מיין שניידיק־שאַרפער ניכטערקייט.
— אַנטשולדיקט... איך בין שוין צו לאַנג ביי אייך...
אין בין אַריין אין אַנדערן צימער וואָס האָט געפירט צום קאָרידאָר און גענומען מיין מאַנטל. זי איז מיר נאָכגעגאַנגען, אַוועקגעשטעלט זיך מיטן רוקן צו דער אַרויסגאַנגטיר און טיף פאַרצויגן דעם רויך. מיט איין האַנט האָט זי אַרויסגענומען דעם מאַנטל פון מיין אָרעם און דערביי דאָס ערשטע מאָל באַרירט מיט אירע פינגער מיין פּנים.
איך האָב געזען ווי דער פּאַפּיראָס קלעפּט איר אין מוילווינקל, אויף דער אייבערשטער ליפּ און דאָס האָט מיר וויי־געטאָן.
מיין מאַנטל איז געפאַלן אויף אַ פאָטעל און איך האָב באַדויערט וואָס ביידע לײדיקע אַרבל הענגען אַראָפּ פון פלושענעם פאָטעל ווי פון איינעם אַ מענטש וואָס פאַלט.
— בלייב — האָט פאַביאַן געזאָגט. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער מיר און געשעפּטשעט: — מיין אָרעמער, בלינדער שטערן־זוכער...

אין עטלעכע וואַריאַנטן האָב איך געמאָלן דעם צעשפּאָלטענעם אייזדעק פֿון אַן אָזערע. צו ערשט האָב איך נישט געוווּסט, אַז דאָס איז דער אייזדעק, וואָס איך האָב אים געזען אין אַ פֿאַרטאָג אין וואַלד ביים דאָרף פּוסטאָמיטי.

די פֿאַרבן זענען געווען פֿאַר מיר אומגעריכטע און איך האָב זיי מיט אומרו אַוועקגעלייגט אויף דער לייוונט. איך האָב געמאָלן נישט מיטן פּענדזל, נאָר מיט דעם קליינעם מעטאַלענעם שפּאַכל. דער בלאָ האָט זיך צונויפגעמישט מיטן צינק־ווייס און מיט אַ דורכזעעוודיקן גרין. כאָטש די פֿאַרבן זענען געווען צונויפגעמישט, האָבן זיי זיך באַזונדער אויסגעטיילט און זיי האָבן געלויכטן מיט אַן אָפּשיין.

מיט אַ מאָל האָט אויפגעטויכט אין מיר די דערמאָנונג.

איך האָב געזען דעם באַשטיוולטן פּוס וואָס האַקט מיטן אָפּצאַס אין אייזדעק און זילבערנע, שאַרפע שפּיזן צעלויפן זיך אין אַלע זייטן ווי פֿון אויסגעזעצטע שויבן.

אַן אָפּגרונטיק־ברוין וואַסער איז אויפגעשפּרונגען און איז מיט איין מאָל געוואָרן ווי פייערדיק צעגאָסענער קופּער. אין אייז איז געבליבן אַ שוואַרץ־לויערנדיקע עפענונג מיט זילבערנע שטראַלן.

איך האָב פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט און געהערט דאָס יאָמערדיקע פרויען־געשריי. עס האָט זיבנפאַכיק אָפּגעהילכט, וואָס אַ מאָל

שוואַכער און שוואַכער, ביז עס איז צוריקגעקומען צו דעם געשפּאָלטענעם אייז און פאַרזונקען געוואָרן אין אויפגעבראָכענעם תהום.

— וואָס באַדייט דאָס? — פרעגט מיך מאַריע, טייטלנדיק אויפן בילד.

— פאַרפרוירענער, אייזיקער אייבערפלאַך פון אָזערע מיט בלאָע שאָטנס פון דעפּאָרמירטע שטאַמען און אַן אויסגעקרומטער שאָטן פון אַ מענטש. אַ שפּיל פון ליכט, פון פאַרבן און דער לויערנדיקער תהום, וואָס שרייט אַרויס פון צווישן די טונקעלע אייזשפּאַלטן. דאָס אָפּענע מויל פון אַ פּראָסטיקן אָפּגרונט.

— עס איז שיין — האָט מיר נעכטן געזאָגט פאַביאַן. — עס איז אייגנאַרטיק. דאָס איז דיין פּראָסטיק האַרץ וואָס וויל צעטייען. דאָס איז דער אָפּגרונט וואָס לויערט אַרויס פון דיר.

איך האָב זי באַטראַכט מיט חידוש און מיט פאַלשער תמימות:

— איך האָב גאָר נישט דאָס אין זינען געהאַט. עס איז צופעליק... אַן אַבסטראַקטע פאַרבנשפּיל... איז דאָס טאַקע ענלעך אויף אַן אייזדעק?... עס איז אַ פּראָסטיקער חלום...

איך בין איר דאַנקבאַר געווען פאַר די רייד. זי האָט די ערשטע פאַרשטאַנען מיין צעטראָטן קאָרנפעלד און כאָטש פאַביאַן איז געווען אַזוי ווייט פון מיר, באַנעמט זי אוודאי דאָס וואָס איז געשען אין יענע מלחמה־יאָרן. פאַביאַן פילט דאָס אויס.

— דו האָסט מיר אָנגעטרויט דעם שליסל צו דיין נשמה... כאַ־כאַ־כאַ...

פאַביאַן האָט זיך צעלאַכט הייזעריק און דאָס לאַכן האָט מיך באַאומרויִקט, ווייל עס איז געקומען ווי פון אַ ליידיקן אַרויס, עס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין מיינע שלייפן און כ׳האָב נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער הייזעריקייט.

— איך רעד ווי אַ פאַרליבט פּראָווינצער מיידל.

און אַז זי האָט אָפּגעקלאַפּט דעם אַש פון פּאַפּיראָס, אַרויסגעשטרעקט איר ברוסט וואָס האָט זיך שאַרף געצייכנט פון אונטער דעם דין־געוועבטן העל־גרינעם וואָלסוועטער און אַראָפּגעוואָרפן פון איין אַקסל דעם שאַל, האָב איך תיכף דערקענט דעם ווילן אירן מיך צו רייצן. דאָס איז געווען נאָר

מיין ערשטע אַנטדעקונג. דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען אירע פנים־אויסדרוקן וואָס האָבן זיך דיסקרעט געביטן און איך האָב אויסגעפונען אַז אונטער דער דרויסנדיקער געזעצטקייט און רויִקייט איז פאַראַן עפּעס געהיימס, פאַרהוילנס, וואָס איז אפשר אַזוי גרויליק ווי דער אויפגעבראָכענער אייזדעק פון דער פאַרטאָגיקער אָזערע.

א פאַרמירמלטער הימל. נידעריק שפּרייטן זיך פּאָספּאָר־וואָלקנס. ווייטע ליכטלעך ציטערן אַרויס פון צווישן די קנויליקע נעפּלען. אין דער חשכות לויכט אַ ווייסער פלעק. ער הענגט צווישן די וואָלקנס און דעם שוואַרצן האָריזאָנט. באַלד וועט ער זיך צונויפגיסן מיט דער נאַכט וואָס קיניגט אויף דער ערדפלאַך.

איך זיץ נישט ווייט פון מאָלברעט און זע ווי דאָס לעצטע ליכט פון טאָג גייט אויס אויף די דעכער. איך געדענק איצט אַזוי קלאָר וואָס עס איז געשען ווען דער ווייסער פלעק פון מיין פּאַראַשוט האָט זיך באַהאָפטן מיט דער ערד. — — —

דאָס איז געווען אויף דער גרענעץ צווישן טשעכיען און אונגאַרן אין יאָר 1943.

מיר זענען געווען פינף יונגע מענטשן. איינער איז געשפּרונגען אין צפון־איטאַליע. דריי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אונגאַרן. מיין באַשטימונגס־אָרט איז געווען טשעכיע.

דער ווינט האָט מיך פאַרטראָגן ביזן ראַנד פון אַ צעאַקערט פעלד. דער פּאַראַשוט האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין נידעריקע ביימלעך, ביי אַ טייכל. איך האָב זיך געקייקלט ביזן שאָטן פון די ביימער און מיט אַלע כוחות געצויגן די שטריק פון פּאַראַשוט און אים צונויפגעוויקלט אין אַ קנויל. איך האָב געריסן מיט די הענט געפרוירענע שטיקער ערד פון צעאַקערטן פעלד, פאַרדעקט דעם פּאַראַשוט און לאַנג זיך איינגעהערט אין דער נאַכט. מיר האָט זיך געדאַכט אַז כ׳הער דאָס גערויש פון אויטאָס וואָס לויפן ערגעץ נישט ווייט פאַרביי. עס איז מיר אויסגעקומען, אַז אַ לאָקאָמאָטיוו האָט געגעבן אַ סיגנאַל און איך האָב געוואַרט אויף דעם רעדער־גערויש. אויף

צפון געפינט זיך אַוודאי אַ שטאָט, דאָס בין איך זיך משער לויט דעם ליכטראַנד אויף די וואָלקנס.

איך האָב געדענקט עטלעכע אַדרעסן אויף אויסגווייניק און זיי איבער־געחזרט. איך בין געגאַנגען אין שאָטן פון די ביימלעך ביים טייך. ער איז געווען פאַרפראָרן, נאָר ביי די ברעגן און אין מיטן, איז געשוווּמען אַ גראַ־נאַטענער שטראָם, אַ זילבערן־געקאַרבטער. מחמת די קאַנאַוועס האָב איך אָפּט זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיך געצויגן ווירעדיק דורך די פלאַכע קוים פאַרשנייטע פעלדער. נישט ווייט האָט געשאָטנט אַ קליינער קלויסטער. איך האָב פאַרשטאַנען אַז פון קלויסטער פירן וועגן צו אַ יישוב. איך בין געגאַנגען גלייך אויפן קלויסטער און אַריין אין אַ פעלד מיט קוסטעס. מיין וועג איז געווען באַרג־אַרויף און אַז איך האָב דערגרייכט דעם שטיינערנעם צוים פון קלויסטער, האָב איך דערקענט דאָס שמאָלע געפּלאַסטערטע וועגל וואָס פירט אַוודאי צו אַ דאָרף. ביים פראַנטיקן טויער זענען געשטאַנען צוויי געמויערטע אַלטאַרן מיט גרויסע נישעס. איך האָב אַ בליק געטאָן אויף מיין זייגער מיט די פאָספאָר־צייכנס. עס איז דריי פאַר טאָג...

איצט שלאָפן די פויערים מיט אַ האַרטן שלאָף. אין צוויי שעה אַרום וועלן אַ סך פון זיי אויפשטיין און אַרויס צו די שטאַלן. זיי וועלן אָנטרינקען די פי און שפּרייטן פריש היי אין די קאָרעטעס. אַ שאַרפער ווינט האָט מיך אַרומגענומען, ער האָט געשטורעמט מיט געוואָי און די קוסטעס האָבן זיך צערוישט. איך האָב געמיינט אַז טריט דערנענטערן זיך און אַז עס סקריפּעט דאָס טויער פון געבעטהויז. שטיינערנע טרעפּ פירן צו די נישעס. איך האָב געזעסן קרענץ אויף די טרעפּ און געוואָלט איבערלייענען דעם אויפשריפט איבער דעם הייליקן.

דער אַלטאַר האָט אויסגעזען ווי אַ פּיצל שטיבל, ציגלנע ווענט פון דריי זייטן און אַ דאַך. „עס איז פאַראַן דאָ אָרט פאַר נאָך אַ מאַרטירער" — האָב איך געשעפּטשעט בעת איך בין אַריין אינעם אַלטאַר. איך האָב בלויז געקענט שטיין, זייטיק, מיטן רוקן צו דער וואַנט, און האַרט פאַר מיר האָב איך געהאַט דעם הייליקן.

מיר זענען געווען כמעט פון דער זעלביקער הייך. איך האָב באַרירט זיין קאַלטן אָרעם און געפירט מיינע פינגער אויף זיין קרוין פון דערנער. עס איז

נישט געווען פֿאַר מיר קיין ספֿק, אַז דאָס איז יעזוס קריסטוס. איך האָב געלייענט דעם אויפֿשריפֿט איבער אים. דאָס זענען געווען אַלט־ייִדישע אותיות, אויסגעשניטענע. איך האָב זיי אין דעם האַלב־ליכט און האַלב־פֿינצטערניש געלייענט מער מיט די פֿינגער ווי מיט די אויגן. מלך...

איצט ווייס איך שוין נישט ווו איך בין, ווייל כ'בין געווען זיכער אַז לויט דער אויפֿשריפֿט וועל איך זיך אָריענטירן אויב איך בין אין טשעכיע אָדער אין אונגאַרן.

אין קליינעם אַלטאַר איז געווען שטיל און וואַרעם. איך האָב געאָטעמט נאָענט ביים הייליקנס פּנים און טראָפּנס פֿון מיין שווייס זענען געבליבן הענגען אויף זיין הילצערנעם קאָפּ. ערשט ווען די קעלט איז אָפּגעטראָטן פֿון מיינע שפּיצן פֿינגער, האָב איך געפֿילט אַז דאָס איז אַ הילצערנע סטאַטוע. זיין פּראָפֿיל איז געוואָרן פֿאַר מיר וואָס אַ מאָל בולטער און איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ קריסטוס פֿון סלאָוויאַנער קאַטאָליקן. איך האָב געשעפּטשעט צו אים שטילע רייד און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז ער פֿאַרשטייט מיך.

— „מיט עטלעכע טעג צוריק בין איך נאָך געגאַנגען איבער די גאַסן פֿון ירושלים. איך האָב געזען בית לחם און דיין נצרת. איך האָב באַזוכט די ערטער ווו דו האָסט באַוויזן דיינע נסים. איך האָב זיך געבאָדן אין כּנרת און גענידערט ביז כּפֿר נחום פֿון הר תּבור. דו ביסט אין דער פֿרעמד און די וואָס זאָגן אַז זיי האָבן דיך פֿון קרייץ אַראָפּגענומען קרייצן איצט דיך אין אַלע שטעט פֿון דער וועלט. דו שטייסט אָן אָנמעכטיקער. דיין וואָרט איז נישט געווען האַפֿטיק. דאָס וואָרט פֿון ליבע צום מענטש איז פֿאַרגאַנגען אַזוי ווי ווייַרעך. געבליבן איז נאָר דאָס געשריי פֿון בלוט. דער קרייץ האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ האַקנקרייץ. דאָס געשריי פֿון בלוט האָבן אויסגעשריגן דיינע אַפּאָסטאָלן און פֿון יענעם געשריי אָן איז אויפֿגערודערט די וועלט ביזן היינטיקן טאָג. דו אַליין ביסט פֿאַרשטילט געוואָרן פֿון מעכטיקן בלוטגעוואָי, איצט שטייסטו ווי אַ בעטלער ביים טויער פֿון אַ שעכטהויז. שטייסט אַ פֿאַרהילצערטער. זיי וועלן צוריקקומען צו דיר ווען זיי וועלן זוכן רו נאָך דער מידער און אויסמאַטערנדיקער אַרבעט פֿון מאָרדן. דו

גלאָצסט צו זיי מיט הייליקע אויגן און שעפּטשעסט צו זיי ווען פאַרגעבן די זינד״.

איך האָב אין יענער שעה לאַנג גערעדט צו דעם מאַן פון נצרת און די רייד האָבן זיך אויסגעמישט מיטן ווינט און עס איז מיר גוט געווען, וואָרעם איך האָב נישט אָפּגעפילט קיין שום פּחד, איך האָב זיך מער נישט איינגעקוקט אין די פאַרבאָרגענע צייכנס פון דער נאַכט און האָב נישט מורא געהאַט פאַר לויערונגען, פאַר אַ פּלוצעמדיקן אָנפאַל. איך האָב זיך געפונען אויג־אויף־אויג מיט דעם מאַן וואָס איז מיר אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי אומהיימלעך פרעמד.

ערשט ווען עס האָט גענומען ליכטיקן און מיין זייגער האָט געוויזן אַז עס איז שוין נאָך פינף, האָב איך זיך פאַרזיכטיק אַרויסגעשאַרט פון אַלטאַר און געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויפן הייליקן.

עס איז אין מיר נישט געווען קיין לעסטערונג, נישט פון כעס און נישט פון פאָרוואורף. עס איז געווען גלייכגילט, ניכטערקייט און איך האָב געזאָגט: פאַרגעב מיר אויב איך האָב געשטערט דיין גלייכגילט און רו, דו, אומגליק־לעכער קרבן...

איך בין געגאַנגען מיט זיכערע טריט צום דאָרף. איך האָב אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פלאַך קופערן פלעשל ספּירט און אַ זופּ געטאָן. אַ וואַרעמקייט איז זיך צעגאַנגען אין מיר. כ׳האָב איבערגעחזרט דעם „דאָברי דיען״, צו ערשט אין זיך און דערנאָך אויפן קול.

אַ פּויער האָט מיך אַריינגעבעטן אין זיין שטוב. ער האָט מיך גאָרנישט געפרעגט נאָר חידושדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. מען האָט געשטעלט אויפן טיש אַ הייסע שיסל זופּ און אַ שטיק שוואַרץ ברויט. איך האָב באַטראַכט די פּויערישע שטוב. אַן אָנגעטורעמט בעט מיט קישנס. אַן אויסגענייט האַנטעך ביי די הייליקע בילדער, די צווייגן פון סאָסנע־ביימער צוגעפּעס־טיקטע צו די קאַרניזן פון די פענצטער. עס שמעקט דאָ מיט זשיוויצע, מיט קאָרנברויט און מיט טרוקענעם קין.

דער פּויער גיט מיר אַ צייכן אַז איך זאָל מיט אים מיטגיין. ער פירט מיך אין שייער אַריין. איך באַטראַכט אים און דערפיל צו דעם נאָך יונגן

מענטש מיט דעם שאַרף־ביינערדיקן פּנים, מיט דער טונקעלער טשופּרינע וואָס פאַלט פון אונטערן פוטער־הוט אַפּער, צוטרוי.

אין שייער האָט ער געזעדט צו מיר טשעכיש. איך האָב פאַרשטאַנען געציילטע ווערטער. אין אָוונט וועט קומען עמעצער וואָס וועט מיר ווייזן דעם וועג. ער וועט מיך באַגלייטן. דערוויי‌ל דאַרף איך דאָ בלייבן. ער האָט צוגעשטעלט אַ לייטער צום הייבוידעם און מיר קלעטערן אַרויף. איך קוק אַרויס פון דאַך־עפענונג; פאַר מיר האָב איך דעם קלויסטער און פון דער אַנדערער זייט די קאָנטורן פון אַ דערפל. דורכן פעלד ציִען זיך דראָטן פון אַ הויכער עלעקטרישער שפּאַנונג. איך זע די אייזערנע צוויי געשטעלן פון עלעקטרע־סלופּעס מיט די אַרויסשטאַרנדיקע אָרעמס, ווי די קאָראַ־מיסלעס. ביים ראַנד פון וועלדל ציט זיך דער אָנשיט פון אַ באַנוועג, אַ האַלב־רונדיקער. עס איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז איך געפין זיך ביי פויערים וואָס וועלן מיר געבן פאַרבינדונג מיט טשעכישע ווידערשטענדלער.

דער טאָג וועט זיין אַ ליכטיקער. עס העלט דאָס שפּינגעוועב צווישן די בעלקעס. דער פויער שפּאַנט איין דאָס פערד און דאָס געשפּאַן קלינגט אָפּ. אַרום מיטאָגצייט האָט די פויערטע אַרויפגעבראַכט הייסע זופּ, פאַרבראָקט מיט שטיקלעך פלייש. איך האָב געזעדט צו איר אַ געמיש פון פויליש און אוקראַיִניש. זי האָט זיך געצלמט און דערביי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו מיינע רייד. אין אָוונט האָב איך זיך דערוווּסט פון יונגן פויער, אַז איר זון איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק דערשאָסן געוואָרן פון די דייטשן.

ביי נאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט. עס האָט געוואַרט אויף מיר אַ מאַן אין אַ לעדערנער קורטקע מיט אַ האָזנקאָלנער. ער האָט וואַרעם געדריקט מיינע הענט.

וואָס איז געוואָרן פון יענעם שלאַנקן מיידל מיט די פאַרפלאָכטענע צעפּ, פאַרבונדענע מיט צוויי רויטע בענדלעך, אָטאָ דאָס שעמעוודיקע, שטילע און איבערגעשראָקענע מיידל פון געטאָ?

ווידער איז אויפגעגאַנגען פאַר מיר מאַריעס שטוב אין אַנטאָניוווקע, די פאַרפרוירענע פענצטערלעך, די טיר וואָס פירט פון גאַס גלייך אין שטוב אַריין וווּ עס איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ גרויער צעראַטע און צוויי

טאָפּלבעטן. דער אויוון מיטן דרייפוס און דער רויך וואָס קנוילט זיך פון דער קיך און רייסט אין האַלדז. און ווידער האָב איך דערשפּירט דעם הונגער, די שרעק פון די געטאָ־ייִדן און דאָס אומהיימלעכע פון די טונקעלע וואַלדפּאַסן וואָס האָבן ווי אַ רינג אַרומגענומען אַנטאָניווקע.

איצט וויל מאַריע אַלץ אָפּנעמען וואָס מען קען נאָר פאַר יענע באַליי־דיקונגען, פאַר יענע יאָרן פון הונגער, פאַר דעם נישט־אויסגעלעבטן לעבן פון אירע שוועסטערלעך, פאַר גאַנץ אַנטאָניווקע.

בעת איך האָב זיך די ערשטע נאַכט, נאָכן אַרויסגיין פון געטאָ, באַהאַלטן מיט מאַריען אין סטאָג היי און דערנענטערט מיינע ליפּן צו אירע פאַר־פרוירענע פינגער, האָט זי געציטערט. מיט שניי האָב איך איינגעריבן אירע הענט און אויפגעריסן דאָס פלוצעם פאַרהאַקטע מויל אירס. זי האָט דערוואַכט צוזאַמען מיט אַ היץ וואָס האָט פאַרגאָסן מיט אַ רויטקייט איר פּנים.

— טוט מיר נישט קיין שלעכטס — האָבן געשעפּטשעט אירע ליפּן און אירע הענט האָבן געזוכט וואַרעמקייט אויף מיין ברוסט. מאַריע איז דעמאָלט געווען אפשר זיבעצן יאָר אַלט, קליין און איינגעשרומפּן.

—געדענקסט יענע ערשטע באַגעגעניש ? — האָט זי מיך געפרעגט.
— איך האָב דיך ווידער. דו ביסט מיט מיר. ליב מיך, זאַב. פאַר וואָס רופסטו זיך נישט ווי אַ מאָל, וואָלאָדיאַ ? וואָלף ?

תמיד האָט זי באַשלאָגן אַ שווייס און אירע פייכטע הענט האָבן געזוכט מיינע פינגער און זי האָט זיי געוואָלט פאַרפלעכטן מיט אירע פינגער. זי האָט מיך געקושט מיט פולע ליפּן, רוי און ליידנשאַפטלעך אַזוי ווי עס טוען עס יונגע פויערטעס אויף סוואַדבעס.

אין איר איז נישט געווען קיין ליבע נאָר די לוסט נאָך הנאה, די גאַרונג נאָך גופישער צופרידנקייט און די פרייד פון זיין זאַט. זי איז געשטאַנען אין סטודיע, אַ באָרוועסע, אַנטקעגן דעם שפּיגל, געקעמט אירע האָר און אין יעדער באַוועגונג איז געלעגן די רויע פרייד פון לעבן. אַרום האָבן זיך געוואַלגערט טיילן פון איר גאַרדעראָב. איך האָב געזען ווי זי פאַרשט דורך דעם שפּיגל יעדן קער מיינעם. אין איר תאווה איז נישט געווען קיין שום שיכרות, נאָר אַ שרייענדיקע ניכטערקייט וועלכע מען זעט ביי פרויען בעת

זיי ציילן געלט. איך האָב געפילט אַז זי רעכנט אויס געגוי וויפל זי האָט אויסגעגעבן אויף איר געליבטן, וויפל עס האָט איר אַלץ געקאָסט און וואָס זי האָט דערפאַר באַקומען.

— ווילסט האָבן פון מיר אַ קינד? — האָב איך זי געפרעגט.

זי האָט געלאַכט מיט איר האַלב־הייזעריק געלעכטערל.

— קלאָר איז גוט צו די געשעפטן, אָבער נישט צו דעם... כאַ־כאַ־כאַ...

איך האָב זי אָפּגעשטויסן פון זיך נאָר זי האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן און ס׳געלעכטער איז געוואָרן איינס מיט אירע רייד, דערנאָך איז זי מיט דער גאַנצער שווערקייט פון איר גוף צוגעפאַלן צו מיר. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און דערלאַנגט איר אַ הילכיקן פּאַטש. דאָס איז געווען פון כעס פאַר דעם וואָס עס איז שוין מער נישטאָ דאָס ציטערנדיקע, איידעלע זיבעצן־יאָריקע מיידל מיט דעם דינעם קול וואָס האָט זיך שיער נישט פאַרוואַנדלט אין אַ פידל־געוויין. דאָס איז געווען מיין אויפרעגונג הלמאי דאָס מיידל פון אַנטאָגיוועקע איז מיט איין מאָל אויסגעמעקט געוואָרן פון מיין געדעכעניש און איר אָרט האָט פאַרנומען אַ צעיוירענע און איבערגע־זעטיקטע מאַדאַם פון אַרום פּלאַץ רעפּובליק אין פּאַריז.

מאַריע האָט געוויינט מיט אַ העסלעך געוויין. עס האָט אָפּגעקלונגען ווי דאָס רופן פון פרעש ביי אַ נאַכטיקער אַזערע.

איך בין אַריין אין דער ערשטער ביסטרא און אָנגעדרייט פּאַביאַנס טעלעפאָן־נומער.

עס האָט שוין דריי מאָל אָפּגעקלונגען אין איר צימער. פיר מאָל. פינף. איך וועל ציילן ביז צען — און מיט אַ מאָל אַ קול פון אַ מאַן. „ווער איז?״ איך האָב נישט געענטפערט און אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

ווער קען דאָס זיין? אפשר דער וועמען איך האָב געזען אין שענק פון „בלינדן שטערן־זוכער״? אפשר איז דאָס אַ טעות אין נומער?

איך דריי דעם טעלעפאָן־דיסק נאָך אַ מאָל און קאָנטראָליר יעדן באַריר פון דיסק. ווידער צייל איך: איינס... צוויי... דריי... אָ, דאָס איז פּאַביאַן! עס איז איר קול!

— קען איך קומען צו דיר, פּאַביאַן?

אַ לאַנג שווייגן.

— איצט נישט. דו האָסט פּריִער טעלעפאָנירט?

איך האָב נישט געענטפערט און אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

אויף דער סען ווימלען פּאַרנאַכטיקע שאָטנס. דער ווינט איז שאַרף, קאַלט. איך שטעל אויף דעם קאָלנער און גיי דורך דער אַלעקסאַנדער־בריק. כ׳פּאַרמאָג אין גאַנצן געציילטע פראַנקן. אפשר זאָל איך גיין צו קלאָדס שכן און אויפמאָנען דעם חוב פאַר אַ בילד? איך לאָז זיך אַראָפּ מיט די טרעפּ צו דער מעטראָ. קעגן איבער מיר זיצט אַ יונגער נעגער מיט אַ בלאָנד מיידל. זיי האַלטן זיך פאַר די הענט. זי שעפּטשעט און מיר איז גוט צו הערן דאָס שעפּטשעריי, עס פאַרוויגט מיך און מאַכט מיר וואַרעם. איך טראַכט וועגן ווייסן מיידל וואָס האָט אַ פּנים פון אַ מאַדאָנע און פון דעם נעגער וואָס אַ געצנדינערישע הייליקייט האָט אים פאַרכישופט. איך בין מקנא די הייליקייט וואָסביידע טראָגן איצט אין זיך.

מיינע טעג און נעכט זענען פול מיט אַ פּראָסטער וואָכעדיקייט, אַלדאָס הייליקע איז שוין לאַנג צעטראָטן אין מיר. איך גלייב שוין מער אין גאָרנישט און דערוואַרט גאָרנישט.

פאַר וואָס בין איך אַריין אין גרויסן געשעפט פון מענער־קליידער און געפרעגט די אָנגעשטעלטע אויפן פּאַטראָן?

קלאָד איז פּאַמעלעך מיר געגאַנגען אַנטקעגן, מיט אַ שמייכל און מיט אַ ווייך־אויסגעשטרעקטער האַנט.

— זאב, גוט וואָס דו ביסט געקומען... לאָמיר עפּעס אויסטרינקען.

ער פירט מיך געאָרעמט. זיין קול איז אַ הילכיקס ווי ער וואָלט געוואָלט איבערשרייען זיך אַליין.

— לחיים! — מיר קלאַפּן אָן די גלעזער וויין.

מאַריע שטייט נאָך אַ פאַרוויינטע ביים שפּיגל אין מיין סטודיע? עס איז פאַר צוועלף, מיטאָגצייט. די דינסט גרייט דעם טיש. מאַריע וועט אין אַ האַלבער שעה אַרום ווידער זיין אין דער היים און קושן דעם מאַנס אונטער־געשטעלטע באַק.

קלאָד דערציילט מיר אַ מעשׂה פון זייער שטעטל און לאַכט. אויך איך

לאַך הילכיק אַזש די גלעזער ציטערן כאָטש איך ווייס נישט וואָס ער דער־ציילט מיר. איך לאַך פון זיך, פון דעם נאַרישן געפּלאָנטער וואָס איך האָב פאַרפּלאָנטערט.

— גאַרסאָן! — רוף איך — אַ קאָניאַק! ביין, צוויי!

— איך טאָר נישט. — זאָגט קלאָד.

— איך מעג, וועל איך טרינקען אויף דיין קאָניאַק! איך וועל דיר איבערלאָזן די רעכט צו צאָלן...

איך האָב אויסגעטרונקעןביידע גלעזער, איינס נאָכן אַנדערן.

— קלאָד, יעדן איינעם גייט עפּעס נאָך. דו האָסט מעשות פון דיין שטעטל, פון די הונדערט סאָרטן קעז וואָס דו האָסט אָנגעציילט אין אַ פּאַריזער קעזקראָם, בעת דיין ערשטן שפּאַציר אין דער דאָזיקער שטאָט. דו געדענקסט דאָס שטילע פראַנצויזישע דערפל אין די פירענעיען ווו דו ביסט געווען די גאַנצע מלחמה און האָסט אַפילו נישט געוווּסט ווען און ווי אַזוי דיין ווייב מיטן קינד זענען דעפּאָרטירט געוואָרן. דו האָסט געלעבט, טוישנדיק יעדעס מאָל, די איינגענייטע דאָלאַרן אין דיינע מלבושים. איצט ביסטו ווידער דער קאָנפעקציע־סוחר. דו האָסט באַקומען דאָס וואָס דו האָסט זיך געווונטשן. אָבער איך? איך האָב נישט ביז איצט קיין מנוחה. אין די חמסין־נעכט בין איך געלעגן ביים הילצערנעם צריף און געקוקט אויפן מידבר. עס איז געווען נאָך אַ טאָג פון שווערער אַרבעט אין פעלד. די שטילקייט פון דער וויסטעניש האָט אויפגעריסן מיין שאַרבן, מיין קאָפּ איז געווען אויסגעהוילט, יעדער שאָרך האָט הילכיק אָפּגעקלונגען אין מיר. טייל מאָל פלעג איך זיך אַרויפ־כאַפּן אויפן דזשיפּ און טראָגן זיך איבער די הפקרדיקע נגב־וועגן. עס איז מיר גוט געווען בעתן לויפן מיט אַ ווילדער שנעלקייט און לאָזן נאָך זיך וואָלקנס שטויב. דעמאָלט האָב איך געשפּירט ווי מיינע געבליטן קילן זיך און אַ מילדער זיידענער ווינט נעמט מיך אַרום. אין יענע יאָרן האָב איך נישט געהאַט מער קיין נעכטן און נישט געטראַכט וועגן אַ מאָרגן. עס איז געווען נאָר אַ היינט, אַ הייסער, אַן אָטעמלאָזער, אַ שטיקנדיקער היינט, אַ חמסיניקער, אַ מידברדיקער. איך האָב געוואַרט אויף דער קילער שפּעט־נאַכטיקער שעה ווען עס וועט אַ ווייע טאָן דער ווינט פון צפון. דעמאָלט וועל איך צעכראַסטען מיין העמד, אַנטפּלעקן די האָריקע ברוסט. אין איינעם פון די

ווינטערס, ווען די וואַדיס ווערן פול מיט שטראָמיקע וואַסערן, בין איך אַוועק אין שטאָט אַריין, ווייל עס האָט זיך אויפגעוועקט אין מיר מיין טרויעריקער נעכטן — די איבערבלייבענישן פון דער מלחמה; זיי קומען צו מיר, שטילע, פאַרטייעטע און רודערן מיך אויף. איצט האָבן זיי מיך ווידער געפאַנגען און כ׳בין פאַרלאָרן געוואָרן אין אַ פרעמדעניש. איך בענק צוריק צום מידבר. דעמאָלט איז מיר גוט געווען. אַרום מיר האָט זיך געצויגן דער פּאַס ערד וואָס איך האָב אים אויפגעריסן מיט מיין אַקער. נישט ווייט פון מיין צריף האָט געלעבט די רויטהאַריקע און מיין לעבן וואָלט אַוועק אַזוי ווי עס גייען אַוועק די לעבנס פון טויזנטער וואָס באַווינען דאָס לאַנד — האָט מיך אָבער געפאַנגען אַ ווילדער שטראָם און פאַרטראָגן העט ווייט.

קלאָד האָט עטלעכע מאָל געקוקט אויפן זייגער און זיך געוואָלט אויפשטעלן. איך האָב אָבער נישט געקענט צוימען מיינע רייד.

— נאָך אַ קאָניאַק! — האָב איך גערופן.

די שיכרות האָט מיך אויפגעמונטערט.

— פאַר וואָס בין איך געקומען צו דיר? איך האָב דאָס נישט געדאַרפט טאָן. מער וועל איך דיך נישט באַאומרויִקן, קלאָד. איך פאַרזיכער. כאַ־כאַ־כאַ... קעגן מיין ווילן האָב איך אָנגעהויבן לאַכן מיט אַן אויסגעקרומט מויל. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און געזען ווי קלאָד שמייכלט גוטמוטיק. ער האָט, זעט אויס, נישט געלייגט קיין אַכט אויף מיינע פאַרפּלאָנטערטע רייד.

— פיר קאָניאַקן איז פאַר דיר צו פיל... ער האָט מיר גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע, צוגעקוועטשט דאָס לינקע אויג און מיך געלאָזט ביים טישל.

איך בין געגאַנגען פון בולוואַר סאַן־מאַרטען צום פּלאַץ רעפּובליק. מיינע טריט זענען געווען לייכטע, עטלעכע מאָל האָב איך זיך צונויפגעשטויסן מיט פאַרבייגייער.

דעם שליסל פון דער סטודיע האָב איך נישט, ער איז געבליבן אין שטוב. מאַריע איז שוין אַוועק. איך האָב זיך פּלוצעם דערמאָנט אַז צווישן מיר און מאַריען איז עפּעס געשען און נישט געוווסט וואָס. ביים מעטראָפּלאַן האָב איך געפירט מיט די פינגער אויף די ליניעס. ווידער האָב איך זיך דערמאָנט

אין דער בלאָנדער מאַדאַנע וואָס איך האָב אין דער פרי געטראָפן אין מעטראָ מיטן נעגער. עס קומט אויף אַ נייער דור און מיר זענען פון אים אַרויס־געוואָרפן געוואָרן ווי דער אַקער וואָס וואַרפט אַרויס פון דער ערד אַ שטיין. ווי אַלט בין איך? איך האָב גענומען ציילן מיינע יאָרן און זיך פאַרפלאָנטערט, ווייל איך האָב געוואָלט אַראָפּרעכענען די יאָרן פון מלחמה. איך בין אַרויס פון מעטראָ אויף אַ ברייטער, רחבותדיקער אַלעע. דאָס איז דער סוף פון דער ליניע. הויכע אייזערנע צוימען פון גערטנער. עטלעכע מאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף די ווילעס.

דאָס איז דאָך פּאַביאַנס הויז! ברייטע מירמלנע שטיגן. אַ שווערער טויער פון אייזן, אויסגעבויגן אין פאַרשיידענע אָרנאַמענטן. די שפּיצן באַ־גילדעט. טעפּעכער טונקל באָרדע אויף מירמלטרעפּ. איך הייב זיך אויף מיט דער ווינדע און קלינג אין פּאַביאַנס טיר. איך קלינג פאַרעקשנט און עס דערגייען צו מיר טריט. דאָס איז די דינסט. איך וואַרט געדולדיק אין פּאָדער־צימער. פּאַביאַן איז געבליבן שטיין ווייט ווי זי וואָלט זיך געשראָקן צו דערנענטערן. זי ענטפערט מיר נישט אויף מיין באַנזשור.

— איז דען עפּעס געשען? פאַר וואָס האָט איר נישט טעלעפאָנירט?

— אַנטשולדיקט. איר זענט אין כעס?

איך האָב געוואָלט שמייכלען כדי צו פאַרדעקן די אומבאַהאָלפנקייט מיינע.

— אפשר, אין אייער אָפּשטאַמלאַנד זענען פאַראַן אַזעלכע געוווינהייטן?... דאָ איז אַנדערש. מען דאַרף פריִער אָנטעלעפאָנירן. איך בין אומצופרידן פון דעם באַזוך.

— גוט! אָרעוואַר מאַדאַם!

איך האָב זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו איר און געוואָלט עפענען די טיר. מיינע פינגער האָבן געציטערט און כ׳האָב מאַניפּולירט ביים שלאָס און נישט געקענט אַזוי שנעל עפענען. פּאַביאַן איז צוגעקומען אַזוי נאָענט אַז איך האָב געשפּירט איר אָטעם.

דער כעס האָט געזאָטן אין מיר און געמאַכט פלאַמען מיין פּנים.

— דו ביסט שיכור? איז עפּעס געשען מיט דיר? פאַרדאָן שערי...

פּאַביאַן האָט מיך אָנגענומען פאַרן אָרעם און איך בין איר נאָכגעגאַנגען

אַ שווייגנדיקער. אַרום טיש זענען געזעסן געסט. עס איז איצט די צייט פון טיי — האָב איך געטראַכט. צוויי פרויען און איין מאַן. דאָס איז אַוודאי דער וואָס איז געקומען נאָך פּאַביאַנען אין דער קאָפּע פון „בלינדן שטערן־זוכער״? ער האָט דאָס אַוודאי גערעדט צו מיר אין טעלעפאָן.

איך האָב נישט געקענט איינהאַלטן דאָס טעפּל מיטן טעצל אין מיינע הענט און איך האָב פאַרגאָסן קאַווע אויפן טישטעך. פּאַביאַן האָט געלאַכט.

— אַן עכטער סלאַוו... אָ, איך האָב אייך נישט פאָרגעשטעלט! דאָס איז דער מאָלער פון צעטראָטענעם קאָרנפעלד? מיר זענען גוטע פריינד...

איך האָב געקוקט אויפן ברוינעם קאַוועפלעק וואָס האָט געהאַלטן אין איין גרעסער ווערן און דערנאָך אויסגעקערעוועט דאָס פּנים צום בילד. מיין בליק האָט זיך צונויפגעטראָפן מיטן בליק פון דיקלעכן מאַן אין שוואַרצן אַנצוג מיטן ווייסן טיכל אין צוויי שפּיצן אין לאַץ, וואָס האָט ביים קלענסטן באַוועג געפלאַטערט ווי אַ גרויס פלאַטערל אויף אַ טונקעלער שויב. מיר האָט זיך געדוכט אַז ער קוקט אויף מיר שפּאָטיש און איך האָב געזוכט פראַנצויזישע ווערטער צו זאָגן אים עפּעס וואָס זאָל אים וויי־טאָן.

מיינע רייד זענען צו קיינעם נישט דערגאַנגען, ווייל זיי זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ פרעמדן און דערצו נאָך שיכור־אַקצענט וואָס האָט אומ־מעגלעך געמאַכט זיי צו פאַרשטיין. דאָס העפלעכע שמייכלען פון די פרויען און זייערע בליקן פול מיט רחמנות האָבן מיך אויפגערעגט.

איך האָב געוואָלט נעמען מיין מאַנטל נאָר פּאַביאַן האָט מיך ווידער אַ מאָל פאַרהאַלטן.

— בלייבט דאָ. וווהין וועט איר איצט גיין? ווי מיינסטו, פיליפּ? איך וועל אייך דערנאָך אַהיימפירן מיט מיין וואָגן.

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימערל און אָנגעוויזן אַ סאָפע. אירע פינגער האָבן אייליק אַ גלעט־געטאָן מיין פּנים. איך האָב געזען ווי פּאַביאַן האָט זיך אומרויִק אַרומגעקוקט און שטיל צוגעמאַכט די טיר.

פון אַנדערן צימער זענען דערגאַנגען צו מיר הילכיקע רייד, דערנאָך אַ לאַכן. איך האָב געטראַכט פאַר וואָס האָט זי געדאַרפט די הסכמה פון פיליפּן, אַז זי זאָל מיך קענען אַהיימפירן? איך האָב אָנגעשטרענגט מיין געהער; עס איז אַ געשפּרעך וועגן וואַן־גאָג, וועגן אוטרילאָ און וועגן שיכרות

פון קינסטלער. איך בין געלעגן מיט אויפגעשטעלטע קני, געקוקט אויף די טונקעלע גאַרדינען, געזען ווי דער אָוונט פאַלט צו, געהערט שטילע רייד און ווייכע טריט ווי אויף טעפּעכער. — — —

אין דעם פאַרטאָג, ווען פּאָפּס מענטשן האָבן מיך געפירט דורך פוסטאָמיטער וועלדער, בין איך געווען זיכער, אַז איך וועל פאַרזינקען אין שניי און בלייבן ליגן אַן אויסגעשעפּטער צופוסנס פון אַ סאָסנע.

איך האָב שוין געוווסט, אַז מיין פּאַראַשוטירן זיך האָט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג. איך בין אָנגעקומען צו שפּעט. עס זענען שוין נישט געווען קיין געטאָס נאָר איזאָלירטע גרופּעס ייִדן, על־פּי־נס געראַטעוועטע פון דערשיסונגען, האָבן געאַרבעט אין די לעדער־און־געוואַנט־פאַבריקלעך.

איך בין געווען מיד און אויפגערודערט פון דער איבערלעבעניש בעתן דורכוואַנדערן טשעכיע און דאָס דורכגיין די קאַרפּאַטן־בערג. איך האָב זיך אין מיינע וואַנדערונגען צונויפגעשטויסן מיט אַלערליי פּאַרשוינען: גרענעץ־שמוגלערס, פּאַרטיזאַנער, פּויערים וואָס זענען אַנטלאָפן פון זייערע דערפער מחמת שרעק פאַר נקמה פון שכנים, דעזערטערן דייטשן, מלחמה־געפאַנגענע וואָס זענען נעלם געוואָרן פון די לאַגערן, שאַנטאַזשיסטן, הפקר־יונגען, קרימינעלע אַרעסטאַנטן וואָס די מלחמה האָט פאַר זיי געעפנט די תפיסות.

איך האָב געהאַט פּאַפּירן פון אַ פּאָליאַק, אַ בוי־אונטערנעמער, וואָס בויט ביי קראָקע קאָשאַרן פאַר דייטשן און פאָרט זוכן בוי־מאַטעריאַל. אַלע פּאַפּירן זענען געווען אויטענטישע. איך האָב זיי באַקומען אין טשעכאָסלאָ־וואַקיי. אין דער שטאָט נאַכאָד, נישט ווייט פון דער אַמאָליקער גרענעץ, האָב איך באַקומען פאַרבינדונג מיט אַן עמיסאַר פון דעם פּוילישן אונטערגרונט.

לסוף האָבן מיר דערגרייכט די גרויסע וואַלד־פּאָליאַנע. זי האָט געהאַט אפשר מער ווי צוויי קילאָמעטער די לענג און אַ האַלבן קילאָמעטער די ברייט. אַרום האָבן זיך דערהייבן די טונקעלע וואַלדוועגט. צוויי עראָפּלאַנען זענען געווען פאַרמאַסקירט און ערשט ווען איך בין גאָר נאָענט צוגעקומען צו זיי האָב איך דאָס באַמערקט.

אַ שניישטעגל צווישן קוסטעס פירט צו אַן ערדשטיבל. דאָס ליכט פון

אַ קאַרבידלאָמפּ, דער טשאַד פון סקיפּידאַר מאַכט טרערן מיינע אויגן. אַ שוואַרץ־ברעמענדיקער, מיט געדיכטע וואָנצעס, אין אַ קאָזאַקישער פּאַפּאַכע מיט נאָכהענגענדיקע לאַפּן, האָט געפרעגט דעם פּאַרטיזאַנער, וואָס האָט מיך געבראַכט, צי מען האָט מיך שוין באַזוכט.

— אויפהייבן די הענט!

מען האָט אַלץ וואָס איך האָב נאָר געהאַט אין די קעשענעס אַרויסגעלייגט אויפן טיש. דער עלטסטער האָט גענומען מיין רעוואָלווער און אים באַטראַכט.

אַה! אַן ענגלישער? — האָט ער געפרעגט.

— אַ דייטשער.

— אינטערעסאַנט — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך און דערביי פּאַמעלעך אויפגעקנעפּלט דעם אייגענעם רעוואָלווער־טאַש און אַרויסגענומען אַ גרויסן פּיסטאָלעט.

— קום!

ער איז געגאַנגען פאָרויס און הינטער מיר — צוויי זעלנער.

— עס איז דאָ אַ באַפעל —

ער האָט איבערגעריסן דעם זאַץ, אויסגעקערעוועט זיך און געוואָלט זען ווי אַזוי איך נעם אויף זיינע ווערטער, אָטאָ די גרויליקע ווערטער, וואָס מען ווייס נישט ווי אַזוי זיי וועלן זיך ענדיקן. ווערטער וואָס דייטן אָן אַ גזר־דין וואָס איז שוין אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף מיר און וואָס ער, דער מיטן גרויסן פּיסטאָלעט אין זיין האַנט, דאַרף אים אויספירן.

איך האָב געזען אַז ער האָט אַזש געציטערט פון אומגעדולד און פון כעס אויף מיר הלמאי איך האָב אָפּגעוואָנדן מיין בליק פון אים און קוק אויף דער הויכער טונקעלער סאָסנע קעגן איבער מיר.

— הער, עס איז דאָ אַ באַפעל —

איך האָב אים שאַרף איבערגעריסן:

— הער אויף צו שפּילן זיך מיטן רעוואָלווער און שרעק מיך נישט. איז דאָ אַ באַפעל צו שיסן מיך, טאָ שיס. שפּיל נישט קיין טעאַטער! האָסט פאַר זיך אַ פּאַרשוין וואָס איז דורכגעגאַנגען טויזנטער קילאָמעטער פון שונאס הינטערלאַנד! דו זיצסט דאָ אַרומגערינגלט פון וועלדער, באַוואַכט פון פּאַרטיזאַנער, מיט אייגענע עראָפּלאַנען צו דער דיספּאָזיציע און האָסט

ריכטיק אפשר קיין דייטש פון דער נאָענט נישט געזען. פּראָווע נישט די שפּיל מיט מיר, גאַספּאַדין נאַטשאַלניק!

אַנשטאָט אַן אויסבראַך פון צאָרן האָט זיך דער פּאַרשוין צעלאַכט.

עס האָט געזעצט פון אים אַ פּאַרע און זי איז תיכף פאַרגליווערט געוואָרן אויף זיינע וואָנצעס און אויף די ברעמען אַזש זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייסן פון פראָסט.

— דאַוואַי, זעץ זיך אַריין אין עראָפּלאַן. מיר הייבן זיך באַלד אויף.

עטלעכע מאָל האָט זיך מיר געדאַכט אַז מיר האָבן באַרירט די ביימער־קרוינען און זיי אונטערגעשניטן. איך הער אַפילו דאָס ברעכן זיך פון צווייגן. איין מאָל האָט עס אַזאַ טרייסל געטאָן אַז איך בין געווען זיכער אין סוף. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז די דייטשן האָבן געשאָסן אויפן עראָפּלאַן, אַז מיר זענען געפלויגן לענג־אויס דער פראָנט־ליניע. מיר זענען געפלויגן נידעריק און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ שנייפעלד אַ פלאַכס ווי אַ טיש. דאָס איז געווען אַן אָזערע, באַדעקט מיט אייז. אויף עטלעכע ערטער איז דער שניי געווען אָפּגעקערט פון ווינט און עס האָבן אַרויסגעלויכטן גרין־זילבערנע אייזשפּיגלען. דער עראָפּלאַן האָט זיך געגליטשט אויף דער אייבערפלאַך, מיטגעשאַרט וואַלן שניי און מיטן שנאָבל אַריין אין די ווערבע־קוסטעס ביים ברעג.

ווען איך בין אַרויס פון או 2־עראָפּלאַן האָב איך, צו מיין שטוינונג, דערזען אַז מיר זיצן אויפן בויך און אַז די רעדער זענען נישטאָ.

— מיר זענען נישט אַריבער די פראָנט־ליניע. נישט ווייט זענען דאָ דייטשן — האָט געזאָגט מיין באַגלייטער.

עס איז דערגאַנגען צו אונדז אַ ווייט שיסעריי פון לייכטער זעניט־אַרטילעריע. מיין באַגלייטער האָט זיך פלוצעם אָנגעהויבן צו דערווייטערן פון מיר עפּנדיק דערביי דעם רעוואָלווער־טאַש.

איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן צו אַ בוים. צען שפּאַן פון מיר האָט זיך אָפּגעשטעלט דער פּילאָט. מיט אַ שנעלן האַנטבאַוועג האָט ער אַוועקגעשאַרט די פּאַסן האָר וואָס זענען אים געפאַלן ביז איבער די ברעמען

און געוואָרט אויף מיין קלענסטער באַוועגונג. זעט אויס אַז ער האָט געזוכט די ערשטע געלעגנהייט אַ צי־צו־טאָן דאָס רעוואָלווער־צינגל. ער האָט דאָס אַוודאי נישט געקאָנט טאָן סתם, אָן שום גרונד און ער האָט געזוכט עפּעס אַן אָנדייטונג פון מיין שולדיקייט. באַלד וועלן זיך באַווייזן דייטשע אויס־שפּירערס אָדער סאָלדאַטן וואָס ליגן דערנעבן אין די טראַנשייען. דער לופט־פליער אין דער ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן איז נישט זיכער מיט מיר. לאָזן זיך צוזאַמען מיט מיר דורך די וועלדער — האָט ער אויך מורא. דער באַפעל איז געווען מיך צושטעלן צום שטאַב — הייסט דאָס, אַז איך בין אַן אַרעס־טירטער, אָדער אַ פאַרדעכטיקטער, ווייל מען האָט אים באַפוילן מיך צו באַוואַכן און אָפּצונעמען דאָס געווער. דער פלי איבער דער פראָנט־ליניע איז נישט געלונגען; דער עראָפּלאַן איז אָן רעדער, מיט אַ צעבראָכענעם פליגל. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיר מיט זיין קאָפּ — האָב איך געטראַכט: וועט זיך נאָך איין מאָל איבערחזרן דאָס שיסעריי — וועט ער מיך דערשיסן, וועט שטיל זיין נאָך דריי מינוט — האָב איך אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. און איידער עס איז נאָך פאַרביי די דריי מינוט האָט אַ רויש געטאָן, ממש איבער די קעפּ, אפשר פינף מעטער איבער אונדז, אַ דייטשער יעגער־עראָפּלאַן. עס האָט אַ שוואַרצן בלענד געטאָן דער האַקנ־קרייץ. באַלד וועט ער זיך צוריקקערן. ער מאַכט איצט דעם קרייז.

— העי, וואָס שטייסטו, קום אַהער!

איך האָב געוואָרפן אַ לעצטן בליק צו די הימלען און געגרייט זיך צו מאַכן אַ טראָט פאָרויס. מיט אַ מאָל האָט אַ גליוועט געטאָן די לופּע פון פיסטאָלעט. דער קאַפּיטאַן האָט זיך דערנענטערט צו מיר מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קינבאַק. פון אָפענעם מויל האָט זיך געשלענגלט אַ פאַרע ווי אַ גרייצער.

דער שאָס איז געקומען געגוי צו דער רגע ווי איך האָב זיך געריכט. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק און דערגרייכט דעם שטאָם. דריי מאָל האָט עס אָפּגעהילכט און איך האָב געוווסט אַז דריי קוילן זענען אַריין טיף אין סאָסנעשטאַם.

דער דייטשער יעגער־עראָפּלאַן איז ווידער דאָ! ער נידערט אויף דער אָזערע! אָט וועט ער לאַנדן!

איך בין געלאָפן, פאַרזונקען געוואָרן אין שניי, אַרויסבאַקומען זיך און ווידער געלאָפן אַ געבויגענער האַרט ביי די קוסטעס.

— שטיי! — האָט גערופן דער רוס.

איך האָב אים געזען צווישן די ביימער, נישט ווייט פון אונדזער באַ־שעדיקטן או־2. ער האָט אָפּגעשפּיליעט פון גאַרטל אַ גראַנאַט און אים אַ שליידער געטאָן אויפן אייגענעם עראָפּלאַן.

פון יענער זייט אָזערע, אַ צוויי הונדערט מעטער פון אונדז, האָט זיך געזעצט דער דייטשער יעגער. אַן אויטאָמאַטיש פייער האָט אונדז באַהאָגלט. איך בין אַרויס צו אַ זייטיק וואַלדשטעגל, אַן אויסגעטראָטנס און דערזען אַ טייל וואַלד אַ נאַקעטן, אָן שניי, מחמת די ביימער זענען דאָ געדיכטע. איך האָב פאַרקערעוועט און געשפּירט אונטער זיך דעם מאָכיקן באָדן. כ׳בין געלאָפן באַרג־אַראָפּ.

— אַנטלויף נישט פון מיר! — האָט אָפּגעשלאָגן זיך דאָס קול פון רוס, וואָס האָט מיך פאַרפאָלגט. עס איז אָבער געווען אַ שוואַך און אויסגעייענדיק קול אין מיט פון אַ פאַרטונקלטן וואַלד.

באַלד וועלן אָנקומען דייטשישע זעלנער מיט יאַגדהינט.

אַ וואָך צייט בין איך נישט אַרויס פון שטוב און געמאָלן דאָס בילד פון יענעם גייעג דורך פאַרשנייטע פּאָליאַנעס, וועלדער, און די שניישפּורן וואָס איך האָב געלאָזן נאָך זיך. אויף מיין לייוונט איז מער נישט געווען ווי די טונקעלע וואַנט פון וואַלד און אַ ווייסע אומענדלעכע פלאַך, אַ שטראַלנדיקע מיט פיאָלעטענע שאָטנס פון טריט וואָס וויקלען זיך, פלאָנטערן זיך און זעען אויס ווי די פּעטליעס. עס איז אַרויסגעקומען אַן אַבסטראַקט בילד. דער גרוי־טונקעלער וואַלד־הינטערגרונט זעט אויס ווי אַן אַלטע מויער פון אַ מאָנאַסטיר. שניי־ווייסקייט מיט די פאַרבאַרגנסטע פאַרבן וואָס שפּילן פון דאָרט אַרויס און צייכנס אין שניי, אייליק־אָנגעוואָרפענע. זיי פאַרלירן זיך, טויכן אַרויס און שאַפן אַזוי אַרום די טיפקייט פון בילד. דאָס איז געווען איינס פון די גרעסטע בילדער, אין פאָרמאַט, וואָס איך האָב געמאָלן אין פּאַריז. עס האָט פאַרנומען די גאַנצע וואַנט. איך האָב אין דעם שניי פון בילד געלאָשן דאָס פייער פון יענער דערמאָנונג ביז עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון

מיר און איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון ניגון וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון דעם זילבערדיק־פּיאָלעטן, בלאָ־זוניקן וואַלד. עס איז מיר גוט געווען וואָס איך האָב פאַרגעדענקט די רגעס וועלכע האָבן געדאַרפט זיין די לעצטע פון מיין ערדיש לעבן.

פאַביאַן האָט מיך יענעם פאַרנאַכט נישט אָפּגעפירט אַ היים.

איך בין געזעסן לעבן איר אין אויטאָ אַ שווייגנדיקער. אין אַ ראָג, בעתן רויטן ליכט, האָט זי אָנגענומען מיין אָרעם און געזאָגט:

— דו פּיבערסט.

האָט זי דערזען מיינע טרערן? זיי זענען געקומען אומגעריכט און איך האָב זיך געשעמט מיט זיי און אָווועקגעדרייט דעם קאָפּ. מיר זענען געפאָרן לאַנג, געפּלאָנטערט זיך אין געסלעך און ענדלעך אַרויס אויף אַ ברייטן וועג וואָס פירט קיין ווערסאַל.

— וווהין פירסטו מיך?

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ זייט פון וועג. איך האָב געזען אַ שווערן, טאָפּעלן טראָק, וואָס איז פאַרביי מיט גערויש און דערנאָך אַ לאַסטוואָגן. דאָס ליכט פון די אויטאָס האָט געבלענדט און איך האָב די בלענדעניש געשפּירט אויף מיין הויט. פאַביאַן האָט מיך געקושט מיט פייכטע און קילע ליפּן.

— דו, פּוילישער טרינקער.

איך האָב אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, איינגעצויגן דעם גוף און געשפּירט ווי די קעלט נעמט מיך דורך.

— מיר וועלן עסן אָונטבברויט ביים „בלינדן שטערן־זוכער" — האָט זי געזאָגט.

אָט איז שוין די בריק איבער דער סען. נישטאָ קיין פאַרקפּלאַץ און פאַביאַן פאַרקערעוועט אין אַ שמאָל געסל, אַן אומהיימלעך פינצטערס.

קאָלעט איז גליקלעך וואָס איך בין דאָ. זי וועט זיך ווידער זוימען ביים שפּיגל אין דורכגאַנג און דערנאָך וועל איך דערפילן דעם ריח פון איר אָדעקאָלאָן.

— זי איז איפּערזיכטיק און איבערגעטריבן העפלעך. קאָלעט קוקט

אויף דיר מיט כעס — האָב איך געזאָגט פּאַביאַנען. — אין דער באַגילדטער שטייג איז דאָ די פּאַפּוגיי! — האָב איך אויסגערופן.

די דיקע פּרוי פון הינטערן בופעט שמייכלט צו מיר.

— צעלעסטין איז אַוועקגעפאָרן אויף ווינטער־וואַקאַנץ מיט איר געליבטן... יעדעס יאָר פאָרט זי אויף ווינטער־פעריען און דעמאָלט ברענגט זי צו מיר די פּאַפּוגיי...

קאָלעט איז געווען נישט נאָר פריש פאַרקעמט נאָר זי האָט אויך אָנגעטאָן אַ נייעם פאַרטעך.

— דו ווייסט נישט אַז צעלעסטין איז די טעג מיט איר געליבטן? אַלע וואָס קומען דאָ אַריין ווייסן דאָס. ווען די פּאַפּוגיי איז אין שטייג — איז צעלעסטין נישטאָ אין דער היים און זי נעמט נישט אויף קיין געסט. כאַ־כאַ־כאַ... — האָט געלאַכט קאָלעט און עס האָט מיטגעלאַכט די פּאַפּוגיי און גערופן: מאַד־מאַ־זעל... צע־לעס־טין...

די פאַרשוינען ביים בופעט האָבן זיך אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזער, אויך איך האָב אָנגעשלאָגן זיך מיט פּאַביאַנען אין איר גלאָז.

— אויף אויסניכטערונג — האָב איך געזאָגט. — נאָר אַ פריש גלאָז ווײַן קען אויסניכטערן.

איך האָב פּאַביאַנען קיין מאָל נישט געזען אַזוי לאַכן.

בעת מיר זענען אַרויס פון רעסטאָראַן איז זי נאָך אַלץ געווען אויפגעלייגט און פריילעך. די פּאַפּוגיי האָט זיך צום געזעגענען אַ וויג געטאָן, אָנגעשלאָגן עטלעכע מאָל מיטן שנאָבל אָן דער שטייג און מיט איין אויג געקוקט אויף פּאַביאַנען און אָנגעהויבן מיאוס לאַכן, שפּאָטיש: „מאַד־מאַד־מאַד־מאַזעל"...

— איך וועל דיך פירן אין דײַן סטודיע.

— איך האָב נישט דעם שליסל. כ'האָב פאַרקלאַפּט די טיר און מאַריע איז שוין דאָרט נישטאָ. ווו וועל איך אין האַלבער נאַכט זוכן אַ שליסל?

זי איז ווידער אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

איך האָב געוווּסט פאַר וואָס פּאַביאַן לאַכט און האָב דערקענט די תאווה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו צינדן אין איר. מיר זענען ווידער פאַרביי דער

סען. איר געלעכטער איז געווען נישט עכט, רוי, שפּאָטיש און אַרויסרופעריש.

— וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר? — האָט זי געפרעגט.

אַ פּאַרטייעט אָפּוואַרטן און דערנאָך אַ שפּאָטישער בליק.

— לאָז מיך איבער דאָ, ביי דער סען — האָב איך געענטפערט.

זי האָט אָנגעהויבן צו פאָרן גיך, אַריבערגעלאָפן דאָס געלע ליכט און דאָס רויטע, אַרומגעקרייזט אַרום פּלאַץ עטואַל און אַריין אין אַן אַלעע. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איר טויער. עס איז שוין געווען צוויי ביי נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, וולאַדימיר.

אין פּאָלע פאַרלייגט אויף דער אַנדערער, פעסט איינגעצויגן די אַקסל, האָב איך געשפּאַנט מיט דער נאַכטיקער אַלעע. איר לאַכן האָט מיך נאָכ־געיאָגט און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז עס איז נאָך מער האָפערדיקער פון פריער. פּאַביאַן האָט מיך גערופן. איך בין נישט צוריקגעגאַנגען, נישט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ, נאָר געוואַרט. ערשט ווען זי האָט זיך פאַרהאַלטן מיט איר וואָגן עטלעכע שפּאַן פאַר מיר האָב איך זיך אויסגעבויגן צו איר.

— קום! — האָט זי מיר באַפוילן.

אין דער ווינדע האָב איך זי געפרעגט:

— ווו איז דיין געליבטער?

זי האָט געשוויגן.

— וועסט מיר געבן אַן אָרט אין קליינעם צימער אויף דער שמאָלער סאָפע און איך וועל מוזן שלאָפן מיט איינגעבויגענע קני? דו האָסט פריער געלאַכט נאַקעט און פרעך, אַזוי ווי צעלעסטינס פּאָפּוגיי.

— ביסט ברוטאַל מיט מיר ווי אַן אָנגעזויפּענער פּאָליאַק.

איך האָב זיך געמאַכט אַ קאַלטן שפּריץ און אָנגעטאָן אַ בלאָען באָד־מאַנטל און שטעקשיך וואָס איך האָב געפונען אין פּאַביאַנס באָדצימער. איך האָב ווידער אַ טראַכט געטאָן וועגן יענעם מאַן, וועלכן איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען ביים „בלינדן שטערן־זוכער". ער שלאָפט איצט מיט זיין ווייב און מאַריע שלאָפט מיט איר מאַן.

איך האָב חשק געהאַט צו צעפראַלן דאָס ברייטע באַלקאָן־פענצטער און לאַכן און וויינען אין דער פּאַריזער נאַכט אַריין.

פאַביאַן איז איצט געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. עס איז געקומען די שעה ווען זי וועט זוכן מיין לייטזעליקייט און זיך איבערגעבן צו אַ ליידנשאַפט איבער וועלכער זי וועט שוין מער נישט האָבן קיין שליטה. זי האָט איצט אויסגעזען אומבאַהאָלפן און נאָענט. איר קול האָט זיך אויסגעלייטערט און עס האָט מער נישט געהאַט די הייזעריקייט, און אירע באַוועגונגען זענען געוואָרן געצוימטע.

— פאַר וואָס ביסטו צוגעקומען צו מיר און זיך אַליין פאָרגעשטעלט יענעם נאָכמיטאָג ביים „בלינדן שטערן־זוכער" ?

— דו האָסט מיך דערמאָנט אין איינער וועלכע איך האָב אין מיין יוגנלצייט באַגעגנט אין אַ געסעלע פון אַלט־יידישן פּלאַצק. זי האָט אַרויס־געקוקט פון אַ פענצטער. איך פלעג פיל מאָל דורכגיין דאָס געסעלע און תמיד זוכן איר פּנים צווישן די ווייסע פאָרהענגלעך.

— ווער איז זי געווען ?

— אַ יידיש מיידל.

— אויך איך בין אַ יידישע — האָט פאַביאַן געזאָגט.

פאַביאַן האָט לאַנג גערעדט. אַ טייל האָב איך געוואָלט פאַרגעסן און זיך פאַרזיכערט אַז דאָס וואָס זי זאָגט איז נישט רעאַל, אַז דאָס האָב איך אויסגעטראַכט אין שלאָפלאָזע נעכט. עס איז מיר אויסגעקומען אַז אירע פינגער קנופּן אויף די פאַרבאָרגענע קנופּן פון אַ ווונדערלעכן געוועב און זי צעצויטלט אים, ציט אַרויס פאָדעם נאָך פאָדעם און עס ווערט אַ קנויל פון אַ שטויביקן גראָ.

— מיין פאָטער איז געווען אַ כראָנישער טרינקער — אַן אַלקאָהאָליקער. זיין אָפּשטאַם איז פון דער פראַנצויזיש־יידישער מאַגנאַטעריע. מיין מוטער איז אַ נערוונקראַנקע. אַ דעפּרעסיע פאַרפאָלגט זי פון מיידלצייט. איך האָב באַקומען ירושה נישט נאָר רייכטום נאָר אויך אַ ירושה פון זייערע אייגנשאַפטן.

פאַביאַן האָט געזוכט שוועבעלעך. איך האָב געזען, בעת דאָס פלעמל איז אויפגעשפּרונגען, איר הנאה פון די ניכטערע רייד און האָב געוווּסט אַז זי וועט ריידן ביז זי וועט בלייבן מיד און אויסגעלאָשן און איר גאַנצער שטאָם און איר לעבן וועלן זיך וואַלגערן ווי אַ צעצויטלטער טעפּעך.

— שיידן זיך האָבן זיי נישט געקענט. זיי האָבן חתונה־געהאַט צוליב דעם ווייל עס האָט זיי געבונדן די טאָפּעלע ירושה. ער האָט געלעבט מיט אַן אַנדער פרוי. ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט דאָס לאַנד בין איך אַלט געווען צוואַנציק יאָר. מיין פאָטער איז אַוועק קיין ניו־יאָרק. איצט איז געווען פּאַר אים מעגלעך צו גטן זיך מיט דער מוטער מיינער. ער האָט שוין אָבער גאָרנישט פאַרמאָגט. אין אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ קעלנער און געוואָלט מען זאָל אים טיטולירן: באַראָן. מיין מוטער איז אַוועק קיין מאָנטע קאַרלאָ. די דעפּרעסיע־אַנפאַלן זענען געוואָרן אָפטע ביז זיי האָבן זיך נישט מער אָפּגעשטעלט. עס איז נאָר געקומען אַ קליינע ענדערונג; אַנשטאָט אַ פאַרבי־סענער שטילקייט האָט זיך אָנגעהויבן ביי איר אַ באַריידעוודיקייט. זי איז געווען אָפּגעלאָזן, קאַרג און האָט אויסגעזען ווי אַ בעטלערין. סיי דער פאָטער און סיי די מוטער האָבן נישט געהאַט קיין שום ליבע צו די צוויי קינדער. איך בין געווען די יינגסטע. דער עלטערער איז אַוועק קיין לאָנדאָן און איך בין געבליבן אין די צימערן פון זייער גרויס ירושה־הויז. אַ קרוב האָט מיר אויסגעטיילט געלט צום לעבן. אַ געהיים־אַגענט פון פראַנצויזישן אָפּשטאַם, אין באַגלייטונג פון דייטשן, האָט רעקווירירט ביידע שטאָקן פון אינדזער הויז. ער האָט מיר געזאָגט: „קליינע, דיר וועט גאָרנישט געשען. בלייב און איך וועל דיך שיצן״. אין דעם זעלביקן אָוונט איז ער געקומען און מיך פאַרגוואַלדיקט. איך האָב געלעבט מיט אים אַ שטיק צייט. ערשט ווען די דייטשן האָבן זיך דערוווסט אַז איך בין אַ יידישע, האָבן זיי מיך אַרויסגע־טריבן פון דעם הויז. איך האָב זיך דערשלאָגן קיין מאָנאַקאָ. ווען איך האָב דערזען מיין מוטער האָט מיך אַרומגענומען אַ וויסטע חרפה. זי האָט אויס־געזען ווי אַ בעטלערין. דער פאָטער האָט נישט געענטפערט אויף מיינע בריוו. אויפן וועג פון פּאַריז,ביים טייך לואַר, האָב איך זיך פאַרהאַלטן אין אונדזערס אַ שאַטאָ. דער אויפזעער פון דעם קליינעם פּאַלאַץ האָט מיר געזאָגט: מאַדמאַזעל, דיין פאָטער האָט מיר געשריבן אַז איך זאָל אייך נישט לאָזן איבער דער שוועל, נישט דיך, נישט דיין ברודער און נישט דיין מאַמען. ער האָט אַזאַ בריוו געשיקט צום עלטסטן פון דאָרף. עס איז רעגיס־טרירט ווי אַן אַמעריקאַנער פאַרמעגן. איך בין געזעסן אין קליינעם שטיבל פון הויזדינער און נישט געהאַט קיין טרערן צו וויינען. איך האָב געשפּירט

אין זיך דעם אָנוווקס פון פאַרביטערונג און סאַרקאַזם. איך מאָנטע קאַרלאָ בין איך געווען אָרעם און איך האָב זיך אַרומגעדרייט ביים האַוון זוכנדיק פריינדשאַפט מיט מאַטראָזן. מיין מוטער האָט געלעבט פון נעמען קליינע הלוואות. זי האָט כמעט גאָרנישט געדאַרפט. איך האָב געאַרבעט אַלס אויפ־ראַמערין, אַלס אָפיס־מיידל. דעמאָלט האָב איך דאָס ערשטע מאָל אָנגעהויבן צו באַקענען אמתע ייִדן און אין אַ ייִדיש הויז האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט לוסיען דע ווילאַר. ער איז געקומען פון פאַריז אויף עטלעכע טעג צוליב געשעפטס־ענינים. זיין ערשטע פרוי איז געווען מיינס אַ ווייטע קוזינע. דע ווילאַר האָט געהערט צו דעם טייל פון דער פראַנצויזישער אַריסטאָ־קראַטיע וואָס די אָקופּאַציע האָט זיי נישט צעטרייסלט. אין זיינע ביוראָען האָבן געאַרבעט ייִדן וואָס האָבן געהאַט פאַלשע פּאַפּירן. ער האָט זיי געשיצט און אין דער זעלביקער צייט איז ער געווען אַ דייטשער קאָלאַבאָראַטאָר אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט. בלאָנד, נידעריק, וואַסערדיקע אויגן, פאַר־שפּיצטע פּנים־ליניעס. אַ גוטער פּיאַנאָ־שפּילער, אַ מבין אויף אַלט מעבל און אויף קלאַסישער פראַנצויזישער מאָלעריי. ער האָט אויסגעזען יונג, כאָטש ער איז שוין געווען איבער די פערציק. איך בין דעמאָלט אַלט געווען איין און צוואַנציק יאָר. אין אַ וואָך נאָך דער באַקאַנטשאַפט בין איך שוין געווען די מאַדאַם דע ווילאַר, אַרויסבאַקומען אַ נייע אידענטיטעט־קאַרטע און צוריקגעפאָרן מיט אים קיין פאַריז. איך האָב זיך געקענט פריי באַוועגן און בין אָפט געקומען נאָך מאָנטע קאַרלאָ און איינגעשטאַנען אין די טייערסטע האָטעלן. לוסיען האָט געהאָלפן בויען פאַר די אָקופּאַנטן דעם אַטלאַנטישן וואַל. ער האָט געגעבן געלט פאַר עטלעכע ייִדישע משפּחות פון רוסישן אָפּשטאַם און זיי געשיצט די גאַנצע צייט פון רדיפות. דע ווילאַר האָט צוגעשטעלט פאַלשע קענקאַרטעס פאַר ייִדישע פרויען וואָס האָבן ביי אים געאַרבעט. איך האָב געוווּסט אַז ער האָט געליבטע. לוסיען האָט זיך קיין מאָל קיינעם נישט אַנטקעגנגעשטעלט: נישט פרויען, נישט די דייטשן, נישט די קרובים זיינע וועלכע האָבן אים אַריינגעצויגן אין קאָלאַבאָראַציע מיט די דייטשן. ווען זיי האָבן אים געשטעלט אין שפּיץ פון דער קאָמפּאַני — האָט ער זיך אויך קעגן דעם נישט אַנטקעגנגעשטעלט. איך האָב געוווּסט אַז לוסיען איז גוט, אַז ער איז אומשולדיק, אַז די גרויסע משפּחה זיינע

טיילט זיך מיט די פֿאַרדינסטן פֿון די דייטשן און ער האָט גאָר ווינציק דערפֿון. אַפֿילו ווען ער איז אַוועק אויף גאַנצע נעכט מיט אַ געליבטער — האָב איך געוווּסט אַז דאָס איז מען צוגעשטאַנען צו אים מיט ראַפֿינירטער פּרוּוערישער אָנגרייפֿערישקייט. ער איז צוריקגעקומען אַ פֿאַרזינדיקטער, שעהען־לאַנג געזעסן ביים קלאַוויר און געשפּילט מאָצאַרטן. טייל מאָל איז ער געקומען מיט די געליבטע אַהיים. צו ערשט האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען ווער די פֿרויען זענען. זיי האָבן זיך געקושט מיט מיר און מיך גערופֿן: מיין וווּנדערלעכע פּאַביאַן... ווען פּאַריז איז באַפֿרייט געוואָרן, האָב איך געטראַכט פֿון שיידן זיך מיט לוסיען. איך האָב אָבער געוואָלט איבערוואַרטן אַ שטיקל צייט און האָב אָנגעהויבן צוגרייטן שטילערהייט דעם גט. גראָד דעמאָלט האָט מען אים אַרעסטירט. מען האָט אים געמישפּט פֿאַר קאָלאַבאָ־ראַציע מיט די דייטשן. אַלע האָבן זיך דערווייטערט פֿון אים. ער איז געבליבן איינזאַם און האָט אָנגעהויבן צו קרענקען. צוויי יאָר איז ער געזעסן אין תּפֿיסה. יעדע וואָך האָב איך אים באַזוכט און אַז ער איז אַרויס אויף דער פֿריי, בין איך מער נישט צוריקגעגאַנגען צו אים. פֿיליפּ איז מיין יוגנט־פֿריינד, ער איז אַן אַדוואָקאַט און איך האָב אויסגענוצט זיין הילף צו באַפֿרייען לוסיענען. פֿיליפּ איז נאָענט צו מיר, העפֿלעך און טרוקן ווי אַ פּאַראַגראַף פֿון אַן אַלטן קאָדעקס...

עס האָט שוין געגראָט. איך שטוב איז נישט מעגלעך געווען אונטער־צושיידן די קעגנשטאַנדן. איך האָב געזען פֿאַר זיך נאָר אַ גרויען שטויבנעפּל און עס איז מיר אויסגעקומען אַז דער צימער איז פֿול מיט צעדריוולטע פּעדעם. איך האָב זיך געחידושט פֿאַר וואָס ערשט איצט האָב איך דערזען אַז דאָ איז גאָרנישט פֿאַראַן און אַז אַלץ וואָס איך האָב נעכטן אָוונט דאָ געזען איז נישט מער ווי אַ מיראַזש. דאָס רעאַלע איז דער גרויער חלל.

נישט ווייט פֿון דער אָזערע האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי פֿאַר־שוינען. זיי האָבן זיך אייליק צוריקגעצויגן און באַהאַלטן צווישן די שטאַמען. איך האָב געוווּסט אַז זיי זעען מיך און פֿאָלגן נאָך יעדן טריט מיינעם. איך האָב געמיינט אַז דאָס זענען פּויערים פֿון אַ נאָענטן דאָרף.

דאָס אויטאָמאַטישע שיסעריי איז איינגעשטילט געוואָרן. איבערן וואַלד האָבן נאָך אַלץ געקרייזט עטלעכע יעגער־עראָפּלאַנען. זיי זענען געפלויגן אפשר אַ צען מעטער איבער די ביימערקרוינען. ווו קען זיין דער קאַפּיטאַן? האָבן זיי אים געפּאַנגען? איך האָב אויסגעמיטן דאָס אָרט ווו עס זענען געווען באַהאַלטן די צוויי פרעמדע און זיך געהאַלטן נאָענט צו די קוסטעס, אַרומ־געקרייזט זיי, כדי נישט צו לאָזן קיין קענטיקע שפּורן אין שניי. ביי די ביימער אין די קוסטעס איז די ערד געווען האַלב־נאַקעט און איך האָב זיך אַזוי אַרומגעדרייט ביים ראַנד פון וואַלדפּערטל, נישט ווילנדיק דערביי פאַרלירן פון אויג דאָס אָרט ווו די צוויי מענטשן זענען נעלם געוואָרן. מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך הער טריט אין שניי, אַז עס ברעכן זיך טרוקענע ריטלעך. איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט צווישן די קוסטעס און געווען צופרידן וואָס די נישט אַראָפּגעפאַלענע בלעטער פאַרשטעלן מיך.

איינער איז אַרויס פון וואַלד־געדיכטעניש און פאַמעלעך זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו מיר. ער איז געווען משונהדיק געקליידט: אַ ברוינער זשופּאַן, פילצענע שטיוול, דער האַלדז אַרומגענומען מיט אַ געלן שאַל און אויפן קאָפּ אַ געלאַטעט היטל מיט שטיקער אָפּשטייענדיק פוטער. ער האָט אַ ווייַלע איינגעקוקט זיך אין קוסט.

דאָס איז געווען אַ ייִנגל אַוודאי פון אַ יאָר אַכצן. מיר זענען געשטאַנען אַנטקעגן זיך, פּנים־אל־פּנים, און איך האָב אים געזאָגט אויף ייִדיש:

— שרעק זיך נישט. איך בין אַ ייִד.

איך האָב געמאַכט צו אים עטלעכע טריט און אויסגעשטרעקט די הענט. ער האָט זיך האַסטיק אַ בייג געטאָן אויף צוריק ווי צום אַנטלויפן.

— בלייב שטיין, ייִנגל, אַנטלויף נישט — האָב איך זיך געבעטן ביי אים.

אין דער רגע איז אַרויס דער צווייטער מענטש. אַ נידעריקער, אַ קרעפּ־טיקער, אַוודאי פון אַ יאָר פופציק. געקליידט ווי אַ פּויער; אַ שעפּסן־פעלצל פאַרגאַרטלט מיט שטריק, אין הויכע שטיוול, אַ קיילעכדיק פּנים פאַרוואַקסן מיט אַ האַרטער באָרד. איך האָב זיי דערציילט וועגן „און2", וואָס די דייטשן האָבן אונטערגעשאָסן. דער עלטערער האָט געוווּסט וועגן דער קורצער שלאַכט פון דייטשן יעגער מיטן און2־עראָפּלאַן. ער האָט דערפאַר פאַרלאָזט די באַ־

העלטעניש און געוואָלט דערשלאָגן זיך צום אַראָפּגעפּאַלענעם עראָפּלאַן.

— דו געהערסט צו פּאָפּס מענטשן? קענסטו דעם פּאָפּ?

איך האָב דערשפּירט דעם אומצוטרוי אין טאָן פון די רייד.

— דער או2 איז געפלויגן אין דער ריכטונג צו מאָסקווע? — און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו ענטפערן אויף די פראַגעס וואָס האָבן נישט אויפגעהערט, האָט ער ווידער געפרעגט:

— האָבן זיי געוווסט, אַז דו ביסט אַ ייִד?

ערשט שפּעטער, ווען איך בין געזעסן אין זייער באַהעלטעניש איז מיר קלאָר געוואָרן פאַר וואָס זיי האָבן מיר נישט געגלייבט אַז איך בין געווען אין פּאָפּס בריגאַדע. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן דעם פּאָפּס ווילדקייטן און וועגן זיין שינאה צו ייִדן. זיינע מענטשן האָבן געטריבן די ייִדן פון די וועלדער, באַרויבט די וואָס זיי האָבן נאָר אָנגעטראָפן און אָפט מאָל געמאָרדעט. די פּויערים פון די כוטאָרן פלעגן דערציילן די פּאַרטיזאַנער אויסגעטראַכטע מעשׂות וועגן ייִדן, כדי אַזוי אַרום אָרויסצודרייען זיך פון צושטעלן פאַר זיי שפּייזפּראָדוקטן מיט וועלכע מען האָט זיי באַשטייערט אין נאָמען פון פּאָפּ. זיי האָבן געזאָגט, אַז ייִדן פון וואַלד קומען אין די נעכט און נעמען אַלץ אַוועק, אַז די ייִדן זענען באַוואָפנט. דעמאָלט האָט דער פּאָפּ אַרויסגעגעבן זיין באַפעל צו פאַרטרייבן די ייִדן פון פּוסטאָמיטער וואַלד און אָפּנעמען דאָס געווער ביי זיי, נישט נאָכפאָרשנדיק אַפילו צי די טענות פון די פּויערים קעגן די ייִדן זענען ריכטיקע.

מיר האָבן איבערגעוואַרט ביז די לבנה איז אויפגעגאַנגען און דערנאָך זענען מיר אַוועק צום עראָפּלאַן. איך בין געווען זיכער אַז מיר וועלן דאָרט געפינען שפּייז און געווער.

עס איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי און מיר האָבן געזען אין דעם אַ צייכן אַז גאָט איז לייטזעליק צו אונדז ווייל מיר זענען איצט געווען באַשאָטן מיט שניי און דאָס האָט אונדז מאַסקירט. מיר זענען געגאַנגען אַן ערך דריי וויאָרסט. דאָס ליכט איז נישט געקומען פון דער בלייכער לבנה וואָס איז געוואָרן בלייכער מיט יעדער רגע, נאָר פון די שנייען. עס האָבן געלויכטן די ליכטיקע שנייצווייגן און עס האָט געלויכטן דער וואַלדשטעג דער פאַרשנייטער.

מיר האָבן געפונען אין אַ פּלאַנדעקע פּושקעס קאָנסערוון, ברויט־סוכאַרעס און עטלעכע פלעשער וואָדקאַ. איך האָב געוווּסט אַז אין עראָפּלאַן איז געווען אַ קליינער קוילן־וואַרפער. די רימענס מיט קוילן האָב איך גלייך אַנטדעקט און האָב זיי אָנגעטאָן אויפן אַקסל. דאָס ייִנגל האָט פון אונטערן שנײ אויס־געגראָבן דעם קוילן־וואַרפער. ער איז געלעגן נישט ווייט פון עראָפּלאַן ביי די ראַנדקזשאַקעס פון דער פאַרפרוירענער אָזערע. זעט אויס אַז די דייטשן האָבן דאָ געמאַכט אַ וויזיט און אַוועק מעלדן אין זייער שטאַב. פאַר טאָג וועלן זיי זיכער צוריקקומען.

אַזוי איז אַנטשטאַנען דער ייִדישער פאַרטיזאַנער־אָטריאַד אין די פּוסטאָמיטער וועלדער. דריי מענטשן זענען מיר געווען — — —

איך האָב דאָס אַלץ דערציילט מאַריען, בעת איך האָב געאַרבעט אויף מיין אַבסטראַקט בילד „אַ שנייאַכט אין וואַלד״.

פאַר וואָס האָב איך דערציילט מאַריען וועגן פּוסטאָמיטער וואַלד ? די רייד זענען מיר נייטיק געווען, זיי האָבן מיר געהאָלפן. עס איז געווען פאַר מיר ווי אַ פאַרענטפערונג פאַר דעם פאָרעמלאָזן פאַרבנשפּיל, פאַר דעם אויפלייזן זיך אין דעם אַבסטראַקטן געמעל. איך האָב אַרויסגערופן פון מיין זיכרון דעם שניי, דאָס פּלוצעמדיקע אויפשטראַלן פון אַ צווייג פאַרקרישטאָלט פון פראָסט. עס האָבן אויפגעטויכט שאָטנס פון פינצטערע האָריזאָנטן.

— עס איז דאָ גאָרנישט פאַראַן — האָט געזאָגט מאַריע. זי האָט מורא געהאַט אַז די ווערטער וועלן מיר וויי־טאָן און געוואָלט מילדערן איר מישפּט דורך פירן איר האַנט איבער מיין פּנים.

נאָך יעדער קריגעריי איז זי אַנדערש געוואָרן; איר קול רו‍ִיקער, שטי־לער, געצוימטער. אַפילו אירע קליידער האָט זי אָנגעהויבן צו בייטן. זי פלעגט מער נישט טראָגן די רינגען און נישט די שווערע קרעלן די קאָלי־ריקע, זי איז געוואָרן אָפּגעהיטן אין די רייד, אַפילו אין אירע צערטלערייען איז זי געוואָרן אַנדערש : איידעלער, דיסקרעטער.

איך האָב די ענדערונג אויפגענומען מיט צופרידנקייט און אַרויסגעוויזן צו איר מיין ליבשאַפט. און כאָטש עס איז געווען נישט מער ווי פיזישע נאָענטקייט — ווייל מער גאָרנישט האָט אונדז געבונדן — האָב איך געוווּסט

אַז איר לעבן וועט שוין אויף תמיד זיין פאַרפלאָכטן מיט די דאָזיקע טעג און פאַרנאַכטן אין מיין אַטעליע.

מיין פאַרויספילונג איז באַשטעטיקט געוואָרן; מאַריע וועט האָבן פון מיר אַ קינד. זי האָט געוואַרט ביז דער אַנטפּלעקונג. זי איז שוין אין פערטן חודש.

איך האָב מער נישט געקענט פאַרקויפן קיין בילדער. עטלעכע מאָל איז געקומען קלאָד מיט זיינס אַ פריינד און נישט געהאַט וואָס אויסצוקלייבן, ווייל די לייוונטן מיינע זענען געווען גאָר גרויסע. זיי האָבן באַטראַכט מיט שטוינונג די נישט־פיגוראַטיווע געמעלן מיינע און די שטוינונג איז אַריבער גיך אין רחמנות ווי איך וואָלט געווען געריכט פון זינען.

— וואָס איז דאָס, מיט די ווייסע און גרויע פלעקן? ווייזט אַהער אייערע בלומען!

איך האָב גוטמוטיק געשמייכלט צו די ווילדע קאָנפעקציע־סוחרים פון פלאַץ רעפובליק. איך האָב געהאַט פאַרדראָס אויף קלאָדן וואָס ער קומט מיט זיי אין דער אַטעליע. און דאָך האָב איך געמוזט נאָכגעבן דעם ווילן פון מיינע בילדער־קויפער און אַ גאַנצע וואָך האָב איך געמאָלן מיינע געלע בלומען, געמאַכט קליינע מידבר־פּייזאַזשן. איך האָב זיך דערמאָנט דעם איילבערט־וועג קיין צפת און די ווינטמיל וואָס שטייט אויף אַ נאַקעטער הויכקייט אין ירושלים. איך האָב אויך געפּרוּווט אַרויסרופן אין מיין זיכרון די נגב־דערנער, וואָס מיין אַקער פלעגט אַרויסרייסן מיט די וואָרצלען — איצט האָב איך זיי געמאָלן אויפן פאָן פון צעקרישלטן קורקאָר.

וואָס מער איך האָב געמאָלן די דאָזיקע בילדער אַלץ שטאַרקער האָב איך געשפּירט די בענקשאַפט צום לאַנד ישׂראל און אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן צוריקפאָרן. עס איז אויסטערליש, וואָס גראָד דאָ, אין פּאַריז, איז אויפגעגאַנגען אין מיר יענע שיינקייט וואָס איך האָב זי פריִער ווי נישט באַמערקט. עס איז געווען פאַר מיר אַן אַנטשפּאַנונג אַוועקצוגיין פון מיינע וואַלדקאָשמאַרן. ביז איצט האָב איך זיך פון זיי נישט באַפרייט ווייל איך האָב קיין מאָל וועגן זיי נישט גערעדט. איך האָב די זכרונות געוואָלט אויסמעקן. אין נגב איז מיר דאָס געראָטן, ווייל איך בין אַריין אין אַ וועלט וואָס איז געווען בראשיתדיק. דאָ האָט מיך גאָרנישט געקענט צוריקפירן

צו מיין נעכטן; נישט דער אויסגעשׂרפטער הימל, נישט די פֿאַרברענטע ערד, נישט דער חמסין וואָס איך האָב זיך אים איבערגעגעבן אָן ווידערשטאַנד, אַזוי ווי דער דאָרן און אויסגעשטעלט מיין גוף פֿאַר זיין הייסן אָטעם. אין די נעכט — פֿאַרהילט אין אַ ליילעך האָב איך שטאַר געקוקט אויפֿן אויסגעשטערנטן הימל און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זינט די אָבות וואָס זענען אַדורך דעם ים־סוף און דורכגעוואַנדערט דורך דעם מידבר, איז גאָרנישט נישט פֿאָרגעקומען אויף דער ערד. איך בין געבוירן געוואָרן אין דער וויסטעניש. מיינע געצעלטן זענען געשטאַנען אין לאַנד אדום און איך בין געקומען מיט אַ קעמל־קאַראַוואַן צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד. דער מילדער חלום האָט מיך געהיילט און ווען איך בין אַרויס אין פעלד, איז מיין אוראַלטער נעכטן מיר פֿאָרויסגעגאַנגען ווי אַ פייערזייל און זיך נישט אָפּגעשיידט פון מיר.

מיין קומען אין פֿאַריז איז פֿאַרבונדן מיטן לעצטן חשבון וואָס איך וועל מאַכן מיט מיין פֿאַרגאַנגענהייט. עפּעס איז נישט געווען פֿאַרענדיקט, נישט שלימותדיק אין מיין לעבן און איצט בין איך געקומען ווי אַ פרייער מענטש זאָגן מיין וואָרט צו דעם דור וואָס האָט גלייכגילטיק געזען אונדזער שטאַרבן אין מיזרח־אייראָפּע.

פריִער בין איך געווען נישט מער ווי אַן אַנטלאָפענער, איצט בין איך אַ געקומענער.

איך האָב אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין מיט סאַרקאַזם: ביסט געקומען צו מאַריען? באַקענען זיך מיט פֿאַביאַנען? ביסט דאָ כדי צו מאָלן די אַב־סטראַקטע בילדער און אַרומפלאָנטערן זיך אין אַ קאָליריקן מיראַזש, אָדער אפשר צו פֿאַרקויפן יאַריד־בילדלעך פון הייליקן לאַנד? וואָס טוסטו ביי דער סען? ווילסט לערנען וועלטקונסט? כאַ־כאַ־כאַ... האָסט נאָך נישט באַזוכט קיין שום אויסשטעלונג אַחוץ דיין אייגענער. ביסט עטלעכע מאָל דורכגעלאָפן דורכן לוווּר און געפילט אַ מידקייט. זיצסט טעג אין קליינעם רעסטאָראַן און גלאָצסט אויף דער שטייג. די פֿאָפוגיי איז נישטאָ. הייסט עס: צעלעסטין איז אין אייבערשטן שטיבל און זי נעמט אויף געסט.

איך האָב פון לאַנגווייל געשעפּטשעט צו זיך אַליין: „מאַדמאַזעל, צע־לעס־טין. עס האָט נישט קיין שום זין“...

פֿאַביאַן איז אָנגעשטעלט אין דער דירעקציע פֿון די גרויסע אוני־ווערסאַל־מאַגאַזינען. זי פֿירט אָן מיט דער אָפּטיילונג פֿון מאָדעלן פֿאַר קיכגעשיר, פֿאַר זיידענע טיכלעך, פֿאַר טישטעכער. זי גיט מוסטערן פֿאַר קאַפֿע־טעפּלעך און פֿאַרצעלייענע וואַזאָנען.

די געשעפֿטן ליגן אין די הענט פֿון אירע קרובים און מען באַשעפֿטיקט זי דאָ מחמת משפּחה־איינזען. דאָס באַליידיקט זי און זי באַטראַכט דעם הויכן געהאַלט וועלכן מען צאָלט איר ווי אַ געשענק. קיינער פֿון די הויפּט־דירעקטאָרן אינטערעסירן זיך נישט מיט דעם וואָס פֿאַביאַן טוט. איר ביוראָ מיטן אָפּיס־מיידל אין פֿאָדערצימער, געפֿינט זיך אויפֿן זעקסטן שטאָק פֿון דער „לאַפֿאַיעט״־געביידע. די לופֿט איז דאָ דורכגעדרונגען מיטן ריח פֿון פּערפֿומירטער זייף און אַלערליי געמישן פֿון אָדעקאָלאָן, פּלאַסטיק, נעגל־לאַק. דאָס ליכט פֿון די לאָמפּן פֿאַלט מיט אַ ראָזלעכן אָפּשיין אין סאַמע מיט פֿון טאָג. איר צימער איז באַשטעלט מיט קליינע טישלעך, פּלוש־געבעטעטע מיניאַטור־פֿאָטעלן. אין די פּרימאַרגנס פֿירט זי לאַנגע טעלעפֿאָן־געשפּרעכן.

אין בין עטלעכע מאָל געווען אין איר ביוראָ און תמיד האָב איך זי געטראָפֿן אין דער פּאָזע. איך האָב געדאַרפֿט איבערוואַרטן לאַנגע טעלעפֿאָנען און דערביי געבלעטערט אילוסטרירטע מאָדע־זשורנאַלן.

די גאַנצע דרוקטעכניק און די בייסטע אַנטדעקונגען אויפֿן געביט פֿון קאָליריקן פֿאָטאָ זענען געשטעלט געוואָרן צום דינסט פֿון אַ ציגאַרן־פֿירמע, פֿון אַ מעבל־פֿאַבריק און נאַכטוועש־רעקלאַמע פֿאַר פֿרויען. עס איז געמאַכט מיט אַזאַ פֿייערלעכן ערנסט און מיט אַזאַ ראַפֿינירטקייט אַז איך האָב אַ צייט לאַנג נישט געקענט באַגרייפֿן אַז עפּעס ווערט דאָ פּראָפּאַגירט ביז גראָטעסק. פֿאַביאַן איז דאָ אַרומגעגאַנגען אין שטעקשיך אויף אַ גרויסן באָרדאָ־טעפּעך. זי האָט געעפֿנט די טיר צו איר סעקרעטאַרין, און רגעס שפּעטער האָט אַ גאַרסאָן אין אַ ווייסער וועסט סערווירט קאַפֿע.

דער אַלבאָם פֿון קיכגעשיר איז געלעגן אויף פֿאַביאַנס קני און איך האָב געקוקט אויף אַ קאַפֿע־סערוויז וואָס האָט אַזעלכע טעצעלעך ווו עס איז דאָ אָרט פֿאַר אַ שטיקל קוכן, פֿאַרן צוקער און אויך פֿאַרן לעפֿעלע אַז עס זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן און עס זאָל נישט פֿאַלן בעתן סערווירן.

איצט פּראָיעקטירט פּאַביאַן אַ פּרוויש קאָפּטיכל, אָדער האַלדזטיכל, וואָס זאָל זיין אַ מאָזאַיִק פון די באַרימטסטע פּראַנצויזישע פּייזאַזשבילדער.

— איך וועל לאָזן רעפּראָדוצירן דיין „צעטראַטענעם קאָרנפעלד" און פאָרשלאָגן אַז מען זאָל די קאָלירן געניי נאָכקאָפּירן און פּראָדוצירן זיידענע האַלדזטיכלעך. דו ווערסט גוט פאַרדינען פאַר די רעכט. פרויען האָבן ליב אַזעלכע בילדער, באַזונדערס פרויען אין די מיטעלע יאָרן...

איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין וואָס עס ציט מיך צו פאַביאַנען. איז עס נישט איר פרעמדער אָפּשטאַם און דער בייגער אַריינצוגיין אין אַ וועלט וואָס איז מיר אומבאַקאַנט ?

ווען איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין דעם רעסטאָראַן פון „בלינדן שטערן־זוכער", האָב איך גראָד אויסגעפונען, אַז מיך האָט געלאָקט איר טיפּיש ייִדיש פּנים וואָס איך האָב אַזוי גוט געדענקט פון די ייִדישע שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע.

וואָס נענטער איך האָב דערקענט פאַביאַנען אַלץ קלאָרער איז געוואָרן פאַר מיר אַז זי האָט געירשנט דעם שגעון פון איר מוטער און די האַרטקייט פון איר פאָטער, דעם אַלקאָהאָליקער. איך האָב צו ערשט דאָס דערקענט דורך די טעלעפאָן־געשפּרעכן וואָס זי האָט אָפט געפירט אין מיין בייזיין. איך האָב געזען ווי איר פּנים בייט זיך, ווי דאָס מויל ווערט אויסגעקרימט אין אַ גרימאַסע פון ביטערניש און די אויגן־ווייסלען ווערן פאַרלאָפן מיט רויטע פעדעמלעך.

עס זענען געווען וואָכן ווען זי האָט נישט געלאָזט הערן פון זיך. דער טעלעפאָן ביי איר אין צימער פלעגט לאַנג אָפּקלינגען און זי איז נישט צוגעגאַנגען צו אים. און אַז איך האָב עקשנותדיק איבערגעחזרט דאָס רופן האָב איך געהערט אַ פרעמד קול, אַ הייזעריקס ; דאָס איז געווען פאַביאַנס דעפּאָרמירט קול. „קום נישט. איך בין נישט אין קיין גוטער שטימונג. איך פאַר מאָרגן אַוועק". איך האָב געוווּסט, אַז עס איז אַ ליגן. אומגעריכט פלעגט זי זיך באַווייזן אין מיין סטודיע נאָך ניט זיין דאָרט וואָכנלאַנג. איך האָב שוין געוווּסט לויט די טריט, לויט דעם האַסטיקן געקלעכטער ביי דער טיר, אַז דאָס איז פאַביאַן. אירע ציטערנדיקע פינגער האָבן אָבער אויסגעגעבן דעם אומרו. אין די דאָזיקע טעג איז זי געווען גרייט אויף

קריגעריי, גערעדט שלעכט וועגן מיינע בילדער, אַרויסגעוויזן אַ גדלות, אַן איבערגעטריבענע שטאָלצקייט. זי איז געווען געקליידט אַרויסרופעריש, און אָן טעם.

אין די טעג פון איר שגעון האָט זיך געטראָגן פון איר דער ריח פון אויסטערלישע פּערפומען, די נעגל זענען געווען לאַקירט מיט פיאָלעטענע קאָלירן פון אַלע שאַטירונגען און אַ פודערשטויב איז געלעגן אויף איר האַלדז, אויף איר בלוזע.

איין מאָל, נאָך דעם ווי איך האָב נישט געהאַט פון איר קיין ידיעות צוויי וואָכן און איר טעלעפאָן האָט נישט געענטפערט, איז פאַביאַן געקומען אין אַ פאַרטאָג.

אַן איינגעפאַלן פּנים, די שמאָלע, דינע, עטוואָס געבויגענע אָדלער־נאָז שאַרף, די נאָזלעכער ציטערנדיקע און בלייכע אויסגעלאָשענע ליפּן, פאַר־טריקנטע. און כאָטש זי האָט הויך גערעדט און געלאַכט, האָט דער געיאָמער, אָטאָ דער דערשטיקטער, אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין מיר און איך בין געווען אויסגעפּולט מיט פאַביאַנס נישט־אויסגעוויינטן געוויין.

— פאַר וואָס פאָרסטו נישט צוריק קיין ישראל? — האָט זי מיך אומגעריכט אַ פרעג געטאָן. זי איז געווען בייז און מיט צודרינגלעכקייט געמאָנט אַן ענטפער.

— דו ווילסט אַז איך זאָל צוריקפאָרן?

— יאָ!

זי האָט האַסטיק געשפּריזט פון איין ווינקל צום אַנדערן און אָפּגע־שטעלט זיך האַרט לעבן מיר. איר אָטעם האָט מיך געבריט.

— נעם מיך מיט. איך וועל גוט זיין צו דיר. שרעק זיך נישט פאַר מיר.

פאַביאַנס געוויין אויף וועלכן איך האָב געוואַרט איז געקומען ווי אַ דערלייזונג פאַר אונדז ביידן.

איר שעפּטשעריי מיטן פרעמדן קול און די טרוקענע ליפּן האָבן מיך פּלוצעם אָנגעהויבן צו שרעקן.

די ערשטע גרעסערע אָפּעראַציע פון נקמה האָט געדאַרפט זיין דאָס אַריינרייסן זיך אין אַנטאָניוווקע, פאַרטיליקן די דייטשע און אוקראַאִנישע

וואָך, אונטערצײַנדן די שפּינערײַ, דאָס געוואַנט־פֿאַבריקל און די גאַרבערײַ. דערנאָך וועלן מיר זיך צוריקצי̇ען אין וואַלד אַרײַן מיט די יונגע ייִדן. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ מאָנטיק, די אָוונטיקע שעה ווען עס הייבט אָן טונקל ווערן. צוועלף זענען מיר געווען אויף דרײַ שליטנס אָנגעטורעמטע מיט היי. אין מיטלסטן — דער קוילן־וואַרפֿער פֿאַרהילט אין אַ ראָגאָזשע. עס איז געווען אָפּגערעדט צו עפּענען אַ פֿײַער אויף יעדערן פֿון דער אוקראַי̇נישער מיליץ וואָס וועט נאָר דערנענטערן זיך צו איינעם פֿון די שליטנס. פֿיר געסלעך האָט אַנטאָניוווקע. איינס פֿירט צו די וועלדער פֿון פּוסטאָמיטי, דאָס צווייטע — צום ראָוונער טראַקט, דאָס דריטע — צום קליינעם שטעטעלע קריפּע; ס׳פֿערטע, אַ זײַטיקס, פֿירט צו די פּאַשעפּעלדער. די דײַטשן האָבן דאָ אויפֿגעהאַלטן אַ מיליץ פֿון אַ מאַן צוואַנציק, אוקראַי̇נער און עטלעכע פֿאָלקסדײַטשן, פֿון די אַמאָליקע דײַטשע דערפֿער אין וואָלין. אַ פֿינף ווי̇אָרסט פֿון אַנטאָניוווקע, אין שובקאָווער הויף פֿון אַ פּוילישן פּריץ האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אַ קליינער דײַטשער גאַרניזאָן. די פֿאַרנאַכטיקע שעה איז געווען אַ פּאַסיקע, ווײַל עטלעכע וועכטער זענען שוין נישטאָ און אויך די דײַטשן פֿאָרן אין זייער קליינעם גאַרניזאָן צו די קאָמעראַדן אויף פֿאַר־ברענגען ביז האַלבער נאַכט.

די ייִדן האָבן געוווּסט וועגן אונדזער פּלאַן און זיי האָבן זיך דערויף געגרייט. די שטיקער וואָל, געטונקען אין בענזין און נאַפֿט, זענען געלעגן אין אַלע ווינקלען פֿון די פֿאַבריקלעך. אַ יונגער ייִד פֿון לאָדזש, אַן אינזשע־ניר, איז געשטאַנען אין שפּיץ פֿון די צוגרייטונגען צו אונדזער איבערפֿאַל און ער האָט געזאָרגט אַז די מענטשן זאָלן זײַן צעשטעלט אויף די פּאָסטנס. דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט טאָן איז פֿאַרריגלען און פֿאַרבאַריקאַ־דירן די טירן פֿון קאָנטאָר און פֿון די שכנותדיקע צוויי חדרים ווו עס עסן איצט די וואַכלײַט זייער אָוונט־עסן. דערנאָך האָט געדאַרפֿט אויפֿשפּרינגען דער ערשטער פֿלאַם. דעם טעלעפֿאָן־דראָט האָבן מיר איבערגעשניטן ביים אָנקום אין שטעטל. מיר זענען פֿאַרפֿאָרן מיטן קוילן־וואַרפֿער ביז דעם הויכן טאָפּאָל. צוויי אַנדערע שליטנס זענען געשטאַנען לענג־אויס דעם הילצערנעם פּלויט. מיט מיר איז געווען דאָס אַכצן־יאָריקע בחורל אליק. ער האָט אויס־געטאָן די פוטערנע הענטשקעס, אַרײַנגעשטעקט פֿיר פֿינגער אין מויל און

הילכיק אַ פייף געטאָן און אין אַ רגע שפּעטער האָבן מיר דערהערט אַ פייפעריי פון דעם קנויל הילצערנע געביידעס מיט די האַלב־פאַרשנייטע שינדלדעכער. מיר האָבן אַראָפּגעשליידערט די הייסגאָפּעס, אָפּגעדעקט די ראַגאָזשע און אָנגעשטעלט דעם קוילן־וואַרפער. איך האָב אַ שטעפּ געטאָן די ערשטע סעריע קוילן. די פערד האָבן זיך געריסן פון אָרט. אַליק האָט זיי געהאַלטן ביי די ציימלען. צו ערשט איז אַרויס אַ בלאָער רויך, אַ דינער און וואָס אַ מאָל האָט ער זיך אויסגעברייטערט. דערנאָך האָבן אויפגעטאַנצט די ערשטע פייערצונגען. פענצטער זענען אויפגעבראָכן געוואָרן און מיר האָבן געזען ווי עס שפּרינגען אַרויס פון פענצטער מיליציאָנערן מיט ביקסן אין די הענט. זיי זענען אָבער אַרויף אויפן פּולעמיאָטן־פייער. צען מינוט האָט געדויערט די אָפּעראַציע. מיר האָבן געזען די לויפנדיקע ייִדן איבער די שנייפעלדער. אַ טייל פון זיי האָט געהאַט אויף זיך ווייסע איבערצוגן. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקציִען. עטלעכע ביקסנקוילן זענען דורכגעפלויגן און איך האָב געוווּסט אַז נאָך אין אַ פּאָר מינוטן אַרום וועלן אָנקומען דייטשישע פאַרשטאַרקונגען. זיי האָבן זיכער געהערט די שיסעריי און דער אָוונט וואָס פאַלט האַסטיק־צו וועט בולט מאַכן די שׂריפה. אַליק האָט געפירט די פערד ווייל זיי זענען געווען איבערגעשראָקן. מיר האָבן געשריגן צו די אָוונט־שאָטנס אין שניי: נישט צוזאַמען! נישט אין אַ קופּע! צעטיילט אייך!

— קיינער האָט אָבער נישט געקענט הערן ווייל זיי זענען געווען ווייט.

דער אָוונט איז מיט איין מאָל צוגעפאַלן. מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן גיך, לענג־אויס דעם וועג מיט קשאַקעס. דער וואַלד איז געווען דערווייטערט, אויף טייל ערטער דריי וויאָרסט. מיר האָבן געוווּסט אַז אין די נידערונגען זענען פאַראַן כוטאָרן. מיט עטלעכע טעג פריִער האָבן מיר געלאָזט וויסן די פּויערים פון די שכנותדיקע כוטאָרן, אַז מיר וועלן נעמען נקמה פאַר דעם שלעכטס וואָס זיי וועלן טאָן פון היינט אָן און ווייטער, אַז די פריִערדיקע זינד זענען מיר זיי מוחל. פון איצט אָן וועלן מיר מיטן רויך אַוועקלאָזן יעדער כאַטע אויב זיי וועלן אויסגעבן ייִדן צו די דייטשן.

איצט שטייען זיי ביי די גאַנעקלעך, די פּויערים פון די כוטאָרן, פּיפּקען די ציבעקן, צלמען זיך און קוקן אַוודאי אויפן פייער וואָס באַלייכט אַנטאָניוווקע — — —

הײַנט האָב איך דערצײלט מאַריאַן װעגן מײַן לעצטער באַגעגעניש מיט איר פֿאָטער. אין יענער נאַכט, אין װאַלד, איז ער צוגעקומען צו מיר און געפֿרעגט: װוּ איז מײַן טאָכטער? איך האָב געשװיגן. ער איז געשטאַנען אַ מאָגענדיקער. איך האָב נישט געקענט אויסהאַלטן זײַן בליק און בין אַװעק. דערנאָך האָב איך אים געזען זיצן בײַם שײַטער.

מאַריאַ האָט געװאָלט אַז איך זאָל איר דערצײלן נאָך פּרטים פֿון יענער באַגעגעניש, זי איז געװען זיכער אַז איך פֿאַרהויל עפּעס. מאַריאַ האָט מיך געפֿרעגט: דו האָסט אויסגעקליבן די יונגע און דרײסטע לאָזנדיק אויף הפקר די עלטערע?

מיר האָבן געדאַרפֿט אין דער נאַכט גײן אויף צפֿון, אַרויסרײַסן זיך פֿון פּוסטאָמיטער װאַלד און דערשלאָגן זיך ביז די װעלדער פֿון אָליִעװסק. מיר האָבן אין דער נאַכט דורכגעמאַכט אַ פֿופֿציק װיאָרסט. נישט אַלע האָבן זיך געװאָלט שײדן מיט די הײמישע געגנטן. עטלעכע האָבן געהאַט זײערע פֿרויען און קינדער בײַ אוקראַינער, אַ טײל האָט געגלייבט אַז נאָר דאָ װעלן זײ איבערלעבן און אַ טײל — האָט געהאַט אָװעקגעגעבן זײער פֿאַרמעגן צו באַקאַנטע פּויערים און געהאָפֿט אַז זײ װעלן געשיצט װערן. מיר האָבן געמוזט דעצידירן. מײַן באַפֿעל איז געװען אָװעקצוגײן פֿון דאַנען תּיכּף. מיר זענען אַװעק אין קלײנע גרופּעס. טײל האָבן פֿאַרקערװעט נאָכן אָפּגײן אַ צענדליק קילאָמעטער צוריק צו די כוטאָרן אַרום אַנטאָניװקע און גע־צײלטע האָבן דאָך באַשלאָסן דורכשלאָגן זיך אַ װעג צו די װעלדער אַרום אָליִעװסק. — — —

איך האָב מאַריאַן באַגלײט אַהײם. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז די דערמאָנונג װעגן איר פֿאָטער איז פֿאַרבונדן מיט די ענדערונגען אין איר גוף װאָס לאָזן זיך שוין מערקן. דאָס קינד װאָס זי טראָגט װעט זי װידער פֿאַרקנופּן מיט יענע טעג און צוריקפֿירן צו די רגעס בעת דער פֿאָטער האָט אונדז געגעבן די צװײ רינגלעך פֿאַרװיקלטע אין אַ װײס טיכל. איך האָב פּלוצעם גענומען איר האַנט און באַרירט מיט מײַנע פֿינגער

דעם פינגער אויף וועלכן איך האָב דעמאָלט געוואָלט אָנטאָן איר דאָס רינגל אין סטויג היי.

איר פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— עס וועט זיין אַ ייִנגל.

— מיין פּאָטערס נאָמען איז געווען אברהם — האָט זי געזאָגט מיט אַ שעפּטשענדיק קול נאָענט צו געוויין. זי איז איצט געווען שיין ווייל עס איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר אַ חן פון אַן אָנקומענדיקער מוטערשאַפט און די תאווה און איבערגעזעטיקטקייט זענען פאַרשוווּנדן. — — —

אין דעם זעלביקן אָוונט איז געקומען פּאַביאַן. זי איז אַריין צו מיר ווי אַ שטורעם וואָס פּראַלט אומגעריכט אויף די טירן און די פענצטער.

— וואָלאָדיאַ, נעם דיין מאַנטל! איך האָב פאַרקירט אויף אַן אָרט ווו מען טאָר נישט! קום! עס איז איילִיק! — און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו וואַשן מיינע הענט פון די אייל־פאַרבן, האָט זי שוין געהאַלטן מיין מאַנטל אין דער אָפענער טיר.

פּאַביאַן איז היינט רעשיק, אויפגעלייגט, איילִיק. דער אויטאָ איז פול מיט מאָדע־זשורנאַלן מיט פּאַקעטן און פאַרשיידענע טיילן פון איר גאַר־דעראָב. מיר האָבן געגעסן אָוונטברויט אין אַן עלעגאַנטן רעסטאָראַן, נישט ווייט פון פּלאַץ קאָנקאָרד. איך האָב געטרונקען דעם רויטן ווייַן „סאַנט אַמור" און דערשפּירט ווי די שיכרות באַפאַלט מיך.

— די שטימונגען זענען פאַרגאַנגען. דאָס איז מיין גוטע און רויִקע צייט — האָט זי געזאָגט.

איך האָב הויך געלאַכט און געוווּסט אַז עס איז נישט מיין געלעכטער. גערעדט הויך, געמאַכט האַסטיקע באַוועגונגען און זיך נישט געקענט קאָנ־טראָלירן. איך האָב פּאַביאַנען געקושט און געפילט זיך לייכט און זאָרגלאָזיק.

מיין ערשטער קאָנטראַקט מיט אַ גאַלעריע־אייגנטימער האָט מיר געגעבן ווינציק געלט נאָר אַ סך פריינד. אויף בולוואַר סאַן־מישעל, אין רחבותדיקע זאַלן מיט גרויסע אויסשטעל־פענצטער, געפינט זיך די גאַלעריע פון מסיע קאַראַטאָן. ער האָט זיך די לעצטע צייטן ספּעציאַליזירט אין פאַרקויפן אַבסטראַקטע מאָלעריי. בעת איך בין געקומען צו אים מיט עטלעכע לייוונטן, האָט מיך די סעקרעטאַרין געבעטן וואַרטן. איך האָב זיך אַרומגעקוקט מיט נייגער און געזען די בילדער פון די ווענט; שרייִק, אַרויסרופעריש, אָפּשטויסנדיק און דאָך, אין דעם כאַאָס איז געווען עפּעס וואָס האָט זיך אויסגעטיילט, דאָס איז די סובטעלקייט וואָס האָט זיך געשטיקט אין אַ וועלט פון טונקעלע שטריכן; צעריסענע, געבראָכענע און אָנפּאָרעמדיקע. איך בין געווען צעטומלט און באַדויערט פאַר וואָס איך האָב געפאָלגט די עצה פון מאַלער מאַנע קאַץ.

מיט דעם דאָזיקן מערקווירדיקן מענטש פון מאָנפּאַרנאַס האָב איך זיך באַקענט אומגעריכט מיט אַ וואָך צוריק. עמעצער האָט געקלאַפּט אין טיר פון מיין סטודיע. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַן עלטערער מענטש, אַ נידעריקער, אַ קליין געקנייטשט פּנים איינגערעמט אין גרויע פּאַסן האָר. ער האָט עפּעס גערעדט און זיינע אויגן האָבן דערביי גוטמוטיק געשמייכלט.

— אַזוי הויך? ער האָט אונדז איבערגעיאָגט... איך בין אין דער נידער.. אַן אַטעליע אין פּאַרטער און דו, קיניגסט אין די הייכן...

איך האָב געדריקט זיין האַנט.

— לאָמיר אויסטרינקען אַ לחיים. איך בין גערירט. אַזאַ גאַסט — האָב איך געשטאַמלט און געפילט דעם אָנשטראָם פון אַ ליבשאַפט צו דעם ייִדישן קינסטלער וואָס מאָלט אַ לעבן־לאַנג די פּנימער פון קליינשטעטלדיקע פרומע ייִדן.

— איך וויל קויפן אייערס אַ בילד. — ער האָט געלאַכט און אַ לאַכנדיקער פלינק אַרומגעגאַנגען איבער דער סטודיע. — עס איז נישט קיין שפּאַס. איך וויל האָבן אייערס אַ זאַך. נעמט נישט פאַר אומגוט וואָס כ׳בין אַריינגעפאַלן נישט אָנזאָגנדיק. מען האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס. איך האָב ערגעץ געזען אייערס אַ פּייזאַזש. אין פּאַריז בין איך אַ בעל־בית, אַ גבאי, נישט ווייט פון דער ווייבערשול איז געווען אין קרעמענטשוג דאָס ווינקל פאַרן שמש... דאָ, אין פּאַריז, בין איך גבאי... אַז ס׳קומט אָן אורח אין שטאָט אַריין, און נאָך דערצו אַן אורח אַ יונגער וואָס קען זיך נאָך פאַרקנסן מיטן נגידס אַ טאָכטער — טאָ לאָמיך אים אויסשטרעקן אַ שלום־עליכם...

אַזוי איז געשלאָסן געוואָרן אונדזער פריינדשאַפט.

איך האָב שוין געוווּסט, אַז מסיע קאַראַטאַן שטאַמט פון קיִעוו, אַוועק נאָך גאָר אַ יונגער בחור פון זיין היים, געוואָגלט איבער ליטע, איבער פּוילן און דערשלאָגן זיך קיין בערלין. דאָ האָט ער דערזען אַז מיט זיין מאָלעריי, מיט קלעפּן קעפּ פון ליים און מיטן האַקן אין שטיין — וועט ער אויף קיין פרישטיק נישט האָבן. ער האָט געהונגערט אין בערלין, געזוכט גליק אין ציריך און ברויט אין פּאַריז. אַ צייט לאַנג האָט ער זיך אַרומגעדרייט אויף די מערק מיט געשניצטע קעפּ פון קריסטלעכע הייליקע. ער האָט אויפגעהערט ריידן דעם קיִעווער ייִדיש און אָנגעהויבן צו נוצן דייטש מיט אַ רוסישן אַקצענט.

איך בין איינגעגאַנגען אויף זיינע באַדינגונגען: פיר בילדער אַ חודש. נישט פאַרקויפן צו גאַלעריעס און נישט אויסשטעלן אין פּאַריז ביי קיין שום גאַלעריע. פאַר דעם אַלעם וועל איך באַקומען אַ חודש־געהאַלט. מיר האָבן געמאַכט דעם קאָנטראַקט אויף אַ יאָר צייט. ער האָט אָבער איבערגעלאָזט זיך דאָס רעכט צו אַנולירן דעם אָפּמאַך אין אָנהייב פון יעדע דריי חדשים.

דער חודש־אָפּצאָל איז געווען אַ נישטיקער, איך בין אָבער איינגעגאַנגען. איך האָב געהאַלטן זיין פּייכטע האַנט און זי תיכף אַרויסגעלאָזט. זיין פּנים

איז מיר געווען נישט נאָר פרעמד נאָר אומסימפּאַטיש. אָנקאָלירִיקע אויגן, וואַסערדיקע, באַוועגלעכע וואָס האָבן מיך געבריט ווי קראָפּעווע. אַזוי זעען אויס מענטשן אויף די בערזעס. אַ ברייט, קאַנטיק פּנים, שאַרפע קנייטשן. פון איין פּאָלד צום אַנדערן איז דאָס פלייש אויסגעפּילט, האַרט, מוסקולירט, גוט אויסגעראַזירט.

איך האָב געזען ווי די סעקרעטאַרין פאָלגט נאָך אונדזער געשפּרעך און לאַקירט זיך דערביי די נעגל, וויגט זיך אויפן געבעטן פּאָטעל ביים שרייבטיש און וואַרפט פאַרשעריישע בליקן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז זי איז ביי אים מער ווי אַ סעקרעטאַרין.

נאָכן אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט בין איך אַוועק צו מאַנע קאַץ. ער האָט געוואַרט אויף מיר אין זיין אַטעליע, נישט ווייט פון מאָנפּאַרנאַס, אין אַ זייטיק געסל, אַ שמאָלער הויף, ברוקירט מיט פעלדשטיינער. ער האָט מיך באַגעגנט ביי דער טיר מיט אַ טריִומף־שמייכל, ווייל ער האָט געוווּסט אַז דער קאָנטראַקט איז געחתמעט. איך האָב אַפילו שוין געטראָפן געגרייט אַ פלאַש וואָדקאַ אויף זיין טיש.

מאַנע קאַצעס אַטעליע האָט מיך איבערראַשט. רחבותדיק, הויך, אַ גאַרטן פאַרן אַריינגאַנג. מיר האָט זיך געדוכט אַז איך בין ערגעץ אין אַ שול פון פּאַדאָליע; פּרוכתן, נר־תמידס, חנוכה־לאָמפּן, מנורות, שטענדערס באַדעקטע מיט ברוין־רויטלעכע סאַמעט־טישטעכער מיט אויסגענייטע מגן־דודן מיט לייבן. אַלט־ייִדישע שטולן פון רבנים און דיינים. אויף אַ וואַנט, אויבן־אָן, אין מיזרח, הענגט אַ באַס און דערנעבן דאָס פידעלע מיטן טרומפּייט — וואָס איז מיר געווען באַקאַנט פון אַ סך פון זיינע בילדער.

ניין, נישט נאָר אַ שול איז עס נאָר ס׳דערמאָנט אין אַ היימיש הויז ווו עס האָבן געפונען רו און מנוחה ייִדן, אַנטלאָפענע פון כמיעלניצקיס שחיטות, פון ווייסרוסישע פּאָגראָמירטע שטעטלעך, ייִדן אַנטרונענע מיטן לעצטן האָב־און־גוטס פון שׂריפות. זייערע פּנימער שוועבן דאָ אַרום צווישן די אַלע חפצים. זיי האָבן אויפגעבונדן די קלומעקלעך — דאָס איינציקע פאַרמעגן וואָס זיי האָבן אָפּגעראַטעוועט און אַוועקגעגעבן דאָס אַ שטאָט־באַלעבאָס, אַז ער זאָל עס אויפהיטן ווייל זיי מוזן גיין, זיי מוזן זיך אַרומקוקן, וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט און ווי אַזוי מען הייבט אָן אויף ס׳ניי...

הענגען די כלי־זמר־כלים פון ייִדישע כלי־זמרים, די וואָס האָבן געשפּילט נישט נאָר אויף ייִדישע חתונות, נאָר אויך אויף גויִישע סוואַדבעס און ירידים. פינקלען די פּרוכתן אויסגעהאָפטענע מיט זילבערפעדעם דורך מיידלשע הענט און אין די פעדעם זענען פאַרוועבט מיידלשע חלומות.

איך זיץ אויף אַן אַלטער שטול באַצויגן מיט בראָקאַט און זע די אויסגע־נייטע לייבן מיט טויבנאויגן. זיי קוקן אויף מיר מיט אַ רחמנות־געבעט. וועט זיך באַווייזן דער שמש פון דער אַלטער שול און אָנצינדן די מנורות, אַריינגיסן בוימל אין נר־תמיד, אויסשפּרייטן דעם סאַמעטענעם טישטעך, אַרויפלייגן דעם אַלטן סידור און פון דער צעפּראַלטער טיר וועלן אַריינשטראָמען די ישיבה־בחורים מיט די צעווינטיקטע פּאות, מיט די צעפלאַטערטע פּאָלעס פון וועלכע עס ליכטיקן אַרויס אַרבע־כנפות ?

אַ פאַרנאַכטיק פעלד. עס איז שקיעה־צייט. אַ רויטע זון אויף שניי. אַ הויז מיט אַ רויטן דאַך. אַ שוואַרץ בריקל. אַ פיאָלעטענער הימל מיט פייער־פּאַסן. געל־ברוינלעכע, רויטע שליאַכן, ברייטע, אַן גרענעצן, אָן צוימען. שוואַרצע קוסטעס. אין איינציקן פענצטערל פון דאָרפישן הויז פלעמלט אַ ליכט ; דאָס איז מאַנע קאַצס אוקראַיִנישע לאַנדשאַפט. דורך דאַנען זענען אַוודאי געלאָפן ייִדן פון אומאַנער פּאָגראָם. דורך די וועגן זענען געריטן כמעלניצקיס חיילות. דאָ האָבן אַרומגעבושעוועט די הײדאַמאַקעס און אויף די זעלביקע וועגן זענען געפאָרן אין די שלום־צייטן אָרעמע ייִדישע בוידן אויף יאַרידים. איצט איז דאָ שטיל. די רויטקייט פון שניי רייצט נישט, די געלע שליאַכן מיט די ברוין־רויטע טענער שרעקן נישט, ווייל די שיינקייט פון קינסטלערישן באַשאַף, די עכטקייט פון בילד באַצווינגט.

אין דער אומרויִקער וועלט האָט ער אַנטפּלעקט זיין גוט און וואַרעם האַרץ וואָס קען נישט צאָרענען קעגן די הימלען.

און מיט אַ מאָל האָב איך דערזען אַ ישׂראל־לאַנדשאַפט. איך שטיין ; ווי אַזוי בין איך פּלוצעם אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ וועלט פון רו, פון שלווה ? איך האָב נישט געהערט די הילכיקע טריט, און נישט משיחס טרומפייט. עס איז געשען אַזוי באַטירלעך און אַזוי שטיל ווי עס טרעפט אָפט ביי ישיבה־בחורים, וואָס גייען איבער פון איין פּרק צום אַנדערן אין אַ פאַרנאַכטיק בית־מדרשל.

נישטאָ מער, אין דעם ישׂראל־פּייזאַזש, קיין רויט, קיין ברוין־שוואַרץ. די פֿאַרבן זענען ווי פֿאַרהוילן, פֿאַרהילט אין פֿאַרטאָגיקע טוינעפּלען. עס איז אַ זעלטן געמיש פֿון גרין־גרוי און פֿיאָלעט, פֿון אַלטן גאָלד און געהאַמערטן זילבער. די וועגן זענען מילדע, שטילע, זיי שלענגלען זיך אַרום די הויכקייטן אַזוי ווי רצועות פֿון תּפֿילין.

איך פֿרעג אים: — וויפֿל יאָרן זענען פֿאַרביי ביז איר זענט דערגאַנגען פֿון דער אוקראַיִנישער שקיעה צו דער ישׂראלדיקער באַרג־לאַנדשאַפֿט?

— אַ לעבן־לאַנג. דער וועג האָט געפֿירט דורך ליטע, דורך פּוילן, דורך פּאַריז און דורך די פֿאַרוואָרפֿנסטע ייִדישע יישובֿים אין דער וועלט.

ער האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין ביידע הענט און געפּרוווט שמייכלען. איך האָב אָבער געזען ווי זיין שטערן פֿאַלבט זיך און די ליפּן שטאַמלען ווערטער וואָס איך קען זיי נישט באַנעמען.

צווישן ביידע לאַנדשאַפֿטן וואָגלען נאָך אַלץ אַרום די נע־ונדע געשטאַלטן וואָס דער זון פֿון אַ שמש פֿון אַן אָרעם שולעכל פֿאַר מאַרק־ייִדן, פֿאַר דאָרפֿסגייער, פֿאַר שניידער און שוסטער אין קרעמענטשוג, האָט באַשאַפֿן.

— איך האָב צעוויקלט פֿאַר זיי שטילע וועגן, אָן רויטן אָפּשיין פֿון שׂריפֿות... די וועגן וואַרטן אַז מיינע ייִדן, וואָס קוקן אַראָפּ פֿון די ווענט, זאָלן אויפֿשטיין תּחית־המתים און גיין אויף זיי...

אויף דעם מאָלבערט שטייט אַ נאָר וואָס פֿאַרענדיקט בילד. דריי כּלי־זמרים. דאָס זענען שוין נישט די אַמאָליקע כּלי־זמרים. דאָס זענען מער נישט קיין ערדישע געשטאַלטן אין טונקעלע מלבושים, מיט פֿאַרשטויבטע שיך פֿון אוקראַיִנישע וועגן, מיט פֿולע פּנימער און אויגן וואָס שפּיגלען זיך אין מעש פֿון טרומפּייט — די כּלי־זמרים זענען ווי דורכזעעוודיקע שאָטנס וואָס גיסן זיך צוזאַמען מיטן ליכט פֿון לאַנדשאַפֿט. עס איז ווי תּחית־המתים־שפּילער אין אַ חלום.

תּלמידים פֿון אַ ישיבֿה פֿירן אַ וויכּוח. עס איז פֿאַר מנחה. פֿיר ייִדן. עס טונקלט שוין, נאָר זייערע פּנימער לייכטן. אַ מאַט־גרינער הינטערגרונט ווי אַ טוי וואָלט געפֿאַלן אויף ווייטע לאַנקעס.

דאָס בילד „אַ חופּה" איז אַ סימפֿאָניע פֿון פֿאַרבן.

אַ כּלה אין ווייסן. דער טונקל־געקליידטער חתן. אַ רויטער הינטערגרונט.

די חתונה קומט פאַר אין אַפּשיין פון נאָך נישט־פאַרלאָשענע שׂריפות. יִדן אין שטריימלעך. מען זעט זיי ווי דורך פלאַמען. זיי געהערן צו אַ וועלט וואָס איז שוין נישטאָ, אָבער זי באַוואַכט אונדז.

אין דעם שפּיל פון איידעלן רויט, סובטעלן ווייס אין וועלכן עס ניגונען אַלע פאַרבן פון דעם רעגן־בויגן, געל־זאַמדיקן גאָלד, אין די גרינע טענער און אין גרוי, לויכטן אויף ווי אַ האָפענונג דריי קליינע יִדישע קינדער אין גרין, ווי אויפגייענדיקע פלאַנצן, אַנטקעגן חתן־כלה.

צוויי עפּאָכעס האָט געהאַט דער דאָזיקער מערקווירדיקער יִדישער קינסטלער; איין עפּאָכע פון אומרויִקע קאָלירן, פון האַסטיקן פּענדזלשטריך, פון צעריסענע פלעקן, פון טונקעלע, נידעריקע און שווערע הימלען וואָס ליגן ממש איבער די מענטשישע קעפּ. דאָס איז געווען אַן עפּאָכע פון באַס־געוויין, פון בלוטגעשריי אויף שנייִקע פעלדער, פון ווילדן פערד־הירזשעריי וואָס טרינקט זיך אין צעבושעוועטע וואַסערן, פון יִדן מיט פאַלעס צע־פלאַטערטע, וואָס דער ווינט טרייבט זיי איבער הפקרדיקע וועגן — און איבער דעם אַלעם טראָגט זיך אַ טרויעריקער ניגון פון אַ קליינשטעטלדיקער יִדישער קאַפּעליע.

די צווייטע עפּאָכע איז די רויִקע; דעמאָלט איז זיין פּאַלעטע פול געווען מיט געלאָשענע פאַרבן. דאָס זענען נישט קיין אַש־קאָלירן פון אויסגעגאַנגענע שׂריפות, נאָר רייך־געדעמפּטע פאַרבן, שטילע, וואָס אין זיי טליִעט נאָך דאָס אַלטע פייער.

— איך בין נישט אַזוי לייכט דערגאַנגען צו דעם צווייטן פּעריאָד פון מיין מאָלעריי. איך בין אַריינגעשווומען אויף אַ שיף דורך אַ צעשטורעמטן ים. איך בין דעררינן אויף אַ פערד וואָס האָט זיך געטרונקען און בין דערנאָך אַרויסגעשליידערט געוואָרן אויף אַ ברעג... — און ווי נאָר ער ענדיקט די רייד, טראָגט ער אַרויס, פון אַ זייטיק ווינקל אין דער אַטעליע, צוויי בילדער; אַ פערד וואָס טרינקט זיך און אַ שיף אין שטורעם.

אין די בילדער האָט מאַנע קאַץ אויפגעריסן אַלע גרענעצן וואָס טיילן אָפּ קלאַסישע מאָלעריי פון אַבסטראַקטער. געוואַגטקייט פון קאָמפּאָזיציע, אויסטערלישער פאַרבן־געמיש. ער ברענגט אַרויס דורך די פאַרבנפלעקן דעם צעשוימטן ים, די ברוינע זעגלען צעריסענע פון אַ שטורעם, אַ

קנאָספּנגריין פון פישעריונגען וואָס ראַנגלען זיך מיט די כוואַליעס. טונקל־גרינער, ברוין־גרויער אָפּגרונט. אַ הימל וואָס איז פאַרפלייצט פון שוים.

איך האָב דערציילט פאַביאַנען וועגן מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם אַלטן מאָלער. איך האָב איר געשילדערט זיין אויסזען, די אַטעליע און די בילדער. זי האָט מיך באַטראַכט מיט אַ גרויסמוטיקן חידוש. פאַביאַן האָט נישט באַנומען מיינע רייד און איך האָב נישט געפונען גענוג ווערטער אין מיין אָרעמען פראַנצויזיש אויפצוקלערן איר מיין איבערלעבונג.

— דאָס איז דאָך אַ וועלט פון זכרונות. אַ, ווי דו ווערסט ענלעך צום אַלטן שטערן־זוכער... כאָטש ער קוקט מיט אָפענע אויגן, זעט ער דאָך נאָר דאָס אַמאָליקע. ער זעט נאָר דאָס וואָס ער האָט אַנטדעקט איידער זיינע אויגן זענען פאַרפלייצט געוואָרן מיט פינצטערניש. דו זעסט נאָר דיין נעכטן. איצט פאַרשטיי איך פאַר וואָס דו זיצסט אַזוי פיל שעהען אין קליינעם רעסטאָראַן ביי דער סען... נישט קיין פינצטערניש האָט פאַרפלייצט דיינע אויגן נאָר אַ שאַרף ליכט פון פלאַם און פייער. דאָס איז אָבער דאָס זעלביקע ווי אַן אָפּגרונטיקע נאַכט־פינצטערניש...

איך ווייס נישט פאַר וואָס פאַביאַן איז אומרויק בעת איך דערצייל איר וועגן מאַנע קאַצס אַטעליע. זי האָט אויפגעריסן אַ שאַכטל פאַפּיראָסן, האַסטיק אָנגעצונדן אַ פּלעמל, פאַרצויגן טיף און געלאָזן איין קנויל רויך נאָכן אַנדערן. זעט אויס אַז זי שרעקט זיך פאַר עפּעס.

— ניין, עס אינטערעסירט מיך נישט. מיר דאַכט זיך אַז דו גייסט אין דיינע מחשבות אַוועק פון מיר. עס איז אַ פרייוויליק צוריקגיין אין געטאָ. ביסט אַרויס פון אַ מלחמה מיט אַ געוווּנענער שלאַכט אָבער דערנאָך האָסטו קאַפּיטולירט פאַרן שונא. דו מיינסט אַז אַ פרייוויליקע געטאָ איז בעסער ווי אַן אויפגעצוווּנגענע ? אין אַ פרייער געטאָ איז דער איינוווינער אַ שקלאַף און אין אַן אויפגעצוווּנגענער געטאָ איז ער אַ העלד, אַ מאַרטירער...

פאַביאַנס קול האָט מער נישט געהאַט די הייזעריקייט וואָס האָט מיר תמיד ווײ־געטאָן און דאָך האָט עס מיך געלאָקט מיט אַ געהיימען פרויענרייץ און איך האָב דאָס איצט באַדויערט.

דעם זעלביקן טאָג זענען מיר אַוועק אויף אַן אויסשטעלונג אין לוווּר לכבוד דעם סקולפּטאָר ראָדען. עס זענען דאָ צונויפגעזאַמלט געוואָרן נישט נאָר די באַקאַנטע סקולפּטורן זיינע, נאָר אויך עסקיזן, צייכענונגען אין אַלע וואַריאַנטן צו גרעסערע אַרבעטן. און דאָס האָט מיך באַזונדערס אינטערע־סירט. איך האָב דערזען אַז ראָדען איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער צייכענער.

זיין האַנט באַוועגט זיך מיט אַ פּרעציעזער לייכטקייט ביים אַנטפּלעקן די ליניעס פון מענטשלעכן גוף. ער האָט ליב די נאַקעטקייט פון מענטש, דאָס איז זיין לײַדנשאַפט. די פּנימער אין די עסקיזן זענען פאַרטושטע. גרויס אַכט לייגט ראָדען אויף דעם ריטעם פון די גלידער. אין טייל עסקיזן זענען די הענט און די פיס פיל מאָל איבערגעצייכנט געוואָרן. דער מייסטער האָט נישט אויסגעמעקט די צייכנס און עס דוכט זיך ווי די פיגורן וואָלטן זיך באַוועגט. איינדרוקספול זענען די צינק־ווייסע פלעקן וואָס ער האָט זיי ווי בכיוונדיק אַרויפגעוואָרפן אויף אַ ריי נאַקעטע פיגורן פון מענער און פרויען. זיי גיבן צו אַ מיסטישן רייץ. די עסקיזן פון מענער געאָרעמטע מיט פרויען, אַנטפּלעקן אַן אומגעוויינטלעכע לייַדנשאַפט פון דעם שעפער. זיי ווירקן עסטעטיש און דערנענטערן אונדז צו דער שיינקייט פון באַשאַף.

ראָדען איז געווען אַ מענטשנקענער. ער האָט נישט נאָר שטודירט די פּנים־אויסדרוקן, פאַר אים האָבן געשפּילט אַ ראָלע די הענט פון מענטש. זעט אויס, אַז אין זיין אַרבעט האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט דאָס אויסהאַקן פון שטיין הענט. איך האָב געזען אויסגעשטעלט צענדליקער הענט פון מענער און פרויען. די פינגער, די באַוועגונג פון האַנטפלאַכן — דאָס אַנט־פּלעקט פאַר אונדז דעם מענטש, כאָטש מיר זעען נאָר צוויי הענט.

ראָדענס לייַדנשאַפט איז דער טאַנץ. דעם מענטשס גוף ברענגט אַרויס עקסטאַז, גלויבן, פאַרצווייפלונג און אַפילו נאַקעטקייט פון דער נשמה. מיטן אויסנעם פון עטלעכע פיגורן זענען כמעט אַלע זיינע סקולפּטורן דינאַמישע.

די בירגער פון קאַלע — זיין מאָנומענטאַל ווערק — איז דאָ רעפּרע־זענטירט אין די פאַרשיידנסטע פאָרמען און אַנהייבן. מען קען נאָכגיין, טריט נאָך טריט, נאָך דער פאַרמירונג פון דעם ווערק. אַן אומגעוויינטלעכע שטודיע פון מענטשלעכע פּנימער. עס איז געווען אַ דור ווען דאָס פּנים פון מענטש

איז געווען אָפן, אויסגעשטעלט ווי אַ פֿאַנצער אַנטקעגן די פֿיילן פֿון פֿיינט און אַנטקעגן גאָט אַליין. די געשטאַלטן פֿון די מענטשן זענען פּאַראַייביקט געוואָרן אין שטיין, זייערע פּנימער זענען געוואָרן סימבאָלן.

באַלזאַק האָט גאָר שטאַרק אינספּירירט ראָדענען. ער האָט געמאַכט צענדליקער קאָמפּאָזיציעס מיט באַלזאַקס פֿיגור. ער האָט געוויזן דעם נאַקעטן באַלזאַק מיט די מענלעך־מוסקולירטע גלידער און אַרויסשפּאַרנדיקן בויך. ער האָט אַרום באַלזאַקס ערדיש פּנים געלאָזט אַרומשוועבן מלאָכים און גייסטער. ער האָט לאַנג עקספּערימענטירט מיט דער באַלזאַק־געשטאַלט ביז עס איז געקומען, אין איינעם אַ טאָג, די אַנטפּלעקונג: ראָדען האָט צעהאַקט אַלע גייסטער, אַלע געשטאַלטן פֿון באַלזאַקן, וואָס האָבן זיך געדאַרפֿט געפֿינען ביי די פֿיס פֿון גרויסן וואָרטמייסטער, ער האָט אַוועקגענומען פֿון באַלזאַקן די פֿליגל און געגעבן אים לופֿט, צוריקגעגעבן אים די ווירקלעכקייט. ער האָט אים אויסגעגאָסן פֿון בראָנדז ווי ער שטייט, געבויגן אויף צוריק, מיט אַן עקשנותדיקן בליק און אָנגעשפּיצטע אויערן. דער קורצער, מאַסיווער האַלדז, פֿאַרהילט אין אַ טוך, דער אַרויסשטאַרנדיקער קערפּער מאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ פֿעלדזנבראָך. די מאַסיווקייט און די גישט־אויסגעצערטלקייט פֿון די פּנים שטריכן פֿאַרוואַנדלען באַלזאַקן אין אַ נאַטור־דערשיינונג, אַ גאָט־פֿאַרמירטער מענטש וואָס נעמט אַרום די וועלט מיט טיפֿע אויגן־לעכער. זיי גליִען מיט אַ שוואַרץ פֿייער. זיי זעען דאָס לעבן אויף אונדזער ערד אין איר שיינקייט, געהויבנקייט און געפֿאַלנקייט. עס איז דאָ מרידה קעגן די הימלען אין דעם נאַקעטן בליק פֿון ראָדענס באַלזאַק.

— דאָס איז אפֿשר איינע פֿון די מעכטיקע סקולפּטורן אין אונדזער צייט.

איך וואָלט איר אַנטקעגנגעשטעלט מיקעל אַנדזשעלאָס משה — האָב איך געזאָגט פֿאַביאַנען בעת מיר האָבן געשפּרייזט איבער די לאַנגע האַלן.

— צוויי אַנטיפּאָדן.

איך בין איר דאַנקבאַר געווען פֿאַר די שטילע ווערטער און כ'האָב געדריקט איר אָרעם. מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך הייב אָן צו אַנטדעקן אַ נייע פֿאַביאַן און דאָס האָט מיך געפֿרייט.

אין דער גאַלעריע פֿון מסיע קאַראַטאַן האָב איך זיך אָפּט באַגעגנט מיט

מאַלערס. איך האָב געשלאָסן פריינדשאַפט מיט עטלעכע עלטערע מאָלער, אָפשטאַמיקע פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. זיי האָבן גערעדט צו מיר רוסיש מיט אַ סך פראַנצויזישע און דייטשע זאַצן. איך האָב געשפירט זייער אינטערעס צו מיר און דעם ווילן אַראָפּצורייסן זיך פון האַרצן. לאַנגע טעג פאַרברענגען זיי אין די אַטעליעס, שווייגנדיקע, איינזאַמע, פרעמדע אין אַ לאַנד וווּ זיי וווינען שוין כמעט ווי אַ העלפט פון זייער לעבן. זיי האָבן דאָ נישט אויפגעבויט קיין היימען, וואָרעם דאָס משפּחה־לעבן האָט זיך געבראָכן איידער נאָך זיי האָבן צו עפּעס וואָס דערגרייכט אין דער מאָלעריי. זיי זענען געווען זיכער אַז עפּעס שטערט זיי אַריינצושפּאַנען אין דעם היכל פון קונסט. אַ מאָל איז עס געווען דאָס ווייב וואָס האָט אָנגעהויבן ניכטער צו קוקן אויף די בילדער פון איר מאַן, זי האָט דאָס אַנטדעקט אַז פון אונטער דעם שטיללעבן מיט דער פאַרבן־האַרמאָניע יאָמערט אַרויס דער צער, די פּיין און דער פּחד פאַר דער נאַקעטער עקזיסטענץ. עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער יום־טוב פון יענע שעהען ווען זי איז געלעגן אויף דעם טאַפּטשאַן און דער יונגער מאָלער האָט איבערגעטראָגן די ליניעס פון איר קערפּער אויף דעם לייוונט. זי געדענקט שוין מער נישט זיין האַנט מיטן פּענדזל, נישט די פּאַלעטע וואָס האָט אַ שעמעריר געטאָן פאַר איר, זי געדענקט דאָס אייזערנע אייוועלע אין מיט פון דער אַטעליע וווּ ער האָט פון צייט צו צייט געקניט, צוגעוואָרפן קוילן און דאָס פייער האָט בולט געמאַכט פאַר איר דעם אָנקום פון וואָכעדיקע טעג.

איסאַק פּיילעס האָט געדענקט די צייטן פון חיים סוטין און פון מאָדע־ליאַני. ער האָט זיך מיט זיי באַפריינדעט תיכף נאָך דעם ווי ער איז געקומען פון אָדעס. אין יאָר 1920 איז ער אַוועק פון קיִעוו, דורכגעוואַנדערט אוקראַיִנע. מאַטראָסן האָבן אים אויפגענומען אויף אַ לאַסטשיף. ער איז אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר. ער האָט נאָר פאַרמאָגט הענט אויף אויסצוקנעטן בייגע וועלטן. די וועלט וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן איבערבויען מיט דער הילף פון בודיאָניס קאָזאַקן, קאַלמיקישע אַטריאַדן און צעהפקרטע מאַטראָסן, האָט אים געשראָקן. נאָך דריי חדשים אַרומוואַנדערן איבערן שוואַרצן ים, איבער האַוונס פון טערקיי, פון גריכנלאַנד און איטאַליע, איז

די לאַסטשיף אָנגעקומען צו די דרום־ברעגן פון פראַנקרייך. איידער דער סקולפּטאָר־קעסלהייצער איז אַראָפּ פון דער שיף אין זיינע צעריסענע בגדים פון אַ קאָטשעגאַר, האָט אים דער שיפס־אייגנטימער געגעבן געלט אויף אַ באַנבילעט קיין פּאַריז און אַ מאַטראָס האָט אויסגעטאָן זיין העמד און עס אים אַוועקגעשאָנקען. ער איז געגאַנגען איבערן מאָנפּאַרנאַס און דאָ באַגעגנט אַ פריינד פון קיִעוו וואָס האָט אויך אָנגעהויבן מיט סקולפּטור, דאָברינסקי, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ קליין ייִדיש שטעטעלע לעבן זשיטאָמיר. דאָברינסקי איז שוין געווען אַ פּאָר יאָר אין פּאַריז. דאָס איז געווען די צייט ווען מאָדעליאַני, אַן אויסגעבליכטער איטאַליעניש־ייִדישער יונגערמאַן, האָט אַ סך געטרונקען. מען האָט אים אָפט געקענט טרעפן לעבן אַ „ביסטראָ”, אויפן מאָנפּאַרנאַס, דעקלאַמירן אין איטאַליעניש פראַגמענטן פון דאַנטעס ‚גיהנום‘. חיים סוטין פלעגט אַרומלויפן איבער די זאַלן פון לוווּר אַזוי ווי אַ פאַרוווּנדעטער וואָלף וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין זומפּיקע פעלדער פון אַ פלאַכלאַנד. ער איז דאָ געווען פרעמד, אויפגערייצט, הונגעריק, איבער־געשראָקן און עס האָט זיך אים געדאַכט אַז ער וועט בקרוב אומקומען. נישט איין מאָל פלעגט ער בלייבן שטיין פאַר רעמבראַנדטס אַ געמעל אַ פאַרגליווערטער. זיינע קינבאַקן זענען געוואָרן נאָך מער אָנגעשפּיצט, די אונטערשטע ליפּ האָט זיך אַרויסגערוקט, געציטערט, די שיפּלעכע אויגן האָבן דורכגעשפּיזט דאָס בילד. ער איז געשטאַנען לאַנג אַנטקעגן רעמבראַנדטס אַ לייוונט און געביילט די פויסטן ביז ווייטיק. מאַרק שאַגאַל האָט זיך דעמאָלט געשפּילט מיט זיין קליינער טאָכטער אויף אַן אָפּגעבליאַקעוועט טעפּעכל אין זיין פּאַריזער אַטעליע און דערציילט איר מעשׂהלעך וועגן דער גילדענער פּאַווע וואָס איז געפלויגן איבער אַ פרעמד און שיין לאַנד, וועגן אַ חתן־כלה וואָס גלייך נאָך דער חופּה טראָגט זיי אַוועק אַ פויגל אויף די פליגל אין די בלאָע הימלען אַריין.

איך הער איסאַק פּיילעסעס רייד אין זיין אַטעליע, לעבן מאָנפּאַרנאַס, אין אַ געסל וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אַ פראַנצויזישן סקולפּטאָר אַנטואַן בורדעל. דער אַריינגאַנג איז פון הויף, פּאַרטער, די טיר פאַרהאַנגען מיט אַ גרויען פאָרהאַנג וואָס כוואַליעט זיך. אַ האַנט נעמט אַוועק דעם טוך און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אַן אַטעליע.

איך האָב דאָס געפיל אַז כ׳געפין זיך הינטער די קוליסן פון אַ טעאַטער ווו די שפיל האָט זיך שוין לאַנג פאַרענדיקט.

אַ טונקל אייזערן אייוועלע מיט אַ פאַרקאָפּטשעטער רער אין מיטן צימער. עס איז דאָ קיל, ווינטיק און איך זע, ווי פון צווישן רעמען קוקט אויף מיר אַ מענטש פון איבער זעכציק יאָר. אַ טונקל פּנים ווי פון אַ דרום־תּושב. ווייכע שטריכן, אָוואַלאַרטיקע.

פּיילעס נעמט אַן אייזערנע דראָט און רודערט אויף די קוילן אין אייוועלע.

— איר מאַכט דאָס פּאַכמענעריש — זאָג איך.

מיר לאַכן הילכיק און עס דאַכט זיך מיר אַז עס לאַכט־מיט אַפילו דער קלאָון אויף דער וואַנט.

איך דערזע איצט די גוטמוטיקייט, דעם טרויער און די אָפנקייט פון זיין פּנים. ער דערמאָנט מיר אין די אוקראַיִנער פון די דרום־ראַיאָנען. כאָטש ער איז געבוירן געוואָרן נישט ווייט פון מאָסקווע, פילט מען מער אין אים די אוקראַיִנישע השפּעה ווו עס איז אַדורך זיין יוגנט.

די ווענט זענען באַהאָנגען פון אויבן ביז אַראָפּ מיט בילדער. זיי זענען אָן רעמען, כמעט פון איין גרויס. סיסטעמאַטיש, בילד לעבן בילד. די פאַרבן כּישופן. זיי זענען לויטער און פאַרמאָגן די שאַרפקייט פון איידלשטיינער נישט־געשליפענע וואָס ווערן באַלויכטן פון דער זון. איך חידוש זיך: כמעט אַלע בילדער זענען אַבסטראַקטע. ער האָט געמאַכט ראַדיקאַלע איבערבייטן אין זיין וועלט פון טעמעס: פון פיגוראַטיווער קונסט ביז אַבסטראַקטער. דאָס איז אָבער נאָר דער ערשטער איינדרוק ווייל פּיילעסעס נישט־פיגוראַ־טיווע מאָלעריי געפינט זיך אויף דער גרענעץ פון זיין יוגנט־מאָלעריי ווו אַלץ האָט געהאַט פאָרמען.

— איך האָב צו שפּעט זיך געכאַפּט אַז מען קען נישט דעריאָגן די יונג־צעהירזשעטע פערד וואָס לויפן איבער אַ פּוסט פעלד. איך האָב אין מיין עלטער גענומען נאָכלויפן דעם יונגן טאַבון... איך, אַן אַלט נישט־געשפּאַנט פערד... איך האָב אַזאַ בילד געזען ביים דניעפּר. עס האָט זיך אָפּגערופן אין מיר דאָס נישט־איינגעשטילטע יונגע בלוט... דאָס נישט־אויסגעלעבטע... שטעל איך זיך נישט אויס צו שפּאָט?...

איך האָב געפילט דעם טרויער זיינעם און נישט געוואָלט מיט אַ קלענסטן צייכן אַפילו געבן צו פאַרשטיין אַז זיינע ספקות האָבן אַ יסוד. איך האָב געוווסט, אַז מיין הסכמה וועט אים וויי־טאָן.

זיין ליידנשאַפט זענען אַלע ניואַנסן פון בלאָ, פון רויט און פון אַ ווייס וואָס איז געדעמפט מיט ראָזע טענער. זיין גרין איז באַנייענדיק און דאָס אַבסטראַקטע בילד זעט אויס ווי אַ בינטל פעלדבלומען וואָס איז פאַר־גרעסערט געוואָרן הונדערטפאַכיק דורך אַן אָפּטיש גלאָז; נישט דאָס גאַנצע בינטל — נאָר אַ פראַגמענט פון די בלומען. ער איז נאָענט צו דער נאַטור און דעפאָרמירט זי נישט, ער קאָנצענטרירט זיך אויף אירע דעטאַלן און מאַכט זיי בולטער, גרעסער און עס באַקומט זיך אַ פאַרבן־קאָמפּאָזיציע וואָס איז אויסדרוקספול, אָבער נישט שרייִק. די שיינקייט אַנטפּלעקט זיך ווען אַלע פאַרבן פון זיין געמעל קאָנצענטרירן זיך אין שוואַרצאַפּל פון צושויער. דאָס זענען נישט קיין פאַרטיקע לייוונטן, נאָר זיי פאַרענדיקן זיך ערשט דעמאָלט ווען מען באַטראַכט זיי. ער האָט אויף אַ מאַגישן אופן אַנטפּלעקט די נאַטור־שיינקייט וואָס עקזיסטירט, נישט פאַרטושנדיק זי און נישט זוכנדיק זי דורך אומנאַטירלעכע פאַרבן־מישונגען. פיילעס האָט געגומען דאָס עכטע, דאָס עקזיסטירנדיקע, דאָס לויטערע אַזוי ווי עס נעמט אַ בין דעם זאַפט פון בליִעכץ און פאַרוואַנדלט אים אין אַ דורכזעעוודיק גאָלדענעם האָניק.

איך האָב דערשפּירט אַז עמעצער איז אַריין אין דער אַטעליע מיט שטילע טריט. דער פאָרהאַנג האָט זיך אַ וויג געטאָן און לעבן מיר איז געשטאַנען אַ פרוי אין שוואַרצע קליידער מיט אַ ליכטיק פּנים, אַ בלייכס, די הענט צונויפגעלייגט ווי צו אַ תּפילה. זי האָט אויסגעזען ווי אַ מאָנאַכין פאַרן אַלטאַר. ערשט ווען זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר איר האַנט האָב איך געזען אויף איר אַ גרויסע זילבערנע קייט, אָנגעטאָן אויפן האַלדז.

— דאָס איז מיין פרוי. — האָט געזאָגט דער מאָלער.

ער האָט זיך צוריקגעצויגן אויף עטלעכע טריט, איבערגעבויגן איבער דעם אייזערנעם אייוועלע און באַטראַכט די טליִענדיקע קוילן.

די פרוי האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו מיר און נישט אָוועקנעמענדיק די הענט פון דער ברוסט באַטראַכט דאָס בילד וואָס איז געשטאַנען אויף די סטאַלוגעס; דאָס איז געווען אַ נישט־פאַרענדיקטע האַלב־אַבסטראַקטע

און האַלב־פיגוראַטיווע שפּיל פון פאַרבן וואָס האָט פאַרגעשטעלט אַ פישער־האַוון.

איך האָב געזען ווי אירע לאַנגע פינגער ציטערן און די ליפּן באַוועגן זיך. מיר האָט זיך געדאַכט אַז זי טוט תפילה און אָט באַלד וועט זי זיך אַראָפּלאָזן פאַר דעם בילד אויף די קני. עס איז מיר אויסגעקומען ווי זי וואָלט געשטאַנען פאַר אַן אַלטאַר.

— דאָס איז איר פרימאָרגן־באַזוך. מיין וווינונג געפינט זיך אויבן, מען גייט דורך די קאָרידאָר־שטיגן. עס איז אויפן ערשטן שטאָק. זי קומט יעדן מאָרגן תפילה־טאָן פאַר מיין בילד וואָס איך מאָל. חידושט זיך נישט, זי איז פרום, אָבערגלויבעריש אַזוי ווי עס זענען עס די פויערים־טעכטער פון די פאַרוואָרפענע דערפער אין די פירענייען.

בעת איינע פון מיינע באַזוכן אין פּיילעסעס אַטעליע האָב איך זיך באַגעגנט מיט דעם מאָלער קיקיון. איך האָב געוווּסט אַז ער איז געווען סוטינס אינטימסטער פריינד און אַז זיי שטאַמען ביידע פון ווייס־רוסלאַנד, פון דער זעלביקער געגנט און זענען כמעט אין איין צייט געקומען קיין פּאַריז. ער האָט מיך באַטראַכט מיט חשד. אפשר איז זיין בליק געווען אַן ענטפער אויף מיין אַנטוישונג ווייל אויף מיין פּנים איז בולט געווען דער חידוש וואָס איך זע פאַר זיך אַ מענטש מיט ראָזע בעקלעך, פולע, מיט אייבערשטע קליינע וואָנצעס, אָפּשטייענדיקע דיקע ליפּן, אַ נידעריקער, אַ געפּאַקטער. ער האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ טיפּישן ביסטראָ־באַזוכער, אַרום צוועלף אַזייגער, פאַר מיטאָג, וואָס איז געקומען נאָך זיין טעגלעכן „אַפּעראַטיף". קיקיון איז געווען געוווּנטש צו דעם חידוש און, זעט אויס, אַז דאָס האָט אים פאַרדראָסן און ער האָט מיר געשענקט אומפריינדלעכע בליקן.

ערשט ווען דער שמועס איז אַוועק וועגן קיִעוו, וועגן די מלחמה־יאָרן און איך האָב דערציילט וועגן מיין באַקאַנטשאַפט מיט די וועלדער פון אוקראַיִנע און וועגן מאַרש וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט פון דעם פּוסטאָמיטער וואַלד ביז די וועלדער פון אָליִעווסק, ביז ווייסרוסלאַנד, אַזש צו די פּאָליעסער וועלדער וואָס ציִען זיך אין די זומפּיקע געגנטן אַרום מינסק, האָט קיקיון

אַוועקגעלייגט די הענט אויף די אַרויסשטאַרנדיקע קני, דער חשד און די אומפּריינדלעכקייט איז פאַרגאַנגען. ער האָט איצט אַויסגעזען ווי אַ רונד שטיק אייז ביי אַ דאָרפישן ברונעם אין אַ זוניקן ערב־פרילינגדיקן טאָג...

אין זיין אַטעליע האָט ער זיך צערעדט. דאָס איז געווען אַ יידיש, געמישט מיט ווייסרוסישע ווערטער און מיט פראַנצויזישע זאַצן. ער איז אַרומגעגאַנגען אייליק פון איין ווינקל צום אַנדערן און געהאַלטן אין האַנט אַ קליינעם פרויען־פּאָרטרעט מיט אַ דעפאָרמירט פּנים אין אַ רייך־באַגילדטער ראַם.

— עס געפעלט אייך ?

און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער ווידער געפרעגט :

— איר ווייסט ווער עס האָט געמאָלן דאָס בילד ?

קיקיון האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט אויף מיין ענטפער. עס איז נישט בלויז געווען אַ וואַרטן, נאָר אַ מאָנונג, אַן אַרויסרוף און איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיין ענטפער איז פאַר אים וויכטיק און אַז פון דעם ענטפער מיינעם איז אָפּהענגיק אונדזער פריינדשאַפט.

— נו ? ווער איז דער מאָלער ?

לענגער קען איך נישט שווייגן. ער וועט דאָס נישט דולדן. ער וועט דאָס באַטראַכטן ווי פּחדנות.

— דאָס זעט אויס צו זיין אַ בילד פון חיים סוטין — האָב איך געזאָגט.

קיקיון איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פון פרייד.

— עס איז נישט אונטערגעשריבן. אָבער איך געדענק ווען ער האָט דאָס געמאָלן. איך האָב דאָס יענע וואָך געקויפט ביי אַ דאָקטער וואָס ליקווידירט זיין קאָלעקציע... האַ, סוטין ?... אָ, איר פאַרשטייט זיך אויף מאָלעריי...

ער האָט געשטעלט משקה. זיין אַטעליע איז גרויס, אָפּגעלאָזן, דאָס פענצטער פאַרהאָנגען מיט אַ דורכזעעוודיקער לייוונט, אַ פאַרפלעקטס פון רעגנס, מיט זשאַווער־טראָפּנס, ווי פאַרוויאַניעטע פעלדבלימלעך. אויף די ווענט — נאָך נישט פאַרענדיקטע בילדער. לענג־אויס די טרעפּ וואָס פירן צו אַן אינעווייניקסטער גאַלעריע, הענגען קיקיונס עקספּערימענטאַלע

בילדער, געקלעפּטע פון פאַרשיידענע שטיקלעך פּאַפּיר; קאָלירנקע, פּאַר־שטויבטע. אויף די טישן — סקולפּטורן פון אַ רויען ליים; צעפּלאַצטע, אָפּגעבראָכענע, אַנגעהויבענע, נישט־פאַרענדיקטע. דאָס זענען סימנים פון זיינע בלאָנדזשעניש. איצט זיצט קעגן איבער מיר אַ געזעטיקטער מענטש. ער באַטראַכט אָפּט זיין פּנים אין שפּיגל־שפּליטער וואָס איז צוגעפּעסטיקט צו דער טיר.

מיך האָט אָבער אינטערעסירט חיים סוטין, דער זון פון אַ ייִדישן שניידער פון ווייסרוסישן שטעטל סמילאָוויטש. איך האָב געהערט וועגן סוטינס ייִנגליאָרן און געוואָלט זיך שאַפן אַ פול בילד. די פאַרבן פון חיים סוטין האָבן מיך אויפגערודערט. איך האָב געשפּירט אַז דער טויזנט־יאָריקער דרימלנדיקער ווולקאַן פון קונסט ביי אונדזער פאָלק איז אויסגעבראָכן געוואָרן דורך דער אַנטפּלעקונג פון סוטינען.

ווי אַזוי האָבן חיים סוטינען געזען זיינע נאָענטע, די וואָס זענען געווען עדות פון זיין שטומען געראַנגל?

סמילאָוויטש. אַן אָרעמער שניידער, אַן איינגעדאַרטער, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אַ פאַרוואָקסן פּנים, לאַנגע הענט. ער שטייט ביים פּרעסטיש. די משפּחה העלפט־אַרויס דעם שניידער אין דער אַרבעט און צווישן זיי — דער יונגער חיים. דער פאָטער איז פאַרעקשנט, פאַרביסן, שווייגנדיק. ער זינגט נישט אויס די ניגונים פון בעל־שם־טוב, נישט די פריילעכע לידלעך פון די בדחנים. ער שפּייט אויפן פּרעסל און שטעלט עס אַוועק מיט רוגזה אויף די פויערישע געוואַנטן, די ברוינע, די האַריקע.

דער ערשטער פּראָטעסט פון דעם קליינעם חיים קעגן די קלעפּ פון פאָטער איז געווען די צייכענונג מיט האָלצקויל, וואָס מען נוצט צום פּרעס־אייזן, אַ צייכענונג אויף אַ שטיק פּאַקפּאַפּיר: צווויי ליכט, דער פאָטער ליגט אויף דער ערד אַ געשטאָרבענער און אין דער אָפענער טיר שטייט די מאַמע מיט פאַרבראָכענע הענט.

דאָס איז געווען זיין נקמה אין דעם בייזן טאַטן.

ער האָט געמוזט אויף אַ צייט אויסבאַהאַלטן זיך ביי אַ קרוב קעגן טאַטנס צאָרן.

נאָך שמחת־תורה האָט דער פאָטער אָראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פּנים

פול מיט צער און ביטערניש און עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אַנדער מענטש, אַ לעבנסלוסטיקער.

אין שניידערישן בית־מדרש האָט מען געטרונקען ביר פון אַ הילצערנעם פאַס, פאַרביסן מיט בולקע און מיט שטיקער הערינג. מען האָט געטראָגן די תורה איבער די געסלעך פון שטעטל און אויף אַ טיש, וואָס שניידער־געזעלן האָבן געהאַלטן אויף די אַקסל, האָט געטאַנצט חיים סוטינס פאָטער — דער בגילופונדיקער שניידער. ער איז געווען פריש געשוירן, די פּאָלעס פאַרשטעקט אין גאַרטל און פלינק, ווי אַ געניטער טענצער, האָט סוטינס פאָטער אויסגעטאַנצט דעם ווייסרוסישן האָפּאַק, דעם קאַזאַטשאָק און אַלערליי חסידישע טענץ. אַ המון איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם טיש וואָס האָט זיך דערהויבן ביז אַלעמענס אַקסל און אויפן טיש האָט ער אויסגעטאַנצט זיין טאַנץ, דער בייזער, דער פאַרביסענער און פאַרחושכטער שניידער־ייִד. פאַר אים האָט זיך געמיניעט דער באַרדאָפּלוש פונעם ספר־תורה־מענטעלע מיט די גאָלד־געהאָפטענע לייבן פון יהודה, און נאָך דעם טיש — א המון שניידערס, שוסטערס, גאַרבערס, דאָרפגייערס און קינדער מיט שמחת־תורה־פענדלעך...

אויף צו מאָרגנס איז דער שניידער ווידער אַריינגעפאַלן אין עצבות, כדי אויף ס׳ניי, אין אַ יאָר אַרום, אויסצוטאַנצן זיין אויסטערלישן טאַנץ.

— איז דער פאַמיליע־נאָמען קיקיון אַן אמתער? — האָב איך גע־פרעגט.

— איך האָב אים געירשנט פון פאָטער און דער פאָטער פון זיידן.

איך האָב אין דער רגע געטראַכט אַז אָפּט מאָל איז שוין אין נאָמען דאָ אַן אָנדייט וועגן גורל פון מענטש וואָס טראָגט אים, וואָרעם די אָרעמע פלאַנץ, וואָס איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן כדי צו שפּרייטן שאָטן פאַר יונה הנביא, דער קיקיון, איז אויך געוואָרן אַ באַגריף. מען זאָגט „קיקיון דיונה״. אָפּט מאָל לגנאי און אָפּט מאָל לשבח. לגנאי, ווייל דער אויפגעקומענער שאָטן איז אַ צו איילִיקער, אַ פּלוצעמדיקער און אַ נישט־שטאַנדהאַפטיקער. לשבח, ווייל ער האָט דאָך געשפּרייט שאָטן פאַר דעם נביא און געשיצט אים קעגן דער ברענענדיקער זון. ער האָט אים געגעבן דעם מיראַזש פון

אַ צעבליטן פּרדס און איז געווען אַ טרייסט פאַרן איינזאַמען אין דער וויסטעניש.

דער מענטש וואָס זיצט איצט פאַר מיר איז געווען דער „קיקיון דיונה״ פאַר דעם נביא פון דער מאָדערנער וועלט־מאָלעריי חיים סוטין, וועלכן דער ברויזנדיקער ים האָט אויסגעשפּיגן אין דער וויסטעניש וואָס שפּרייט זיך ביי דער סען, צופוסנס פון אייפל־טורעם. וואָרעם פאַר סוטינען און זיינע חברים איז די גרויסע שטאָט, דער וועלטצענטער פון קונסט, געווען אַ מידבר, ווו מען האָט געמוזט ראַנגלען זיך פאַרן ביסן ברויט.

— מיר זענען איין מאָל געזעסן אויפן מאָנפּאַרנאַס און געטראַכט ווו נעמט מען אויף אַ מיטאָג. עס איז פאַרבייגעגאַנגען איינער פון די באַרימטסטע יידישע שריפטשטעלערס וואָס איז מיט עטלעכע טעג צוריק געהאַט געקומען פון ניו־יאָרק. הויך, געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס. אַ שוואַרצער שניפּס. געפּרעסטע מאַנזשעטן. אויפן אָרעם אַ זילבערנער שטעקן. — סוטין? — האָט ער אַ טייטל געטאָן. חיים האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. דער שרייבער האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט און באַפעלעריש געזאָגט: „קום מאָרגן, ניין אין דער פרי אין גראַנדהאָטעל. כ׳על קויפן אַ בילד״. צומאָרגנס האָבן מיר געוואַרט אין האָטעל. ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ אַ פייערלעכער. בעת ער האָט אונדז דערזען איז זיין פּנים געוואָרן פאַרכמורעט. עס איז געווען אַ פּנים וואָס מען גרייט צו פאַר האָטעל־באַדינערס. סוטין האָט אַפּערגענומען פון אונטערן אָרעם אַ גרויס בילד. — פּאַקט אויף — האָט דער עלעגאַנטער הויכער מאַן באַפוילן. סוטין האָט אויפגעפּאַקט דאָס בילד און עס האָט זיך אַנטפּלעקט איינס פון זיינע וווּנדערלעכסטע בילדער — דער פּאָרטרעט פון אַן עלטערער פרוי. אַ דעפּאָרמירטע, אָבער מיט דער עשירות פון פאַרבן און מיט דער ווירטואָזיטעט וואָס האָט נישט געהאַט דאָס גלייכן אין אַלעם וואָס איך האָב ביז איצט געזען ביי סוטינען. — „איר ווילט אַז איך זאָל קויפן די מכשפה״? ער איז אַוועק, דער באַרימטער שרייבער, נישט זאָגנדיק אַפילו קיין גוטן טאָג. מיר זענען אַריין אין אַ ביסטראָ. סוטין האָט אַוועק־געשטעלט דאָס בילד לעבן זיך און איך האָב געזען ווי זיין האַנט קלעמט איין די רעם און איך האָב מורא געהאַט אַז ער וועט פאַר צאָרן צעברעכן די רעם און צערייסן דאָס בילד. איך בין אָבער איבערראַשט געוואָרן צו הערן זיין

געלעכטער. — זיי פאַרשטייען מיך נישט... כאַ־כאַ־כאַ... דעם בהמה־סוחרס זינדל פון אַ ייִדיש־פּויליש שטעטל פאַרשטייט נישט דעם ייִדישן שניידער־יונג פון ווייסרוסלאַנד... צוויי וועלטן און איין פאָלק... זיי וועלן מיך פאַר־היילִיקן... נאָר זיי... — סוטין האָט געטייטלט צו די פאַרבייגייער וועלכע מיר האָבן געזען דורך דער שויב פון דער ביסטראָ.

חיים סוטין איז נישט געקומען אומגעריכט פון דעם אָרעמען פלאַכלאַנד פון ייִדישן ווייסרוסלאַנד. ער איז דער מעכטיקער מאָלער צווישן באַדייטנדיקע ייִדישע קינסטלער וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אין זיין סביבה. ער איז די אָנזאַמלונג פון געניאַליטעט פון אַ ייִדישן דור.

איך האָב געקוקט אויף קיקוינס בילדער און געוואָלט וויסן דעם ענטפער אויף דער פראַגע וואָס האָט מיך באַאומרויִקט: איז קיקוין געבליבן דער שאָטן פון אַ נביא? איז זיין יצירה אַן עפּיגאָנישע? האָט סוטין אָוועקגענומען פון אים דעם פּרצוף? פאַר וואָס איז אַזוי שטיל אַרום דעם דאָזיקן מאָלער וואָס זיין וועלט איז די זעלביקע וואָס סוטינס, און דאָך אַן אַנדערע? איך זע די פאַרצווייפלטע זוכענישן אַוועקצוגיין פון אַלעם וואָס איז אים אייגן געווען. ער האָט מאָדעלירט אין ליים, געהאַקט אין שטיין, געשניטן פאַרביקע פּאַפּיר־לעך, געקלעפּט זיי און געוואָלט אויסקלעפּן אַן אַנדערע וועלט. איצט, אויף די עלטערע יאָרן, איז צוריקגעקומען צו אים די יונגשאַפט און ער פאַרטיפט זיין וועלט וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט און אויך פאַר חיים סוטין.

איך זע אים ווידער ביי דעם שפּיגל־שפּליטער. ער קוקט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט נאָך אַ מאָל דערזען זיין פּראָפיל און פאַרריכט דערביי דעם קאָלירִיקן קראַוואַט.

מאָלערס, וואָס קענען אים גוט, דערציילן, אַז אין די טעג ווען עס באַפאַלט אים אַ טרויער הלמאַי ער איז נישט מער ווי אַ קיקוין געוועזן צוקאָפּנס פון אַ נביא, מאָלט ער זיינע שענסטע בילדער. ער שרייבט זיי נישט אונטער און ווער עס קומט נאָר אין זיין אַטעליע באַפאַלט ער מיט פראַגעס: „ווער האָט געמאָלן דאָס דאָזיקע בילד? געפעלט עס אייך? פאַר וואָס ענטפערט איר נישט“? מען האָט מורא פאַר די פראַגעס. זיי זענען דראַענדיקע, מאָנענדיקע און בייזע אויב מען לויבט אים, מען באַוווּנדערט זיינע פאַרבן. — דאָס

איז דאָך אייער בילד. עס איז שיין. איינדרוקספּול — קאָכט ער זיך אויף און לויפט צום שפּיגעלע, פאַרריכט דעם קראַוואַט, גלייכט צו די שיטערע האָר צום האַלב־נאַקעטן שאַרבן און זאָגט אין געאייל: אַנטשולדיקט. איך האָב זיך ערשט איצט דערמאָנט אַז מען וואַרט אויף מיר. איך מוז אַוועק.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, נאָך מיין באַגעגעניש מיט פּיילעסן, בין איך געזעסן אין אַ קאַפע און געוואַרט אויפן מאָלער דאָברינסקי. „איר מוזט זען זיינע בילדער" — האָט מיר געזאָגט מאַנע קאַץ — איך האָב שוין אָפּגערעדט מיט דאָברינסקי, ער וועט באַלד קומען".

אַ נידעריקער מענטש אין גרויסע ברילן־גלעזער, אַ קיילעכיק פּנים, אָן אָדלערנאָז, געדיכטע, גרויע ברעמען, פאַרעקשנטע ליפּן ווי זיי וואָלטן בייז געמורמלט, איז געגאַנגען צווישן די טישלעך פון קאַפע „לאַ קופּאָל".

דאָס איז געווען די נאָכמיטאָג־שעה ווען די טעראַסע איז איבערגעפּולט מיט קאַפע־טרינקערס.

— מסיע דאָברינסקי! איר זענט דאָס דאָברינסקי? — האָב איך איבער־געפרעגט אין מאַמע־לשון.

ער האָט מיר געענטפערט אויף פראַנצויזיש, אַריבער צו רוסיש און דערנאָך, אין אַ גוטן אוקראַאינישן ייִדיש זיך אַנטשולדיקט הלמאי ער קען נישט ריידן קיין ייִדיש.

— ר׳ ייִד, גאָט איז מיט אייך, איר רעדט דאָך אַן עכטן זשיטאָמירער ייִדיש.

— אַזוי גאָר, דאָס איז אַ גוטער ייִדיש? פון וואַנען ווייסט איר אַז איך שטאָם פון זשיטאָמיר? עס איז טאַקע נישט וויט...

אַ גאַנצן וועג, אין אויטאָבוס, האָט ער געמאַכט פאַרצווייפלטע באַמיִונגען צו ריידן פראַנצויזיש און רוסיש, כאָטש לויט זיין גאַנצן מהות, לויטן פּנים, לויט די באַוועגונגען, האָב איך געהאַט פאַר זיך אַן אוקראַאינישן ייִד. דאָב־רינסקי איז לסוף בייגעקומען דעם שפּראַך־מכשול און אָנגעהויבן אומגע־שטערט ריידן ייִדיש.

מיט פינף און פערציק יאָר צוריק איז ער געקומען קיין פּאַריז. אַ מעצענאַט פון קיִעוו האָט אים געגעבן אויף הוצאות. ער איז אַרויס ערשט

פון דער ישיבה און אַריינגעפאַלן אין מאָנפּאַרנאַס. אַ יונגער קינסטלער, אַ סקולפּטאָר וואָס האָט זיך דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ מאָלער.

זיינע קאָלעגן, יינגערע פון אים, וואָס ער האָט זיי געהאָלפן, געלערנט, זענען געוואָרן וועלטבאַרימט.

— איר פאַרשטייט, עס איז אַ גורל־זאַך, טייל מאָל אַ צופאַל. אָפּט מאָל ווענדט עס זיך אין מאָלער אַליין. ער טרייבט פון זיך דעם וואָס וויל אים פליגל אָנטאָן. ער פאַריאָגט דעם שליח פון די הימלען וואָס קומט צו אים מיט אַ קרוין פון באַרימטקייט. עס איז אַ בלינדער גורל. דו ווייסט נישט ווער עס איז דיין משיח. אַ מאָל קומט דער משיח אין געשטאַלט פון אַ פרוי, אַ מאָל איז עס אַ קאָלעקציאָנער, אַן איינשטעלער, טייל מאָל איז עס אַ פריינד, אַ קונסט־קריטיקער אָדער אַ שרייבער...

ער רעדט לאַנג, חזרט איבער די זאַצן און פירט די פינגער איבערן פּנים ווי ער וואָלט געוואָלט אַריינגעמען זיין אַלטע גרויע באָרד און מיט חידוש אַנטפּלעקט ער אַז ער איז אויסגעראַזירט ווי אַ גלח און אַז עס איז שוין פינף און פערציק יאָר ווי ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס ישיבה־בחורישע בערדל...

— עס וועט נאָך קומען מיין שעה... נאָר איין גרעסערע אויסשטעלונג... מען האָט שוין פאַרויסגעזאָגט מיט יאָרן צוריק מיין אַנטפּלעקונג... זי מוז קומען...

דער אויטאָבוס לויפט איבער אַ פאָרשטאָט פון פּאַריז. אַ פעלד געפּאַנגען צווישן נישט־פאַרענדיקטע געביידעס. פּלוצעם וואַקסן אויס ווינהייזער וואָס ציִען זיך הונדערטער מעטער די לענג. ביי אַן אַריינגאַנג שפּילן זיך קינדער. דאָברינסקי שטעלט זיך אָפּ, פאַרריכט די ברילן און נישט אויפהערנדיק צו ריידן, גלעט ער דאָס קעפּל פון אַ בלאָנד מיידעלע וואָס פירט אַ וועגעלע מיט ליכטיקן זאַמד.

— עס איז דעם שכנס קינד... אַ קלוג מיידעלע... איך האָב געמאָלן דאָס קינד...

ער וואַרפט אַריין די ווערטער אין מיט פון זיין גרויסן מאָנאָלאָג וועגן גורל פון מאָלער, וועגן קאָלעקציאָנערן, וועגן גאַלעריע־אייגנטימער, וועגן

זיין משיח וואָס פאַרזוימט און וועגן די אויגן וואָס דינען שוין נישט ווי אַ מאָל. — איך זע, נאָר ווען איך דערנענטער זיך צום לייוונט האָב איך שוועריקייטן...

די פרוי איז גראָד נישטאָ אין שטוב. איך זע די אומאָרדענונג אין דעם ענגן צימער. לייוונטן פאַרשטויבטע, אָנגעהויבענע און נישט־פאַרענדיקטע. בראָכשטיקער פון איינגעטריקנט ליים, אַלטע צייטונגען, צעעפנטע, פאַר־פלעקטע מיט אייל־פאַרבן, געפּלאַצטע קריגן אין וועלכע עס וויאַנען פאַרדאַרטע פענדזלען, לייוונטן אויסגעקערעוועטע מיטן געמעל צו דער וואַנט אַזוי ווי אין שטיבער אָבלדיקע — שפּיגלען פאַרהאַנגענע מיט טיכער.

— איר האָט געהערט פון אַרקאַדי קרעמער? זיין טאָכטער איז מיין פרוי. זי שטאַמט פון ווילנע. איך בין אַהין געקומען ווי אַן אויפגייענדיקער שטערן פון מאָנפּאַרנאַס... און איצט? מען האָט מיך פאַרגעסן... ניין, דער שטערן וועט אַ ליכטיק טאָן... מען האָט נאָך נישט פאַרגעסן מיין נאָמען...

ער איז געוואָרן אַ ווײַלע שטיל, צוגעבויגן זיך צו מיר און אַריינגע־שעפּטשעט מיט אַ הייסן אָטעם אין מיין אויער:

— איך האָב מורא, אַז עס וועט קומען צו שפּעט...

— איך וויל זען אייערע בילדער — זאָג איך.

— עס איז נאָך צייט. איך מוז ריידן. אַזאַ איינזאַמקייט. אַז איר וועט זען די בילדער וועט איר דאָך אַוועקגיין...

זיין יידיש האָט איצט אַלע חנען פון די יידן וואָס האָבן באַוווינט די שטעטלעך ביים דניעפּר. איך קוק אויף די בילדער. פּאָרטרעטן פון קינדער. ער האָט זיי געמאָלן אין אַ יתומים־הויז, גלייך נאָך דער מלחמה. מען האָט די קינדער געבראַכט פון פּוילן, פון וואָלין, פון ליטע. ער האָט אַוועקגע־שאָנקען זיין ליבשאַפט די דאָזיקע קינדער און זיי אַוועקגעגעבן זיין טאַלאַנט און זיין נשמה.

דאָברינסקי איז געווען תיכף אין זיין אָנהייב באַוואַטאַריש און פאַרויס־געלאָפן די צייט. ער איז אָנגעקומען צו פרי צום מאָדערניזם. דאָס איז תמיד די טראַגעדיע פון די ערשטע. ער איז נישט מער געווען ווי איינער וואָס בלאָנדזשעט צו דעם נייעם האָריזאָנט. דאָס זענען אָבער געווען פּוסטריט און אַנדערע זענען אַוועק אויף דעם וועג און דעם וועג אויסגעטראָטן.

ער האָט געזען ווי זיי שפּאַנען צו דעם נייעם האָריזאָנט און האָט זיי נאָכגעקוקט מיט ליבשאַפֿט, מיט פֿרייד, דערנאָך מיט אומרו און איצט, — אויף די עלטערע יאָרן — מיט טרויער.

אַ גאָט־געבענטשטער פּאָרטרעטיסט. ער צערטלט נישט די פֿאַרבן, ער איידלט זיי נישט. זיי זענען ווי געצוימטע פֿון דער אוקראַיִנישער ערד; רוי־ליימיקע, ציגלדיקע ווי געברענט פֿון די שטאַרקע פֿייערן און טרויעריקע, ווי די אוקראַיִנישע שליאַכן אין זונפֿאַרגאַנג.

טייל מאָל דאַכט זיך, בעת מען קוקט אויף זיינס אַ לייוונט, אַז ער פֿאַרמאָגט נאָר איין און איינציקן פּענדזל און מיט אים מאָלט ער אין איין אָטעם דעם וואַרעמען ברוין און דעם פֿאַרשאָטנטן גרוי. ער מישט מיט זיינע פֿאַרבן נישט אויף דער פּאַלעטע, נאָר זיי מישן זיך אויפֿן פּענדזל, אַליין פֿון זיך. זיינע ליניעס זענען האַסטיקע ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף, ווייל זיי גיסן זיך צונויף מיט דעם לייוונט. זיי זענען אין זייער האַסטיקייט תמיד אויפֿן אָרט. אין דעם פּילט מען זיין געצוימטקייט, דיסציפּלין און אין דער זעלביקער צייט — סטיכיע.

זיינע לאַנדשאַפֿטן זענען טיפֿע. ער האָט נישט ליב דאָס פּלאַכלאַנד נאָר די געבערגלטע פֿעלדער. מען שפּירט אין זיין מאָלן נישט נאָר אומרו, נאָר ממש נערוועזיטעט. ער דערמאָנט אין אַ מענטש וואָס איז אין מיטן וועג אַראָפּ פֿון וואָגן און געלאָזט דעם באַלעגאָלע אַוועקפֿאָרן. ער איז אַראָפּ פֿון וואָגן ווייל עס איז אים געפֿעלן געוואָרן די געגנט, די צעצווייגטע ביימער, דער הימל. ער וויל דאַווענען מנחה אויף די אָפֿענע ערב־נאַכטיקע פֿעלדער. וואָס איז די איילעניש? זיי וועלן דאָך ווייט נישט פֿאַרפֿאָרן...

איצט לויפֿט ער איינער אַליין אין פֿאַרנאַכט פֿון זיין לעבן און וויל אָניאָגן יענעם נעלם־געוואָרענעם וואָגן וואָס איז שוין אויף יענער זייט האָריזאָנט.

די באַגעגענישן מיט דעם עלטערן דור מאָלערס האָט מיך אויפֿגע־רודערט. איך האָב דאָס געשפּירט ווען כ׳בין געשטאַנען פֿאַר מיינע לייוונטן. שעהען לאַנגע האָב איך געהאַלטן דעם פּענדזל גרייט צו באַרירן דאָס לייוונט און זיך נישט דערוועגט.

איך בין געווען גליקלעך אַז פּאַביאַן איז געקומען און מיך אויסגעלייזט

פון דער אָנמאַכט. זי האָט איצט פרייע נאָכמיטאָגן און פרייע אָוונטן. וואָס איז געשען מיט פיליפּן? — האָב איך ביי איר געוואָלט פרעגן. ניין, עס איז מיר אַלץ איינס צי פיליפּ איז נאָך אַלץ איר געליבטער אָדער זיי האָבן זיך צעקריגט, כדי אין אַ וואָך־צוויי אַרום ווידער זיך איבערבעטן. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאָרן מיט פאַביאַנען קיין ישראל. איך האָב שוין אין מיין דמיון געזען זי אין דזשיפּ וואָס לויפט דרומדיק פון באר־שבע און לאָזט נאָך זיך וואָלקנס שטויב. איר קאָפּ איז פאַרהילט אין אַ ווייסן זילבער־געהאַפּטענעם בעדויִנישן טוך מיט גאָלדענע פרענדז. מיר זיצן אין אַ געצעלט און טרינקען אַ געדיכטע שוואַרצע קאַווע. פאַביאַן וואַרט אויף מיר אַז איך זאָל צוריקקומען פון פעלד. זי שטייט ביי דער שוועל פון נידעריקן צריף און קוקט אין מידבר אַריין. איך גיי אַ מידער, אַ פאַרשטויבטער צו די וואַסערקראַנען וואָס זענען פאַרשטעלט מיט אַ פאַראַוואַן פון פאַלמע־בלעטער און לאָז קילע שטראָמען. אין די נעכט הערן מיר דאָס געשריי פון שאַקאַלן און דאָס איבעררופן זיך פון נאַכטסאָוועס. אין דער שעפּסנשטאַל איז שטיל, אַזוי שטיל אַז מען קען הערן ווי אין די זאַמדן שאַרט זיך די שוואַרצע שלאַנג און שפּיגלט אויף איר רוקן דעם מילכוועג. צומאָרגנס וועלן מיר דערקענען אירע צייכנס, זיי זעען אויס ווי די פּעטליעס...

עס איז מיר גוט ווייל איך הער מער נישט דאָס וואָלדגערויש, נישט די לויערנדיקע טריט צווישן די נידעריקע קוסטעס, נישט דאָס געפּליוך פון די זומפּן אין וועלכע עס טאָפּטשען עטלעכע צענדליק געיאָגטע מענטשן. איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון אַ זומפּיקער געפּענקעניש און האָב דערגרייכט דעם מידבר. כ׳בין אַזוי ווי אַ הירש וואָס האָט אַרויסגעטראָגן אויף זיינע הערנער פון ברענענדיקן וואַלד אַ יונגע פאַרווונדעטע הירשין. זי רוט איצט לעבן מיר און ביים לבנה־שיין קוק איך זיך איין אין איר. איך זע איר לאַנגן האַלדז און פיל איר אָטעם. די הירשין איז פאַביאַן.

אין די דאָזיקע טעג האָב איך נישט געטראַכט פון מאַריען. זי האָט מיך עטלעכע מאָל באַזוכט און דערנאָך האָב איך מער נישט געהאַט פון איר קיין ידיעות. איך האָב פאַרשטאַנען אַז זי איז אָפּגעשלאָסן מיט זיך אַליין און מיט די מחשבות וועגן קינד וואָס זי וועט געבוירן. מאַריע איז געזעטיקט

געוואָרן. איר אומרו איז איינגעשטילט. איך האָב איר געגעבן דאָס גליק פון אַ טאָפּלט לעבן און זי דאַרף דאָס נישט מער. זי וויל נישט אַרויסרופן דעם מאַנס איפּערזוכט. איין מאָל איז ער געקומען צו מיר מיט טענות הלמאי איך האָב פאַרגעסן אָן זיין הויז. עס האָט אים געשיקט מאַריע. איך האָב געשמייכלט מיט סאַרקאַזם און פאַרשטאַנען אַז איך דאַרף אויסמיידן מאַריעס הויז. איך האָב געטראַכט וועגן באַרגן ערגעץ געלט און איר אַלץ צוריקגעבן. איך האָב אַפילו נישט געוווּסט ווער עס איז דער הויז־אייגנטימער פון מיין סטודיע און וויפל איך דאַרף צאָלן. די קאָנסיערזשקע האָט מיר געזאָגט אַז עס איז שוין באַצאָלט, אַז די מאַדאַם שיקט רעגולער דאָס חודש־געלט און אַז זי צאָלט אַלע רעכענונגען פון גאַז און עלעקטרע. דאָך, אין איינעם פון די טעג, בין איך אַוועק צו מאַריען. זי האָט מיך אויפגענומען אין איר שלאָפצימער, ווייל זינט עטלעכע טעג פילט זי זיך נישט גוט. אַן אויסגעאיידלט פנים מיט בלייכע פלעקן אויפן שטערן, פולע ליפּן, פייכטע, אַ האַלב־אָפן מויל און לאַנגע ברעמען, צוגעראַזירטע און געפאַרבטע אויף שוואַרץ, פאַרענדיקטע שאַרף ווי אַ נאָדלשפּיץ. זי האָט געקוקט אויף מיר ווי זי וואָלט וועלן אַרויסרופן צו זיך רחמנות און מיטלייד. ערשט ווען איך האָב אָנגעהויבן ריידן האָב איך דערקענט איר איפּערזוכט און פאַרדאַכט.

— איך באַדויער נישט — האָט מאַריע געזאָגט און געוויזן מיט דער האַנט איר בויך. — איך וויל דאָס. אויך ער וויל דאָס. ער ווייסט אַלץ... די דייטשן האָבן אים אָפּערירט אין לאַגער... ער איז נישט פעיִק מער צו זיין אַ מאַן... ער ווייסט אַז דאָס קינד איז פון דיר. אַלע געלטער פאַר דער סטודיע צאָלט ער רעגולער. איך האָב אים נישט פאַרראָטן. ער האָט דאָס געוואָלט. גוט וואָס דו ביסט געקומען קיין פּאַריז אין דער ריכטיקער צייט. איך מוז האָבן אַ קינד. שרעק זיך נישט פאַר קלאָד... עס איז אָבער נישט גוט אַז זאָלסט קומען אָפט... דאָס קען ער נישט דולדן...

אירע רייד זענען געווען ניכטערע און זיי האָבן זיך איינגעשניטן אין מיר טיף ביזן ביין, נאָר איך האָב נישט געשפּירט קיין ווייטיק. איך האָב געוווּסט אַז דעם ווייטיק וועל איך דערשפּירן שפּעטער און איך האָב זיך פאַר דעם געשראָקן.

— דו זאָלסט קומען ערשט נאָכן געבורט, אויף דער שימחה. קלאָד

וויל אַז דו זאָלסט אַוועקפאָרן גלייך נאָך דעם פון פּאַריז. ער וועט דיר געבן געלט וויפל דו וועסט דאַרפן אויף דער נסיעה. פּאַריז איז נישט פאַר דיר. דו ביסט אַ ישׂראלדיקער און וועסט דאָך נישט איינטווישן דיין לאַנד אויף פּאַריז... אויב דו וועסט נישט אַוועקפאָרן וועט קלאָד מער נישט וויינען מיט מיר. דו וועסט דאָס מוזן טאָן צוליב מיר.

איך האָב זיך צוריקגעצויגן ביז צו דער טיר. מיין פּנים האָט געפלאַמט און אַ ווילדער כעס איז אויפגעשפּרונגען אין מיר. איך האָב געוואָלט שרייען ווייל דער וויטיק וואָס איך האָב אים מיט רגעס צוריק נישט געשפּירט, נאָר געאַנט אַז ער וועט קומען, האָט דערוואַכט.

איך בין האַסטיק געגאַנגען איבער דעם גרויסן אויפנעם־צימער און געהערט איר געכליפּ. דאָס איז געווען אַן אויפגעצוווּנגען וויינען. אויף די טרעפּ האָב איך זיך אָנגעשטויסן מיט קלאָדן.

— וואָס פּאַרא געאייל? וולאַדימיר!

קלאָד האָט נישט געוווּסט צי ער זאָל בלייבן מיט מיר אָדער לויפן אין ווייבס שלאָפצימער. איך האָב פאַרשטאַנען זיין אומרו.

— עס איז גאָרנישט געשען. מאַריע איז אין בעט. איך אייל זיך.

ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים אָרעם.

— איך מוז מיט דיר עפּעס ריידן. אפשר קענען מיר דאָס טאָן איצט? לאָמיר אַריין אין אַ קאַפע.

טראָפּנס שווייס קייקלען זיך פון שטערן און ערווישט זיי מיט אַ טיכעלע.

— קלאָד! ווי נאָר מאַריע וועט האָבן דאָס קינד פאַרלאָז איך פּאַריז! איך פאָר צוריק קיין ישׂראל!

ער האָט געלאַכט היסטעריש, געקלאַפּט מיר איבער דער פּלייצע.

— איין רגע, וואָס איז דאָס לויפעניש? — ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט און כ׳בין אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט מיך געלאָזט אין גרויסן צימער אויף עטלעכע רגעס אַליין און האַסטיק געעפנט די טיר פון שלאָפצימער. איך בין געזעסן אין מאַנטל, געקוקט אויף דעם מאַטן גלאָז פון דער אויסגעלאָ־שענער טעלעוויזיע, אויף די קרישטאָלענע מלאָכימלעך, וואָס פּלאָנטערן זיך אַרום אין צווייגלעך גלעזערנע. פון מאַריעס צימער זענען דערגאַנגען צו מיר רייד.

מיינע געלע בלומען אויף דעם בילד וועלקן, די פּייזאַזשן וואַרפן־אָן אויף מיר אַ פּחד.

קלאָד טראָגט מיר אַנטקעגן אַ שמייכל. ער לאַכט צו מיר נאָר מיטן מויל און די שלייפקנייטשן זענען צונויפגעצויגן, די ברעמען — אויפגעהויבן ווי בעת אַן איבערשרעק.

— אַן אָפּעראַטיף? אפשר גוטן ליקער? אָ, איך האָב עפּעס פאַר אייך... כאַ־כאַ־כאַ... עס איז אַ ליקער... עפּעס אַזעלכס...

ער איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן נידעריקן בופעט און געקלימפּערט מיט די פלעשער. איך האָב אָבסערווירט יעדן קער זיינעם און געזען ווי ער מיידט אויס צו אַנטפּלעקן פאַר מיר זיין פּנים. אַפילו בעת מיר האָבן זיך אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזער, האָט ער שטאַר געקוקט אויף דער פאַר־טונקלטער טעלעוויזיע, דערנאָך אויף דעם זייגער. זיינע פינגער האָבן זיך ריטמיש באַוועגט ווי ער וואָלט באַרירט קלאַווישן פון אַ פּיאַנאָ און מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך הער אַ ניגון.

— איר זענט לאַנג נישט געווען ביי אונדז. מאַריע האָט אייך אויפגעהערט צו באַזוכן. איר פאַרשטייט דאָך אַז אַלץ וואָס עס איז געווען איז פאַרענדיקט. מאַריע האָט עס אייך נישט געקענט אפשר זאָגן אַזוי אָפן ווי זי טראַכט. הערט אויף אונדז צו באַאומרויקן. מיר וועלן זיך פונאַנדערגיין ווי פריינד כדי מער זיך נישט צו באַגעגענען...

די טיר פון מאַריעס צימער האָט זיך פּלוצעם געעפנט און אויף דער שוועל איז געשטאַנען מאַריע אין שלאָפראָק.

מיינע רעשיק־געלע בלומען פון בילד האָבן מיך געמאַכט אויפגרוילן און איך האָב פיזיש אָפּגעפילט דאָס געשריי פון די פאַרבן.

— איך וויל דיך מער נישט זען — האָט מאַריע געזאָגט.

דאָס זענען געווען שטילע רייד, געווענדטע צו מיר, און איידער איך האָב נאָך באַוויזן אַ טריט צו טאָן איז זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אַן אָפּ־שטויסנדיק געוויין וואָס איך האָב שוין פון פריער געקענט.

— קלאָד... פאַר וואָס האָסטו מיך צוגערעדט צו דעם... — זי האָט מיט דער האַנטפלאַך באַרירט איר בויך, דאָרט ווו עס האָט געצאַפּלט אַ ניי לעבן. — קלאָד, פאַרוואָ־אָ־אָ־ס?

מאַריע האָט איצט געוויינט און אין מיטן געוויין האָבן זיך שאַרף אויס־געטיילט אירע רייד:

— וואָלאַדימיר, האָסט מיך גענאַרט... איך בין נישט געווען די איינציקע ביי דיר... דו האָסט עמעצן... דאָס איז געשען אין דער זעלבער צייט... פאַר וואָס האָסטו געפירט אַ טאָפּלשפּיל?... דו האָסט אויסבאַהאַלטן פאַר מיר. איצט קומסטו אין מיין שטוב אַריין... דאָס קינד וועט האָבן אַ פאָטער וואָס האָט מיך גענאַרט... איך האָב מורא אַז איך וועל שוין קיין מאָל נישט קענען באַפרייען זיך פון דיר... קלאָד. פאַר וואָס האָסטו מיך נישט פאַרטריבן פון דיין הויז, קלאָד?

איך האָב אויפגעפּראַלט די טיר פון קאָרידאָר און אָנגעהויבן צו גיין גיך.

— אַנטלויף נישט ווי אַ פּחדן. — האָט מיר נאָכגעשריגן מאַריע.

אין טויער האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. קלאָד איז האַסטיק צו מיר צוגעגאַנגען, אַרויסגענומען פון זיין בוזעם אַ פּאָרטפעל און געשטופּט מיר אין די הענט אַריין אַ פּעקל באַנקנאָטן.

— נעם דאָס און פאָר אַוועק. נאָך היינט. דאָס איז אויף דער נסיעה. די סטודיע מוזט איר באַפרייען מאָרגן. אויב עס איז ווינציק געלט נאָט אייך נאָך...

איך בין געשטאַנען אַ גלייכגילטיקער מיט דעם שטויס פּאַפּירגעלט אין די הענט.

— סאַוואַ, מסיע וואָלאַדימיר? — ער האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן, לויט זיין שטייגער, איבער מיין פּלייצע און דאָס מויל האָט זיך צעקרימט פון אַ שמייכל... סאַוואַ?

דאָס ליכט פון טאָג איז געפאַלן אויף די גרויע דעכער. איך האָב געוואַרט אַז עס זאָלן זיך באַווייזן די ערשטע פאַרטאָגיקע טויבן לעבן די קוימענס. דאָס איז מיין לעצטער בליק פון דעם גרויסן סטודיאָ־פענצטער.

אַרום מיטאָגצייט בין איך אַוועק מיט מיינע זאַכן און אַוועקגעגעבן דעם שליסל דער קאָנסיערזשקע. איך האָב נאָר מיטגענומען מיט זיך מיין וואַליזע און די בילדער; אַלדאָס איבעריקע וואָס מאַריע האָט געהאַט איינ־

געקויפט; דאָס מאַלברעט, קיכגעשיר — דאָס האָב איך געלאָזן. איך האָב גענומען אַ טאַקסי און געפֿאָרן צום קליינעם האָטעל ווו איך בין איינגעשטאַנען בעת איך בין געקומען אין פּאַריז.

אויפֿן וועג צום „לאַ קופּאָל" האָב איך זיך אָנגעשטויסן מיט מאַנע קאַץ. ער האָט מיך באַטראַכט פֿאַרשעריש. מיר האָבן געטרונקען קאַפֿע און דער זקן האָט געוואַרט, אַז איך זאָל אויפֿהערן צו שווייגן. די טעראַסע איז אין דער שעה באַזעצט געווען מיט אַ טומלדיק יונגוואַרג: בערדלדיקע אין וועלוועטענע בלוזעס, מיידלעך אין שוואַרצע סוועטערס מיט גרויסע בייטלען, אָנגעהאָנגענע אויף די אַקסל. די געדיכטע שוואַרצע פֿאַרב אַרום די אויגן, אַרום די ברעמען, פֿאַנגען דיין בליק. די ווייסלען זייערע גלאַנצן פֿון דעם שוואַרץ, נאָר די ליפּן זענען בלייך, מאַט, פֿאַרלאָשן און די האָר צעשויבערט.

דער אַלטיטשקער מאַנע קאַץ האָט מיך נישט געפֿרעגט פֿאַר וואָס איך בין אַוועק פֿון דער סטודיע. און אַז ער האָט זיך דערוווּסט פֿון מיר אַז איך בין ווידער אין אַ האָטעלעכל, אין אַ טונקל צימערל, האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז עפּעס איז געשען צווישן מיר און מאַריע.

— קענסט אַרבעטן אין מיין אַטעליע. — האָט ער שטיל געזאָגט. — יעדן טאָג אין די פֿרימאָרגן־שעהען.

איך האָב אין יענע טעג באַקענט זיך מיט דעם מאָלער אַרטור קאָלניק. קליינע, ציכטיקע צוויי צימערלעך נישט ווייט פֿון מאָנפּאַרנאַס. אַ בלאָנדע פֿרוי מיט אַ שמייכלענדיק פּנים, האָט מיר געעפֿנט די טיר.

אַ הויכער מענטש אין די שפּעטע זעכציקער מיט אַ פּנים פֿון אַ פּוילישן פּאַטריאַרך. גרויע, קורצע וואָנצעס, געדיכטע ברעמען. מיר דוכט זיך אַז ער באַוועגט זיך אין אַ האַרבסטיקער לאַנדשאַפֿט. אפֿשר איז עס נאָך נישט דער פֿולער האַרבסט, נאָר בלויז דער שפּעטזומער? די צייט פֿון איינזאַמלען דאָס גערעטעניש אין שייער.

פֿון דעם שפּעטזומער און דעם פֿריהאַרבסט האָט דער דאָזיקער מאָלער גענומען זיינע פֿאַרבן. זיי זענען שטילע, געאיידלטע. עס איז דאָ אין זיינע בילדער דער בלאָ פֿון פֿאַרנאַכטיקע הימלען — אַזאַ בלאָ וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די שויבן צווישן טאָג און נאַכט. דער גרין איז פֿון מאַכיקע שינדל־

דעכער פון זיינע זכרונות, און דער געל — פון פּאַרוויאַנעטע פעלדער, דאָס רויט — פון שׂמחת־תורה־עפּל, דאָס זילבער־גרוי פון אַלטע ווערבעס ביי טייכן און פון טאָפּאָלבלעטער ערב זייער פאַלן.

מיט די פּאַרבן האָט אַרטור קאָלניק באַשאַפן זיין וועלט. זי איז פול מיט קינדער־געשטאַלטן. מען שפּירט זיין ליבשאַפט צום ייִדישן קינד פון מיזרח־אייראָפּע. הימל־ריינע תמימות, לויטערקייט פון די מאַנדלאויגן, לעבנספריייד און אַ דערוואַקסענער ערנסט געמישט מיט פּחד. מען דערקענט אין זיינע בילדער פון קינדער די השפּעה פון שלום־עליכמס קינדער־דערציילונגען. פון מענדעלע מוכר ספרים האָט קאָלניק איבערגענומען דעם גראָטעסק און דאָס פּאַרבאָרגענע אויסלאַכן מיט טרערן „די קליינע מענטשעלעך״, די „סענדערלעך״, וואָס דרייען זיך אַרום אויף גאָטס וועלט ווי איבעריקע.

אַפילו אונדזערע ווייטע אָבות קומען אַרויס ווי פּשוטע, קליינשטעטלדיקע ייִדן, היימישע בטלנים, וואָס מען האָט זיי אָקערשט געטראָפן אויף יאַרידים צווישן גוייִשע פּורמאַנקעס.

קאָלניק האָט די חומש־געשטאַלטן פּאַרערדישט. נאָר אין „עקדת יצחק״ זעען מיר די מאַיעסטעטישע געשטאַלט פון אברהם; הויך, שטאָלץ, מיטן פּנים צו די הימלען. לעבן אים שפּילט זיך אַ חדר־ייִנגל מיט אַ ווייס ציגעלע. דער אויפגעהויבענער חלף איז ווי צעריסן פון אַ זיגזאַגישן רויך. עס טיילט זיך אויס ווי אַן אָנזאָג פון פרידן און פון שלווה די ווייטקייט פון ארבע כּנפות.

אַלע איבעריקע געשטאַלטן פון קאָלניקס פּערסאָנאַזשן זענען נידעריקע, אָנגעפּעלצטע, מיט שאַליקעס אויף די העלדזער, באַגאַרטלטע. ווידער אַן אויסנעם — דאָס איז ס׳בילד פון דער באָבע מיטן אייניקל; הויך, עטוואָס געבויגן, אַן אומגעווינטלעכע גוטסקייט אין פּנים און אין דער זעלביקער צייט פּאַטריאַרכאַלישקייט פון דער ייִדישער באָבע אין טערקישן רויטן שאַל. דאָס איז אַ מירעלע אָפּרת אין דער מאָלעריי.

איך באַטראַכט לאַנג דאָס בילד פון די „פּורים־שפּילער״. אַ ייִנגל אין אַ רויטן טוך און מיט אַ גרינעם גרעגער. מען ווערט געריירט נישט נאָר פון אייגענע זכרונות, נאָר פון דער זעלטענער קאָמפּאָזיציאָנעלער שיינקייט.ביידע איבערלעבענישן גייען צוזאַמען.

אַן אומגעווינטלעכע ליבשאַפט צום כּלי־זמר, אַפילו די מלאכים, וואָס

חלומען זיך דעם מאָלער, זענען כלי־זמרים מיט ווייסע פליגל וואָס שוועבן איבערן ייִדישן שטעטל.

דער דאָרפס־כלי־זמר, אַ געל פּנים. קליינוווקסיק. פּויערישע קליידער וואָס ווייזן אַראָפּ פון אים. שיין איז דאָס בילד „שׂמחת־תּורה״. דאָס ייִנגעלע מיטן פאָן און רויטן עפּל. די מאַמע שטריקט אַ זאָק פון רויטן וואָל. דער הינטערגרונט איז אַ מאַט־גרינער מיט ברוינע טענער.

קינדערשער הומאָר איז פאַראַן אין בילד „אסתּר המלכּה״. אַ מיידעלע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון פּנימל די פּורים־מאַסקע. זי שטייט לעבן אַ ליכטיק־רויטן פאָרהאַנג. איר ווייסער שירץ העלט. אין די אויגן — טרויער הלמאי דער יום־טוב פאַרגייט און עס ווערט אויס שפּיל. זי וויל זיך נישט שיידן מיט דער פּאַפּירענער קרוין, עס איז דער צייכן פון מלכות וואָס זי האָט ערשט געטראָגן.

„כלי־זמרים פון אַ שטעטל״ — דאָס איז אַ בילד וואָס איז אַוודאי געמאָלן אין די טרויערטעג פון קינסטלער. עס איז אַ שפּיל אויף חורבות. מען זעט נישט די חורבות נאָר מען דערקענט זיי אין די פּנימער פון די כלי־זמרים. די סטרונעס ווערן דורך זיי נישט באַרירט און אַ וועלט הערט זיך אײַן ווי זיי ווײַנען פון זיך אַליין. דער גרין פון בילד איז נישט קיין גרין פון וועלקונג, פון האַרבסט — עס איז אַ גרין פון פעלדער וואָס זענען צעטראָטן געוואָרן.

צום זעלביקן ציקל געהערט אויך דאָס בילד „דער באָס״. אַ גרין פּנים פון באַסשפּילער. צעריסענע הימלען. מען פילט דורך די פאַרבן ווי עס טראָגט זיך אַ באַסגעברום. גרינלעכע פלעקן וואָס שוידערן אויף, אַזוי ווי דער גרינער פיבער. דאָס איז אַ וועלט ווו עס דערהייבט זיך איבער איר דער שאָטן פון אַ באַס. אַ וועלט פון טרויער און געוויין.

מיר זענען געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט אַריין און עס האָט אונדז אַרומ־גערינגלט אַ וועלט וואָס איז שוין פאַרגאַנגען. זי לעבט איצט אין זכרון און אפשר דערפאַר איז זי אייביק און אומפאַרענדערלעך און דערמיט אומ־שטערבלעך. די דערמאָנונג קומט אָבער נישט נאָר דורך בילד נאָר אויך דורך אַ ניגון. איך וויל אים איצט אַרויסרופן און עס איז נישט אַזוי לייכט,

וואָרעם איך דאַרף צוריקגיין מיט מיין זכרון צו די ערשטע טריט וואָס איך האָב געשטעלט אין דעם קליינעם ייִדישן שטעטעלע ערגעץ ביי פּויזן. אַ מאַרק, אויסברוקירט מיט פעלדשטיינער. נידעריקע הייזער מיט רויטע דאַכוווקעס. אַ פּויערישער וואָגן אָנגעטורעמט מיט היי. דאָס טרוקענע גראָז ענגט נאָך און פאַרשטעלט די רעדער, עס דאַכט זיך אַז עס פּאַרט אַ גאַנצער סטויג. אַ לאָשעקל לויפט אַרויס פון אַן אָפענעם טויער און כאַפּט בינטן היי מיט ד׳ער צעהירזשעטער מאָרדע. אַ פּריצישע קאַרעטע געשפּאַנט אין צוויי פערד, ווייסע פאַרהענגלעך אין פענצטערל פון דער קאַרעטע. אַן אָנטרייבער אויף דער קעלניע, פייערלעך ערנסט, אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטן בלאָען סורדוט מיט מעשענע קנעפּ. אַן אַלטער ייִד גייט איבערן מאַרק מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם. אַ פּאָר שפּאַן פון שטיינערנעם געסל, אין דער נידער, פליסט אַ ברייטער טייך. שבת וועט מיך דער טאַטע מיטנעמען אין שול אַריין. אַ מלמד לערנט קינדער אין דער שול, לענג־אויס אַ לאַנגן הילצערנעם טיש זיצן ייִנגלעך. די חומשים זענען אָפן. פון די אייבערשטע שייבלעך פאַלן קאָליריקע זונפלעקן. דער רבי קרייזלט מיט צוויי פינגער די פעך־שוואַרצע באָרד. אַ קאָליריקער שטויב־זייל וויברירט צום טאַקט פון ניגון וואָס עס זינגען די חדר־ייִנגלעך וועגן נחס תיבה וואָס טראָגט זיך איבער די איינ־געשטילטע וואַסערן, נאָכן מבול. ס׳איז מיר אויסגעקומען אַז אין דער תיבה געפינט זיך אונדזער שטעטעלע; דאָס לאָשעקל פון שכן, די וויס־געפלעקטע קאַץ וואָס וואַרעמט זיך אויף דער זון און פון דעם מענטשן־מין האָט דער אייבערשטער גאָר אויסגעקליבן דאָס פלאַקסענע שיקסל פון יענער זייט פלויט און יאַנעקן — דעם זון פון בהמה־טרייבער וואָס האָט זיך איין מאָל געוואָרפן אויף מיר מיט די פויסטן.

דאָס זענען מיינע דערמאָנונגען וואָס קומען אין זעלטענע רגעס, וואָרעם זיי זענען שוין אַזוי ווייט ווי אַ פאַרגעסענער חלום וואָס מען דערמאָנט זיך ערשט אין חלום. איך האָב געפילט אַז מיר פעלט דאָס וואָס איז מסוגל צו געבן אינספּיראַציע. איך האָב געהאַט אַ קורצע קינדהייט. זי איז איבער־געבראָכן געוואָרן אַזוי ווי אַ דאַמבע ביי אַ וואַסערמיל און די שטילע וואַסערן שטורמען אויף מיט איין מאָל. איך בין נאָר עטלעכע וואָכן געווען אין חדר

ביים מלמד. איין מאָל האָט זיך באַוויזן מיין מוטער אויף דער שוועל פון חדר, אָן אויסגעפּוצטע אין אירע יום־טוב־קליידער. זי האָט זיך נישט דערוועגט אַריבערצוגיין די שוועל. איך געדענק ווי זי האָט זיך איינגעהערט אין ניגון, אַ קוק־געטאָן צום אָרון־קודש און מיך גערופן. מיר זענען געגאַנגען איילּיק, אַריבער דאָס בריקל און אַריין אין אַ געמויערט הויז. דאָס איז געווען אַ פּריוואַטע שול פאַר פּוילישע און דייטשישע קינדער פון גוטבאַזיצער. אַ מענטש אין שוואַרצע קליידער, פאַרשפּיליעטע מיט פּעטליעס גריינע ביזן האַלדז האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ ליכטיקן צימער. איך בין געשטאַנען אַ דערשראָקענער און פאַרחידושטער. אַלע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויף מיר. איך האָב באַקומען אַן אָרט אויף דער ערשטער באַנק. ווען דער גלאָק האָט געקלונגען און אַלע זענען אַרויס בין איך אַליין געבליבן אין קלאַס. עס איז מיר געוואָרן אומהיימלעך. כ׳בין אַרויס אין הויף און געשטעלט זיך ביים פּלויט. די קינדער האָבן מיך אַרומגערינגלט. אַ מיידעלע האָט גע־פרעגט: „ווי רופט מען דיך?״ איך האָב נישט געוואָלט ענטפערן. „מען רופט אים זשידעק!״ — האָט עמעצער אויסגעשריגן. איך האָב פאַרביילט די פויסטן און פּלוצעם דערזען ווי דאָס מיידעלע, וואָס פלעגט זיך תמיד באַווייזן פון יענער זייט פּלויט פון אונדזער גאָרטן, איז אַרויס פון קרייז. זי איז צוגעקומען צו מיר און מיך פאַרשטעלט. „גייט אַוועק פון דאַנען!״ האָט זי אויסגערופן. איך האָב זיך דורכגעריסן דורך דעם רינג, און איינעם, וואָס האָט מיך נישט געוואָלט דורכלאָזן, דערלאַנגט מיט דער פויסט. איך בין צוריקגעקומען אַהיים אַ שווייגנדיקער און בעת איך בין שוין געלעגן אין בעטל איז די מאַמע צו מיר צוגעקומען. „זיי שלאָגן זיך״ — האָב איך געזאָגט און געפּילט טרערן. די מאַמע איז געוואָרן שטרענג. „לאָז זיך נישט. ענטפער זיי אויף יעדן קלאַפּ מיט צוויי קלעפּ. ביסט שטאַרק!״

איך האָב איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די קישנס. „באַהאַלט נישט דיין פּנים, וואָלאַדיע, וועלוועלע, ווייז מיר דיין פּנים.״

איך האָב זיך אויפגעזעצט און אַריינגעקוקט מיין מאַמען טיף אין די אויגן. כ׳האָב געזען ווי אין אירע שוואַרצאַפּלען ציטערט מיין פּנים. איך געדענק דער מאַמעס רייד וואָס זי האָט דערנאָך געשעפּטשעט צו מיר און ווייס נישט פאַר וואָס זיי האָבן זיך אין מיין געדעכעניש אויסגעמישט מיט

דעם שטילן געפּלייץ פון דעם ברייטן טייך דעם איינגעפּאַסטן אין גרינעם פּלאַכלאַנד.

דער זיידע איז געשטאָרבן. עס זענען געקומען עטלעכע ייִדן, צווישן זיי האָב איך דערקענט דעם רבין וואָס איך האָב ביי אים געלערנט עטלעכע טעג חומש, און זיי האָבן צוגענומען פון שטוב אַלע ספרים פון זיידן; אַלטע ספרים געבונדענע אין ברוינעם לעדער מיט באַגילדטע אותיות. עס איז געבליבן ליידיק דעם זיידנס צימער. מען האָט צענומען די אַלמערס, אַרויס־געטראָגן דעם לאַנגן טיש, דעם שטענדער, אויסגעקאַלכט און מען האָט דאָרט אַריינגעשטעלט מיין בעטל. דער טאַטע פלעגט קומען נאָר פרייטיק און צוריקפאָרן קיין פויזן זונטיק. ער האָט געאַרבעט אין אַ באַנק. גאַנצע שבתים איז ער געזעסן אין דער געבעטער שטול און געלייענט די גאַזעטן. „ווי גרויס דו ביסט שוין, מיין זון!״ האָט די מאַמע געזאָגט, בעת איך בין איין מאָל צוריקגעקומען אַ צעבלוטיקטער נאָך אַ געשלעג מיט קריסטלעכע ייִנגלעך. „דו ביסט נישט געפאַלן״ — האָט זי געשמייכלט. „טראַכט נישט אויס, אַז דו ביסט געפאַלן״. איך האָב געשוויגן. „גוט, וואָס דו זאָגסט נישט קיין ליגנט. האָסט זיך געשלאָגן? איך ווייס אַז דו טוסט קיינעם נישט קיין שלעכטס. דו הייבסט נישט אָן, נאָר זיי... פאַר וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? דו ביסט דאָך שטאַרק. קוק אָן דיינע מוסקלען. אָ, דו האָסט שוין מוסקלען... ווייז מיר דיינע פויסטן... אָט אַזוי. זיי נישט טרויעריק. שלאָג צוריק, מיין זון... ענטפער... זאָלסט נישט זיין קיין האַז... באַקלאָג זיך נישט פאַר די לערערס און אויך נישט פאַר מיר. איך וועל נישט גיין אין שול איינשטעלן זיך פאַר דיר... דו ביסט שוין גרויס, מיין קליינער וואָלף״...

איך זע זי אָפט אין מיינע חלומות. זי עלטערט זיך נישט, אַזאַ ווי זי איז געווען איז זי געבליבן אין מיינע זכרונות. הויך, אַ פּנים ברוין פון דער זון, אַ ליכטיקער שטערן, אַ ביסל אַראָפּגעלאָזטע קינבאַקן. בעת די מאַמע רעדט ווערט ביי איר אין איין זייט באַק, אין דער רעכטער, אַ קליין חן־גריבל. די ליפּן באַוועגן זיך און ווערן בולטער, פרישער ווי מיט טוי באַהויכט. אירע רויטע האָר פאַלן אויף די אַקסל און זי וויל זיי צוריק פאַרוואַרפן מיט אַ קאָפּשאָקל.

איין מאָל, בעת זי האָט מיך געפירט אין דער קליינער בריטשקע,

האָט מען דורך דעם וועג פֿאַרבייגעטריבן אַ סטאַדע פּי; דאָס איז געווען אַ זומערדיקער פֿאַרנאַכט, מיר זענען צוריקגעפֿאָרן פֿון אַ דאָרף וווּ אַ פֿעטער האָט געהאַט אַ וואַסערמיל. פֿאָרנט זענען געלאָפֿן עטלעכע הינט; נידעריקע, קודלאַטע, מיט אַרויסגעזעצטע צונגען. אַ שטויב האָט זיך געקנוילט און דער זונפֿאַרגאַנג האָט אונטערגעצונדן די רוקנס פֿון די פּי. עס האָט זיך געדאַכט אַז עס פֿליסט אויף זיי אַ שטראָם צעשמאָלצענער קופּער. די אָקסענע הערנער האָבן געפֿלאַמט. די לופֿט האָט אַזש געציטערט פֿון דער רעווערײַ.

ווען די בהמות זענען אונדז נאָענט אַנטקעגנגעקומען, האָב איך געזען ווי די אָקסן ווילן רײַטן אויף די קי. זיי לויפֿן מיט די אונטערשטע צווײַ פֿיס, בעת די אייבערשטע פֿיס זענען אויפֿגעהויבן. זיי פֿאַלן אויף די פֿאָדערשטע קני און שלאָגן מיט די הערנער אָן דער ערד אויפֿרײַסנדיק זי ביז דער שוואַרצקייט פֿון די גליבעס. זיי שפּרינגען תיכף אויף מיט אַ רעווערײַ וואָס צערײַסט דעם וואַלדיקן האָריזאָנט אויף פֿיצלעך און הימל מיט ערד מישן זיך אויס.

פּלוצעם האָבן זיך די פֿערד פֿון דער בריטשקע אַ ריס געטאָן. זיי זענען אַריבער די קאַנאַווע און אָנגעהויבן לויפֿן דורכן פֿעלד וואָס פֿירט באַרג־אַראָפּ צום טײַך. די רעדער פֿון דער בריטשקע זענען געשפּרונגען און מען האָט געהערט ווי עס קראַכט די אַקס. אָט וועלן די רייפֿן פּלאַצן. די רעדער וועלן צעשאָטן ווערן ווי שפּענער, מיר וועלן אַרונטערפֿאַלן פֿון די הויכע געזעסן. האַלט זיך פֿעסט אָן מיר! — האָט די מאַמע אויסגעשריגן. זי האָט געצויגן די לייצעס און זיי געוויקלט אויף די הענט. איך האָב געהערט איר געשריי צו די פֿערד און געזען ווי די פֿערד, אין ווילדן גאַלאָפּ, בייגן אויס צוריק די קעפּ ווײַל די ציימלען האָבן זיך אײַנגעשניטן אין זייערע מאָרדעס. די בריטשקע האָט זיך געקײַקלט באַרג־אַראָפּ צום טײַך. איך האָב געוווּסט, אַז דאָרט איז דאָס קעסלגרוב און עס גייט נישט דורך קיין יאָר אַז עטלעכע פֿערד זאָלן נישט דערטרונקען ווערן אין די ליימיקע טײַכגריבער. איך האָב געוואָלט עפּעס טאָן: אַראָפּשפּרינגען? ציִען די לייצעס אַזוי ווי די מאַמע? שרײַען? די פֿערד זענען אויף אַ רגע געבליבן שטיין אויף די הינטערשטע פֿיס. עס איז אפֿשר די לעצטע רגע איידער זיי וועלן אַ שלעפּ טאָן די בריטשקע צו דעם הויכן ליימיקן ברעג וווּ אין דער נידער איז דאָס

קעסלגרוב. אין דער דאָזיקער רגע האָט מיך די מאַמע אַ נעם געטאָן מיט איין האַנט און זי איז מיט מיר אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בריטשקע. איך האָב געשפּירט צוקאָפּנס אַ ווייך קראָטן־בערגל. איבער מיר האָבן געלויכטן ראָזע נעפּל־וואָלקנדלעך. די מאַמע האָט געהאַלטן ביידע פערד פאַר די ציימלען. פון ווייט איז אָנגעלאָפן אַ פּאַסטעך. די מאַמע האָט זיך איבער־געבויגן איבער מיר און מיך געקושט: „דיר איז גאָרנישט, זון מיינער״. „גאָרנישט, מאַמע״. די פערד זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און זיי ריטמיש געשאָקלט. עס האָט אָפּגעקלונגען דאָס צעריסענע געשפּאַן און פון ווייט איז דערגאַנגען דאָס געשריי פון לאַבאָנדזשעס וועלכע זענען געלאָפן מיט צעשפּרייטע פליגל איבער זומפּן.

ווען איך האָב זיך אויפגעשטעלט, האָב איך געזען דעם פּאַסטעך, ווי ער צלמט זיך. איך בין געגאַנגען מיט דער מאַמע ביזן פלאַכן ברעג פון טייך און מיר האָבן געוואַשן די הענט. איך האָב אָנגעקליבן טייכמושלעס און געוואָרפן פלאַכע שטיינדלעך אַזוי קונציק אַז זיי זאָלן ווי אַ פייגעלע דריי און פיר מאָל אַ טוק טאָן זיך ביז דאָס שטיינדל איז נעלם געוואָרן אין די פאַרנאַכטיקע וואַסערן.

מיין טאַטע שטאַמט פון ייִדישע מילנערס. אַן עלטער־זיידע איז געקומען פון גאָר ווייט. מען האָט אים אַהערגעבראַכט אויפצובויען וואַסערמילן אין די פּריצישע פעלדער פון דייטשע ערדבאַזיצערס. ער האָט זיך באַקענט מיט אַ טאָכטער פון אַ ייִשובניק און זי גענומען פאַר אַ ווייב. עס איז נישט געווען אַזוי פּשוט די חתונה פון עלטער־זיידן. פינף יאָר האָט געדויערט ביז וואַנען מען האָט געבראַכט אַ כתב פון דעם הויפּט־רב פון וויטן לאַנד. דער פרעמדער יונגער־מאַן האָט נישט גערעדט קיין ייִדיש און זיין אויפפירן זיך איז אויסגעקומען אויסטערליש פאַר אונדזערע ייִדן. עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן אַז ער שטאַמט אָפּ פון אַ באַרימטער פּאָרטוגעזישער משפחה, אַנוסים, וועלכע האָבן זיך לויטן ייִדישן דין צוריקגעקערט צו ייִדישקייט און זיי האָבן דערויף באַווייזן אַ כתב געחתמעט פון רבנים.

אַלע מילן אין פּויזנער געגנט זענען געבויט געוואָרן דורך דעם עלטער־זיידן. אַ סך פון זיי זענען פאַרברענט געוואָרן בעת די פּאָווסטאַניעס און

מלחמות. דאָס פאַך איז איבערגעגאַנגען בירושה צו די זין און אייניקלעך. זיי האָבן אָבער שוין אַליין נישט געבויט, נאָר צוגענומען גוייִשע און ייִדישע בעל־מלאָכהס. דער דור איז געווען אַ געזונטער, אַלע רויט־בערדיקע, הויכע, מיט לענגלעכע פּנימער און אויסדרוקספולע זינלעכע ליפּן. דאָס ייִדישקייט זייערס איז נישט געלעגן אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנימער, נישט אין די קליידונג האָט מען דערקענט זייער אָנגעהעריקייט צום ייִדישן שטאַם און נישט אין לשון. זיי האָבן גערעדט ייִדיש מיט אַ באַזונדערן אַקצענט, שאַרף פּאַרענדיקטע ווערטער, קלינגעוודיקע. די קינדער האָבן זיך געלערנט גוייִשע לשונות און אויף צו קענען אָפּהיטן די ייִדישע דינים, האָט מען געדונגען אַ מלמד פון דאַנציג. צו פערצן יאָר האָט מען מיך אַוועקגעשיקט קיין פּויזן אין אַ גימנאַזיע. עס זענען שוין געהאַט פאַרגאַנגען עטלעכע יאָר נאָכן זיידנס טויט. דאָס איז געווען מיין טאַטנס פּאַטער. ער איז געווען דער שומר פון לעצטן דור תלמידי־חכמים וואָס מיין פּאַטערס משפּחה האָט אַרויס־געגעבן. זיין נישט־פאַרענדיקטער חיבור, וואָס ער האָט אים געשריבן צוואַנציק יאָר, האָט זיך געוואַלגערט אין דער שאַפע, איינגעוויקלט אין אַ זיידן טליתל מיט בלאָלעכע פרענדז. מיין טאַטן האָט דאָס טליתל זעלטן גענוצט, נאָר אין די טעג פון ראש־השנה און יום־כיפור.

די זכרונות האָבן אין מיר אויפגעטויכט בעת איך האָב זיך צונויפ־געטראָפן מיט דעם עלטערן דור ייִדישע מאָלערס אין פּאַריז און איך בין געווען דאַנקבאַר דעם הויכן עלטערן מענטש, מיט די פריצישע וואָנצעס, דעם דערצויגענעם אין אַ שטעטל נישט ווייט פון די קאַרפּאַטן, וואָס ער האָט מיר געהאָלפן דורך זיינע בילדער אָפּצוגעפינען מיין קינדהייט.

איך האָב געאַרבעט אין דער אַטעליע פון מאַנע קאַץ. אַפילו די פאַרבן זענען געווען גרייט און לייוונטן פון אַלע פאָרמאַטן. ער איז תמיד געקומען אָן אויפגעלייגטער און פון יענער זייט טיר האָב איך געהערט זיין לוסטיק קול.

די דריי בילדער אין חודש האָב איך צוגעשטעלט דעם גאַלעריע־אייגנטימער. מסיע קאַראַטאַן האָט אָנגעטאָן די ברילן, באַטראַכט די בילדער און שווייגנדיק אַוועקגעשטעלט זיי מיט דעם באַמאָלענער זייט צו דער וואַנט.

ער האָט נישט געזאָגט קיין גוט וואָרט. די סעקרעטאַרין האָט מיר געגעבן דעם טשעק. זי איז ערנסט, טרוקן און שענקט מיר נישט קיין שמייכל בעת דער גאַלעריע־אייגנטימער שטייט לעבן איר.

„אַ גוטן!" — האָב איך געזאָגט מיט אַ פרעמד קול און בין אַוועק. איך האָב זיך דערפילט איינזאַם דעם טאָג.

שוין צוויי וואָכן ווי איך טעלעפאָניר נישט צו פאַביאַנען. זי זוכט מיך אַוודאי. איך ווייס אַז זי איז שוין פיל מאָל געווען אין מיין פריערדיקער סטודיע און געטראָפן די טיר פאַרמאַכט. זי האָט נישט מיין נייעם אַדרעס. איך וויל אים נישט געבן. פאַר וואָס? איך ווייס נישט. נאָך דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן מיר און מאַריע און נאָך דעם שמועס אין מאַריעס הויז וויל איך אויך פאַביאַנען נישט זען.

איך בין אַוועק צו דער סען און שפּאַצירט לענג־אויס דעם ברעג. אין דער קאַפע פון „בלינדן שטערן־זוכער" הענגט די ליידיקע שטייג. צעלעסטין איז אין דער היים!

אין האָטעל אויף די טרעפּ, צו מיין צימערל, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יונגער פרוי. זי איז געווען אַזוי שטאַרק פּערפומירט אַזש איך האָב לאַנג זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם ריח. אַ יונג אין אַ לעדערן רעקל איז געגאַנגען נאָך איר און ביידע האָבן מיר אָפּגעטראָטן דעם וועג. איך בין געלעגן אין די קליידער אויפן בעט און דאָס געשאָרך פון די שכנותדיקע צימערלעך האָט מיך אויפגערעגט. איך האָב זיך לאַנג געראַנגלט מיטן אויפרייסנדיקן פּאַרפומען־ריח פון גאַסנמיידל ביז כ׳בין איינגעשלאָפן.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט מיך אויפגעוועקט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען פאַביאַן.

אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געלעגן אין אַ טאָרפּפעלד צווישן טרוקענעם טשערעט. דער ווינט האָט אומהיימלעך געבראָכן דעם סכך און יעדעס מאָל האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט אַז מיר הערן טריט. דער רינג פון די וועלדער איז אָפּגעטראָטן ווי נאָר עס האָבן אויפגעשאָסן די ראַקעטעס און עס האָבן זיך געוויגט די זיילן פון רעפלעקטאָרס.

דריי ליכטזיילן האָבן אַרומגענישטערט אין די זומפּן. טייל מאָל האָבן זיך אַלע דריי זיילן באַגעגנט, ממש איבער אונדזערע קעפּ און געבליבן צונויפגעפלאָכטן. מיר זענען אונטער אַ ליכט־חופה! מען האָט אונדז אַנט־דעקט! ניין, דאָס זענען נישט דעם פּאָפּס מענטשן! דאָס איז אַ טייל פון אַ רעגולערער אַרמיי. מיר געפינען זיך לעבן פראָנט. פון יענער זייט וואַלד זענען די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון דער רוסישער אַרמיי און לינקס פון אונדז די דייטשן.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז אַ וויאָרסט דרייסיק פון דאַנען, קומט אַוודאי פאָר אַ שלאַכט, ווער עס וועט מנצח זיין דער וועט פאַרנעמען אויך דעם וואַלד און זיינע טאַנקען וועלן דורכשניידן דעם ברייטן וואַלדוועג און אַרויס־קומען צום אָפענעם טאָרפּפעלד כדי צו פאַרנעמען די דריי דערפער. אַז עס וועט ליכטיק ווערן וועט מען אונדז אַנטדעקן!

די דייטשן האַלטן נאָך אין זייערע הענט די דערפער. דער וואַלד מיטן סאַזשלקע־זומפּ איז איצט קיינעמסלאַנד. ווער וועט אין פאַרטאָג־שעהען אַהערקומען?

אַכצן מענטשן זענען מיר געווען, אויסגעמאַטערטע, פיבערנדיקע, פאַר־הונגערטע. טייל האָבן זיך שוין מער נישט געקענט האַלטן אויף די פיס. זיי זענען געלעגן צווישן די בלושטשן, אויפן טאָרף, פאַרזונקענע ביזן גאַרטל אין אַ געפלעכט פון גראָז, שליים און מאָך. לעבן מיר איז געווען אַליק. ווי נאָר עס וועט אָנהייבן גראָען, אין דער שעה ווען דער טוי פאַרוואַנדלט זיך אין דאַמף, וועלן די זומפּן פאַרצויגן ווערן ווי מיט אַ זיידענעם שלייער — דאָס איז די געבענטשטע שעה צו דערגרייכן דעם וואַלד. איך האָב אָבער נישט געקענט וויסן צו ווען דער וואַלד וועט געהערן און וואָס עס וועט זיין דער אויסגאַנג פון דער שלאַכט וואָס שפּילט זיך אָפּ נישט ווייט פון אונדז.

אפשר איבערוואַרטן דאָ, ביז אין העלן טאָג אַריין, ביז דער גורל פון דעם שטח וועט אַנטשיידן ווערן? מיר קענען אַריינפאַלן דעם וואָלף אין די ציינער. נייך, מיר זענען שוין אַנטדעקט געוואָרן אין דער נאַכט!

זיי וועלן פאַר טאָג קומען. איך האָב געזען ווי די ליכטזיילן פאַרלירן פון זייער שאַרפקייט און ווי מיט יעדער מינוט ווערן זיי בלייכער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוטיילן די קוסטעס, די שטאַמען און איך האָב אָנגעהויבן אונטערצושיידן דעם וואַלד פון די נידעריקע נעפּלען אויפן האָריזאָנט.

אַ מענטש איז געגאַנגען דורך די פעלדער. מיר האָבן געזען ווי ער שטעלט וואַקלדיקע טריט צווישן די האַרטע גראָזאַנוווּקסן, ווען דיק אַוודאי אויסמיידן די קליינע קאַלוזשעס. ער איז געגאַנגען ממש צו אונדז. איך האָב שוין געקענט דייטלעך זען אַז אויף זיין אַקסל הענגט אַ סטען מיט אַ קיילעכ־דיקן דיסק. „פיר און זעכציק" — האָט געזאָגט אַליק. אין מיין סטען האָב איך געהאַט נישט מער ווי דריי קוילן. די מענטשן מיינע האָבן געהאַט דריי ביקסן און פיר רעוואָלווערן — נאָר אָן קוילן. דער פּולעמיאָט איז געבליבן ביים ברעג, פאַרדעקט מיט מאָך און ריטלעך. קיין קוילן האָבן מיר צו אים אויך נישט געהאַט.

דאָס איז געווען אַ יונגער מענטש, אַוודאי פון אַ יאָר דרייסיק. ער האָט געטראָגן אַ פּויערישע ברוינע קורטקע און אַ היטל פון האָזנפעל. אַ צען מעטער פון אונדזער באַהעלטעניש האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. זעט אויס אַז צווישן דעם סכך האָט פאַרדעכטיקט אַ שאָרך געטאָן.

איך האָב געזען ווי דער מענטש האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן סטעָן. צוויי איבערגעשראָקענע ווילדע קאַטשקעס האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון די קוסטעס און דער פרעמדער האָט מיט די אויגן נאָכגעפאָלגט זייער פלי. איך האָב זיך אויפגעשטעלט. אָליק האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און געצויגן צו זיך. איך האָב אים אָפּגעשטויסן פון זיך און מיט אַ גע־שטרעקטן סטען געמאַכט עטלעכע טריט צו דעם באַוואָפנטן מענטש. איך טשערעט האָבן אויפגעצאַפּלט שאָטנס און זענען נעלם געוואָרן. איך האָב הילכיק אויסגעשריגן: „העי, כלאָפּצי! שיסט נישט! האַלט גרייט דאָס געווער!״

איך האָב געוווסט אַז דער פרעמדער וועט נישט שיסן. איך האָב דאָס דערקענט אין זיין פּנים וואָרעם אַ פּחד איז אים באַפאַלן און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די לופע צו דער ערד.

— מיר וועלן דיר קיין שלעכטס נישט טאָן — האָב איך געזאָגט.

אָליק איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר. איך האָב אַפילו נישט באַמערקט ווי ער שאַרט זיך זייטיק און פאַרגייט דעם באַוואָפנטן מענטש פון רוקן, שפּילנדיק זיך מיט דעם רעוואָלווער אָן קוילן.

— ווער ביסטו? — האָב איך געפרעגט.

— אַן אייגענער.

— ווער? — האָב איך שטרענג איבערגעפרעגט.

די מענטשן אין די זומפּן אָבסערווירן איצט וואָס עס קומט פאָר. עטלעכע האָבן זיך אויפגעשטעלט.

— איך בין געגאַנגען אויף געיעג... כ׳בין פון דעם דאָרף, אָט, דאָרט... געמיינט אַז איר זענט זשידעס... זיי דרייען זיך דאָ אַרום ווי די שדים... די געגנט איז פול מיט דייטשן... די רוסן האָבן זיך אויף דעם פראָנט צוריקגעצויגן... געמיינט אַז אָט־אָט קומען זיי אַריין... דערווייל זענען דאָ דייטשן... זיי גרייטן זיך דורכצוגיין דעם וועג... לאַסטוועגענער... פּאַנצערס און די פרייוויליקע זייערע, אוקראַינער... איר זענט פּאַרטיזאַנער? כאַ־כאַ... איך האָב עס גלייך דערקענט...

ער האָט זיך גענומען צוריקציִען, כדי צו האָבן אָליקן פאַר זיך און נישט הינטערן רוקן.

— לייג אַנידער דעם סטען צו דיינע פיס! — האָב איך באַפוילן.

ער האָט אויף ס'ניי געמאַכט אַ טריט צוריק. אין דער רגע האָט אָליק אַ שפרונג געטאָן און אים אַרומגעכאַפּט.

עס האָבן אַ הילך־געטאָן צוויי שאָסן. אַ טשאַטע פייגל האָט זיך אויפגעהויבן פון דער אָזערע און צוזאַמען מיט דער טשאַטע האָבן זיך אַ ריס געטאָן עטלעכע פון מיינע מענטשן. איך האָב צוגענומען פון אים דעם סטען און דערלאַנגט מיטן אייזן אין פּרצוף אַריין. ער איז געפאַלן אַ וואַיענדיקער.

צום וואַלד האָבן נאָר דערגרייכט צוועלף. אַן אויטאָמאַטן־פייער האָט אונדז געבייטשט. דער טוי איז געלעגן נאָר איבער די זומפּן. דאָס פייער איז נישט געווען דירעקט געצילט אויף אונדז. עס האָט זיך געקרייצט אין פאַרשיידענע ריכטונגען. דאָס שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן לאַנג און מיר האָבן עס געהערט טיף אין וואַלד.

פון ביידע זייטן טאָרפפעלד האָט זיך איינגעשטעלט דער פראָנט. די דייטשן האָבן זיך איינגעגראָבן לענג־אויס אַ קליין טייכל, ביי אַ פעלד פון קוסטעס און אין קאַנאַוועס פון אַ וואַלד־דורכהאַק.

די רוסישע פּאָסטנס האָבן זיך באַפעסטיקט ביי די פּאַשעפּעלדער, ביים ראַנד פון אַ וואַלד און ווי אַ האַלברינג אַרומגענומען דעם מיזרחדיקן ברעג פון די זומפּן. דער אָפּשטאַנד פון די צוויי פראָנטן איז געווען אויף טייל ערטער דריי קילאָמעטער און אויף צפון — אַן ערך אַכט קילאָמעטער. אין דעם הפקר־לאַנד זענען געלעגן די צוויי קליינע דערפלעך און עטלעכע וואַלדכוטאָרן. קיין מענער האָבן מיר די ערשטע טעג נישט באַגעגנט, בלויז פּויערטעס און זקנים וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די שייערן און פּאַדוואַלן. זיי האָבן שוין געוווּסט אַז מיר געהערן צו דער אָפּטיילונג וואָס מען האָט „פון די הימלען" אַראָפּגעוואָרפן. וואָרעם אַריינבאַקומען זיך אין דעם אָפּגעשלאָסענעם פראָנטטייל איז געווען אוממעגלעך אויף אַן אַנדער וועג. זיי האָבן אונדז אָנגענומען פאַר אַ רוסישן פאַרפּאָסטן.

אַ נידעריק פּויערל, מיט אַ שטעכיק־געלער באָרד, האָט זיך געשיבערט, געקראַצט מיט די פינגער די גאָמבע און געשפּילט די ראָלע פון אַ תמעוואַטן כוטאָר־איינוווינער.

— מיר זענען אָרעם. די כודאָבע איז צעראַבירט. די זין זענען פאַרשלעפּט

געוואָרן פון די באַנדעס. מיר עסן ברויט אַ געמישטן מיט פּאָלין און קאַרטאָפל. איצט זענען מיר אָן אַ וולאָסט. מיר וועלן אייך פּאָלגן. פאַר וויפל מענטשן דאַרפן מיר צושטעלן ברויט? — האָט ער לסוף געפרעגט און אין דער פראַגע האָט ער זיך אויסגעגעבן. דאָס איז אַ מענטש נישט פון כוטאָר, איז מיר פּלוצעם איינגעפאַלן. ער איז דאָ אַ פרעמדער וועמען די דייטשן האָבן געשיקט דורכצוציגיין דעם פראָנט, אָדער אויסצושפּירן די זומפּן.

אויפן אויוון איז געזעסן אַן אַלטער פויער און געקוקט צו די איקאָנעס. די פיס, פאַרוויקלטע מיט אָניטשעס, פאַרבונדענע מיט שטריק, זענען אים אַראָפּגעהאָנגען און דערגרייכט די אויוונבאַנק.

איך האָב אָנגעשטעלט דעם סטען אויפן פויערל און באַרירט דאָס צינגל.

— ריר זיך נישט פון אָרט! הייב אויף די הענט!

אָליק איז געשטאַנען אין דער טיר מיט זיין נישט־געלאָדענעם פּיס־טאָלעט.

— נעם אָפּ ביי דעם פאַרשוין דאָס געווער! ער האָט אין בוזעם אַ נאַגאַן!

דאָס איז געווען אַ גרויסער „מאַוזער“, אַ שווערער, אַ פול געלאָדענער. אין די קעשענעס זענען געלעגן קוילן.

— ווער איז ער, דער דאָזיקער פאַרשוין? — האָב איך געפרעגט דעם זקן.

— דער אָ! האָ־האָ־האָ... שדים ווייסן אייך אַלעמען ווער איר זענט... אַן אויסמישעניש פון זיין ליבן נאָמען. האָ־האָ־האָ... און דו ווייסט ווער דו ביסט אַליין?

דער פויער האָט זיך צעהוסט און איך האָב פאַרשטאַנען אַז איך וועל פון אים קיין קלאָרן ענטפער נישט באַקומען.

דאָס פויערל, מיט די אויפגעהויבענע הענט, האָט אויסגעזען נעבעכדיק. זיי זענען באַלויכטן געוואָרן פון רויטן איקאָנע־פלעמל. דער זקן אויפן אויוון האָט גענומען פלעכטן אַ לאַפּטשע און עס איז אים גאָר נישט אָנגעגאַנגען וואָס עס קומט פאָר אין דער כאַטע. די פויערטע האָט אַוועקגענומען די בלעך פון אויוון און מיט אַן אוכוואַט איבערגעשטעלט די טעפּ.

— וואָס וואַרט איר? — האָט געפרעגט אָליק.

איך האָב געשפּירט אַ היץ. אַ נישטיק און נעבעכדיק פויערל וואָס שטייט מיטן רוקן צו דער נאַקעטער וואַנט פון דער כאַטע, די דיקע סאָסנע־קלעצער

מיט סענקען און בורשטינענע זשיוויצע־טראָפּנס. צווישן די אויפגעהויבענע הענט ליכטיקט די איקאָנע פון מילדן ניקאָליי טשודאָטוואָרעץ.

דער אַלטער פויער אויפן איוון וואָס פלעכט אַ לאַפּטשע זעט אויס פונקט אַזוי ווי דער טשודאָטוואָרעץ. דער לייכטסטער דרוק מיטן פינגער וועט אַ באַוועג טאָן דעם דיסק און איך וועל שוין דערנאָך נישט קענען קאָנטראָלירן דעם האָגל פון קוילן. איך האָב געטראַכט וועגן די סאָסנע־קלעצער פון דער כאַטע. זיי זענען פּאָלירט און גלאַנצן פון די מענטשן וואָס זענען געזעסן אויף דער באַנק, אָנגעשפּאַרט, אין זייערע פויערישע זשופּאַנעס און ליינענע העמדער. די קוילן וועלן טיף אַריין אין דעם האָלץ און לאָזן צייכנס פון בלוט וואָרעם זיי וועלן אַדורך דעם האַרץ פון געל־בערדיקן, איינגעשרומפּענעם פויערל. ניין, איך וועל נישט אויפרודערן די שטילקייט פון דער כאַטע, נישט פאַרשווענקן די הילצערנע ווענט און נישט פאַרלעשן דאָס פלעמל פון דער איקאָנע דורך דער שיסעריי.

אפשר אים אַרויספירן אין דרויסן, צו דער פריזבע?

זיינע פינגער ציטערן. ער הייבט אויף די הענט און שטעלט איבער די פּיס. ער זעט אויס ווי געקרייציקט. אַן עכטער קרוציפיקס! זיין פּנים האָט שוין מער נישט קיין צייכנס פון לעבן. די שפּיץ נאָז איז שוין ווי וואַקס און די שוואַרצאַפּלען צערינען. זיי זענען מער נישטאָ — נאָר אַן אויסהויל־לעניש איז געבליבן.

— לאָז אַראָפּ די הענט. זעץ זיך צום טיש!

ער איז ווי אַראָפּגעפאַלן פון קרייץ. די פויערטע האָט אַוועקגעשטעלט אַן ערדענעם טאָפּ און אַוועקגעלייגט הילצערנע לעפל. זי האָט אַ בליק געטאָן אויף דער איקאָנע און זיך איבערגעצלמט. דער אַלטער איז אַראָפּ פון איוון און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. אַ פּאַרע האָט געזעצט פון טאָפּ און מיר האָבן געווישט דעם שוויס פון די פּנימער. דאָס שייבל פון דער איקאָנע איז פאַרלאָפן געוואָרן. דער בלייכער הייליקער ניקאָליי איז איצט געזעסן מיט אונדז ביים טיש און געטונקען דאָס אָרעמע קאַרטאָפל־ברויט אין אַ בערגעלע זאַלץ.

איך האָב באַוווּנדערט דעם יִראת־הכבוד בעת ער האָט טועם געווען דאָס ליימיקע ברויט.

— פופצן לאַבנס ברויט אַ טאָג דאַרף איך — האָב איך געזאָגט אויף דער שוועל, בעתן אַוועקגיין.

— איך וועל דאָס ברענגען יעדן פאַר טאָג. איך שווער! — האָט פאַרזיכערט דאָס פויערל מיט דער שטעכיקער באָרד.

דער ערב־פרילינג איז געווען אַ לאַנגער. צופוסנס פון די שטאַמען זענען נאָך געלעגן בלאָע, פאַרגלאָזטע שטיקער שניי. אין די פאַרטאָגס זענען די טשערעט פעלדער געווען פאַרצויגן מיט דינע זילבערנע אייזנאָדלען. די ווערבעס האָבן שוין אָנגעהויבן בלי̇ען און לויכטן מיט די קעצלעך. נאָר זיי זענען אין גיך פאַרוויאַנעט געוואָרן פון אַ צפונדיקן אייזווינט. טייל טעג זענען געווען זוניקע, מיט אַן אָנזאָג פון וויעסנע און טייל — ווינטערדיקע, מיט דער דערמאָנונג פון שווערן ווינטער. צוויי חדשים זענען מיר געווען אין קיינעמסלאַנד, אַרומגערינגלט פון צוויי פיינטלעכע אַרמייען. אין די נעכט, בעת מיר זענען געלעגן אין די גריבער, אויסגעבעטע מיט מאָך און פאַראַיאָריקע בלעטער, האָבן מיר געהערט דעם פאַרהוילענעם אָפּהילך פון אַ ווייטער האַרמאַטן־שיסעריי און געשפּירט ווי די ערד ציטערט. ליכטפּאַסן האָבן זיך געניויגט איבער די פּאָליאַנעס און געבליבן פאַרגליווערטע. עטלעכע מאָל האָבן מיר געוואָלט אַרויסגיין פון דעם רינג און יעדעס מאָל זענען מיר צוריקגעשטויסן געוואָרן פון אַן אַרטילעריע־פייער. דריי מענטשן זענען אומגעקומען. צוויי זענען אויסגעגאַנגען. מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן צו אונדזערע גריבער. אין אַ פּאָר טעג איז געקומען דער אַלטער פויער און דערציילט אַז אַ דייטשער פּאַטראָל איז דאָ אין דאָרף! זיי האָבן אויפגעהאַנגען דעם געל־בערדיקן סטעפּאַן. די דייטשן וועלן אַוודאי מאָרגן פאַר טאָג דורכקאָנטראָלירן דעם וואַלד. זיי האָבן געבראַכט דרעסירטע הינט.

— דער פראָנט וועט זיך ערשט אַ ריר טאָן ווען די וואַסערן וועלן צוריק אַריין אין די געלעגערס, ווען די וועגן וועלן מער נישט זיין צעיורן — האָט געזאָגט דער זקן. — מיר קענען אייך אויסבאַהאַלטן ביז די רוסן וועלן פאַרנעמען אונדזער דאָרף. דאָס איז זיכער, ווייל זיי שפּאַרן שוין, די דייטשן, מיט אַ ברייטן פראָנט.

מיינע מענטשן האָבן געשוויגן. איך האָב דערקענט אין דעם שווייגן

זייער הסכמה און געוווּסט אַז מיינע וואָרענונגס־רייד וועלן נישט העלפן. אין מיטן דער נאַכט זענען זיי אַוועק אין דאָרף אַריין. איך בין געבליבן אין די זומפּן מיט אַליקן.

אויפן דריטן טאָג האָט זיך אַליק דערוווּסט אַז אַלע זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. „אַנטלויף, סינאַק, אונדזערע זענען איבערגעשראָקן. די דייטשן האָבן געסטראַשעט צו אונטערצינדן אַלע הייזער אויב מען וועט נישט אַרויסגעבן די פרעמדע. עס איז גאָטס ווילן אַז דאָס דאָרף זאָל נישט פאַרברענט ווערן". מען האָט אַלעמען דערשאָסן אין הויף פון דעם אַלטנס כאַטע.

פופצן טעג האָבן מיר זיך געגנערט מיט דעם וואָס אַליק האָט אין די נעכט געבראַכט פון די פעלדער. ער האָט אויסגעפּונען בוריקעס, פאַרפוילטע קאַרטאָפל און עטלעכע מאָל האָט ער געבראַכט פענעצער ברויט. איך האָב געפיבערט. מיין גוף איז געווען ווי איין שטיק פייער. איך האָב געפילט אַז איך פאַרליר דאָס באַוווּסטזיין. כ'האָב גערעדט פון היץ. אין דער נאַכט האָט זיך באַוויזן אַ יונג מיידל געהילט אין אַ פייערדיקן זיידשלייער — — —

אָ, איך ווייס שוין ווער עס איז דאָס מיידל געהילט אין פורפורנעם זייד!

דאָס איז די אַקראָבאַטין און רייטערין פון צירק „מעדראַנאָ".

אויפן וועג פון שול האָב איך זיך פאַרהאַלטן ביי די בוידן וואָס זענען פאַרפאָרן דעם פאַר טאָג אויפן פערדמאַרק. קאָלירקע שטיבלעך אויף רעדער. קליינע פענצטערלעך באַמאָלענע מיט פאַרביקע לאָדנס. ווייסע פאַרהענגלעך. אַ פּאַיאַץ שפּאַנט איין צווי אייזלען אין אַ קליין וועגעלע. אַ ברומענדיקער לייב אין אַ שטייג און פערד ביי קאָרעטעס פול מיט פריש גראָז. אומגעריכט האָט זיך געעפנט אַ טירל פון אַ ליכטיק־קאָלירקער בויד, אַ באַשלאָגענער מיט זילבערבלעך און באַמאָלענער מיט גאָלדענע בלומען. אַ האַלב־נאַקעט מיידל אויף די טרעפּלעך מיט אַ קופּערנער קרוג אין די הענט. אַ קאָפּ רויט־צעכוואַליעטע האָר און אַ קלינגעוודיק געלעכטער. זי רעדט צו מיר און איך פאַרשטיי נישט אירע רייד. עס איז אַ ביסל דייטש, אַ ביסל פראַנצויזיש. איך דערהער אַ וואָרט וואָס דערמאָנט מיר אין דעם לאַטיין פון דער שול. איך פאַרשטיי אַז זי וויל וואַסער. איך נעם איר קרוג און גיי צו דעם ברונעם.

עס איז נישט ווייט, פון יענער זייט הילצערנער שאָפּע, ווו עס איז די פּייער־לעשער סטאַדאָלע. איך טראָג אַ פולן קרוג וואַסער. דער פּאַיאַץ לאַכט צו מיר און זיינע גרויסע אויערן פלאַטערן. דאָס מיידל זאָגט: „היינט אָוונט... וואַרט, אָט דאָ״... זי האָט מיך צוגעפירט צו דעם הילצערנעם טויער פון צירק, וואָס איז נאָך געלעגן אויף דער ערד און איז שוין אָבער געווען געקניפּט מיט שטריק צום גרויסן מאַסט. באַלד וועט מען אויפשטעלן דעם טויער און דערנאָך וועלן די לייוונטן פאַרדעקן דעם רונדיקן פּלאַץ. „אָט דאָ... אַכט אָוונט״... זי האָט מיר געוויזן די פינגער פון ביידע הענט און פאַרבויגן צוויי. „אַכט״ און געגלעטעט מיין באַק. כ׳האָב אָוועקגעשאַרט דעם קנופּ האָר פון שטערן און געשפּירט ווי מיין פּנים ווערט רויט. פאַר אַכט אָוונט בין איך שוין געשטאַנען ביים צירק. אַ פּויק און אַ טאַץ האָבן זיך איבערגערופן מיט אַ טרומפּייט. פערד האָבן געהירזשעט. אַ גלעקל־געקלאַנג פון צוויי קלאָונען וואָס זענען געשטאַנען אין דרויסן און גערופן דעם המון אַריינצוגיין אין צירק. מיט אַ מאָל האָבן זיך די שווערע רויטע טויער־פאָרהאַנגען געעפנט, די גאָלדענע טראָלדן האָבן זיך צעוויגט. אַ מיידל געהילט אין אַ פּורפּורנעם שלייער מיט העל־צעכוואַליעטע האָר איז געשטאַנען ביים פאָרהאַנג. זי איז געווען שיין און געכישופט. איך האָב זיך גערוקט פאָרויס. דאָס איז זי! זי האָט מיך געפירט ביי דער האַנט, צום שטוינונג פון אַלע מיינע שול־חברים און דורכגעפירט דורך דעם אַריינגאַנג, ביז דער ערשטער ריי ווו די בענק זענען געווען פאַרדעקט מיט פּלוש. איך בין געזעסן קעגנאיבער דעם בינע־טויער דורך וועלכן עס וועלן אָנקומען די צירקמענטשן.

איך האָב נישט מיטגעלאַכט מיט די קלאָונען, נישט באַוווּנדערט די בערן וואָס שפּרינגען דורך פייערדיקע רייפן, נישט די מאַלפּע וואָס פאָרט אויף אַ ראָווער. עס האָבן אויף מיר נישט געמאַכט קיין איינדרוק די לייבן. איך האָב געוואַרט אויף דער וואָס מוז זיך באַווייזן. איך האָב געוואַרט מיט עקשנות און מיט אַ זיכערקייט אַז זי מוז זיך באַווייזן.

דאָס מיידל איז אַריינגעריטן אויף אַ פערד. זי האָט איצט געטראָגן אַ קליינע קרוין אויף די פלאַקסענע האָר. זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט אַ גאָל־דענעם באַנד. זי איז דורכגעריטן עטלעכע מאָל אין אַ קרייז און בעתן רייטן אַ וואָרף געטאָן דעם פּורפּורנעם מאַנטל אין די הענט אַריין פון אַ ליליפּוט.

דאָס רייטער־מיידל איז געבליבן נאַקעט, בלויז די ברוסט און די שויס איז געווען פאַרדעקט מיט זילבערנע פּאַסן, פאַרבונדן אויף אונטן מיט שלייפן. דאָס פערד איז געלאָפן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז אָט וועט דאָס פערד אַריינרייטן אין המון. מיט איין מאָל איז זי אַרויפּ־געשפּרונגען אויפן פערדס רוקן, דאָס פערד האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס. זי איז אַראָפּ פון פערד אויסגעטאָן די קרוין און אַוועק־געלייגט אויף מיינע קני. איך האָב מער נישט געקענט זען אירע אַקראָבאַטישע נומערן ווייל די קרוין האָט געלויכטן ווי די בלענדיקע נאַכטפייערן. אָט זענען שוין דאָ צוויי גאַלאָפּירנדיקע פערד. איך רייס אויף מיינע שוואַרצ־אַפּלען. צוויי פערד גאַלאָפּירן און מיין מיידל שטייט מיט איין פוס אויף איין פערד און מיטן אַנדערן פוס אויפן צווייטן פערד. זי שוועבט אַרום ווי אַ מלאך, דרייט זיך אויס אין מיטן פערדגעלויף מיטן רוקן צום פערד און וואַרפט זיך מיט צעשפּרייטע הענט. אָט וועט זי פאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ. איך זע ווי איר פּנים גיסט זיך אָן מיט פייער און אָט לעשט עס זיך. זי וועט זיך אָנשלאָגן אָן די אייזערנע שטאַכעטן. נאָך אַ רגע! איך פאַרשטעל דאָס פּנים מיט די הענט. די קרוין אויף די קני בריט מיך.

עמעצער נעמט אַוועק מיינע הענט פון פּנים. איך הער גוטע רייד אין אַ פרעמדער שפּראַך אָבער די רייד ווערן דערטרונקען אין אַ געשריי און אַ געפּלעסקעריי פון המון.

יעדן טאָג האָב איך געוואַרט אויף דעם צירקמיידל אין פּורפּורנעם שלייער. איך האָב איר געבראַכט קיל וואַסער פון דעם ברונעם, איך האָב אין די אָוונטן געהאַלטן איר קרוין אויף מיינע קני און ווען דער צירק „מעדראַנאָ" איז אַוועקגעפאָרן בין איך שעהען־לאַנגע געשטאַנען ביי די צייכנס וואָס זענען געבליבן אַ גאַנצן זומער פון דער צירק־אַרענע און געזוכט די שפּורן פון די צוויי רייטפערד אויף וועלכע עס איז געריטן דאָס פּורפּורנע מיידל.

ווען איך האָב געעפנט די אויגן האָב איך געוווּסט אַז כ'בין אַרויס פון אַ געפאַר. איך האָב פאַרשטאַנען אַז איך וועל בלייבן לעבן. דאָס מיידל געהילט אין אַ רויט־פייערדיקן פּורפּור האָט מיך איצט געשטאַרקט און איך

האָב אַנטדעקט אַז עס רופט מיך אַ וווּנדערלעכע וועלט, אַז די וועלט איז רעאַל ווייל איך אָטעם איר לופט און פיל די גוטסקייט פון די ליכטיקע זונפלעקן אויף דער ערב־פרילינגדיקער וואַלדערד — — —

איך גיי מיט פּאַביאַנען געאָרעמט דורך סאַן מישעל דעפּרע. די גאַס איז פול מיט מענטשן.

—אַלע זענען ייִנגער פון מיר, ביי קיינעם זילבערן זיך נישט די שלייפן — זאָג איך צו פּאַביאַנען און נעם איר האַנט. זי לאַכט, טייטלט אויף אַ בלינדן זקן וואָס וואַרט געדולדיק ביים ראָג אַז מען זאָל אים אַריבערפירן.

— לאָמיר אָנהייבן אונדזערע ביאָגראַפיעס פון יענעם טאָג ווען מיר האָבן זיך געטראָפן ביי דעם „בלינדן שטערן־זוכער" — האָב איך געזאָגט.

פּאַביאַן איז אומצופרידן און קוקט אויף מיר מיט פאַרדאַכט.

— וואָס באַשווערט אַזוי דייַן געוויסן?

מיר האָבן פאַרנומען אַן אָרט ביי אַ טישל. צוויי יונגע מיידלעך, געקליידט אין טונקעלע סוועטערס, מיט קאָלטענעוואַטע האָר, האַלטן זיך ביי די הענט. זייערע פּנימער זענען נאָענט און זיי אָטעמען די אייגענע הייסע אָטעמס. דער קעלנער שטעלט אַוועק אויף זייער טישל צוויי גלעזלעך רויטן ווייַן און קוקט מיט אַ שפּאָט־שמייכל צו מיר און פּאַביאַנען.

— עס איז דיר נישט אַ שאָד צו פאַרגעסן אַז אויף דייַנע קני איז געלעגן אַ קרוין? כאַ־כאַ־כאַ...

איר לאַכן האָט מיך טרויעריק געמאַכט. מיר איז אויסגעקומען אַז זי שפּאָט פון מיר. ערשט ווען איך האָב דערשפּירט אירע ליפּן אויף מיין האַנט, האָב איך באַנומען איר בקשה צו פאַרגעבן איר שפּאָטעריי. איך האָב געוווּסט אַז דאָס איז דער אָנהייב פון פּאַביאַנס באַנייטער ליבשאַפט.

איך האָב געוואָלט באַשטעלן אַ גלאָז וויסקי. פּאַביאַן האָט נישט דער־לויבט. זי האָט מיך געפירט צו זיך אַהיים. נאָר אין נגב בין איך געווען פריי און אָפן מיט מענטשן און מיט דער מידבר־ערד. איך האָב נישט געדאַרפט זיך פּלאָנטערן אין דעם געפּלאָנטער פון מיין געוויסן. דאָרטן זענען מיך נישט באַפאַלן די קאָשמאַרן פון מיינע איבערלעבענישן אין דער מלחמה. דער תהום

פון נעכטן איז פאַרדעקט געוואָרן מיט אַ פעלדז און דער מידבר־ווינט האָט דערויף אָנגעטראָגן זאַמדדיונעס. דאָ, אין פּאַריז, האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט מאַריען. אַפילו פּאַביאַן פירט מיך צוריק צו יענע טעג. איך וויל דעם חאַמסין! איך וויל שפּירן די זון וואָס ברענט אויס אַלע שאָטנס. דאָ, האָבן די שאָטנס דערוואַכט.

איך האָב דאָס אַלץ געזאָגט פּאַביאַנען נאָר זי האָט מיך נישט פאַר־שטאַנען.

— שאָטנס? די ווידערבאַגעגעניש מיטן לעבן רופסטו אָן אַ דערוואַכונג פון שאָטנס? דו ביסט דאָך קיין ישראל נישט געגאַנגען ווייל דו האָסט געוואָלט, דו ביסט דאָך אַנטלאָפן קיין ישראל. דיין ווידערקומען קיין אייראָפּע איז נויטווענדיק. לעב דאָ עטלעכע יאָר און דערנאָך וועסטו פאָרן ווי אַ פרייער מענטש אין דיין לאַנד און נישט ווי אַ פּליט.

— איך וועל קיין מאָל נישט האָבן קיין פרייען ווילן.

איך האָב דערקענט איר אומרו און פאַרדאַכט. איך בין געווען צופרידן וואָס עס איז מיר געראָטן אַרויסצורופן ביי איר דעם דאָזיקן בליק ווייל זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז איך דערצייל איר נישט אַלץ פון מיינע מלחמה־יאָרן. איך קען שוין דאָס אַלץ נישט אַרויסברענגען, אַפילו אין מיין געדעכעניש, וואָרעם עס מאַכט מיך געפאַלן. איך געדענק שוין מער נישט ווייל איך האָב זיך אויפגעצוווּנגען דאָס צו פאַרגעסן און אפשר האָב איך באמת פאַרגעסן? עס איך אָבער געבליבן די באַליידיקונג און די פּיין פון געפאַלנקייט און דערנידערונג, וועלכע איך קען נישט פאַרגעסן.

איך האָב דעמאָלט געוואָלט לעבן און תפילה געטאָן אַז גאָט זאָל מיך באַשיצן. איך האָב געפילט ווי מיין איינשטעלעניש און גבורה איז דורכ־געפלאָכטן מיט פּחדנות און דאָס פּחדנות האָב איך גערופן מיט דעם נאָמען „ווילן צו לעבן". איך האָב געבויגן זיך הכנעהדיק פאַר יעדן נישטיקן פויערל. איך בין געשטאַנען ביי פויערישע שוועלן מיט אַ געבעט אויף די ליפּן. איצט, אין פּאַריז, האָב איך נקמה גענומען פאַר יענער געפאַלנקייט מיינער. איך האָב דאָס געטאָן ראַפינירט, מיט פאַרשטעלטער איראָניע אין דעם הויז פון פּאַביאַן. איך האָב תמיד אויסגענוצט די געלעגנהייט ווען עס איז געזעסן פיליפּ קעגנאיבער מיר, ביים מיטאָגטיש כדי צו זיין אַרויסרופעריש. איך

האָב בייזוויליק געקלימפּערט מיט די גלעזער, געלאַכט הויך, געוויגט זיך אויף דער שטול, אויפגעהויבן זיך פון טיש דער ערשטער און אַרומגעשפּאַנט איבערן עסצימער מיט ברייטע שפּאַנען. איך פלעג איבעררייסן יענעמס רייד, געבראָכן אַלע געזעצן פון אַ פיין-דערצויגענעם דזשענטלמען. איך האָב הנאה געהאַט צו זען ווי דער עלעגאַנטער פיליפּ, מיט זיינע געפלעגטע הענט אין מאַנזשעטן שטייפע מיט באַגילדעטע קליאַמערס, אויסגראַווירטע מיט זיין מאָנאָגראַם, שמייכלט צו מיר העפלעך און אונטער דעם דינעם שמייכל איז פאַרבאָרגן זיין מיטגעפיל מיט דעם וואַלדמענטש. עס איז נישט נאָר געווען אַ העפלעכקייט, נאָר אויך אַ הכנעה לגבי מיר. ער האָט שטילערהייט הנאה געהאַט פון מיינע אויפגעבונדענע באַוועגונגען, פון מיינע פאַרגרייזטע רייד. ער האָט געזען אין מיר שיִער נישט דעם פרייען מענטש. ער האָט געקוקט אויף דעם גרוי־זילבער פון מיין צעשויבערטער טשופּרינע און דערביי, פאָרזיכטיק, פאַרראָכטן זיך דעם דינעם פאַס האָר וואָס האָט קוים פאַרדעקט איין דריטל פון זיין פליך. איך האָב געטרונקען די גלעזער ווייַן מיט גרויסע שלונגען, אַזוי ווי אַ דאָרשטיקער טרינקט וואַסער אין אַ חאַמסין־טאָג און אָוועקגעשטעלט דאָס גלאָז מיט דער באַוועגונג פון אַן איילנדיקן פאַרשוין און אַ ביסטרא־באַזוכער.

פאַביאַן האָט געוווסט אַז איך פיר זיך אויף אַזוי נאָר ווען פיליפּ איז דאָ. עס איז איר אויסגעקומען אַז דאָס איז אַן אויסדרוק פון מיין אייפערזיכט און דערפאַר האָט זי מיר מוחל געווען.

אין יענע ערב־פרילינגדיקער נאַכט, ווען עס האָט אויף ס׳ניי זיך באַוויזן דאָס מיידל געהילט אין פורפורנעם שלייער און אַוועקגעלייגט די שטראַלנ־דיקע קרוין לעבן מיר, האָבן זיך דורך דעם וואַלד, ווי אַ שטורעם, דורכ־געטראָגן מיליטערישע איינהייטן.

דאָס זענען געווען רוסישע פּאָלקן.

אַ קאָזאַקישער שוואַדראָן, אויף פערד, איז פאַר טאָג געריטן פאַרביי דער אָזערע. זיי האָבן פאַרנומען די שכנותדיקע דערפער. גלייך דערנאָך זענען אָנגעקומען איינהייטן פון פּעכאָטע.

ווען איך האָב געעפנט די אויגן האָט געליכטיקט. אָליק האָט שוין

געהאַט אַוועקגענומען דעם אָנהויף פון צווייגן איבער דעם גרוב און אַ נעפּלדיק ליכט מיט דעם ריח פון זשיוויצע איז אַריינגעדרונגען אין דער באַהעלטעניש. „זי האָט איבערגעלאָזן די קרוין" — האָב איך געזאָגט אַליקן און מיט די פינגער אָנגעהויבן באַרירן די איידלשטיינער. איך האָב געשפּירט אַ קילקייט אין די פינגערשפּיצן און פאַרשטאַנען אַז דאָס זענען טראָפּנס טוי. כ'האָב די פינגער געפירט איבער די ליפּן און געשפּירט אַן אָפּפרישונג.

אַליק איז מאָביליזירט געוואָרן צו טרייבן אַ סטאַדע פי אויף מיזרח, צו דער באַזע פון די אינטענדאַנטן. איך בין געבליבן אין הויז פון אַלטן ניקאַליי. אַרום מיטאָג איז די איינהייט אַוועק פון דאָרף. פאַר נאַכט איז אַריינגעלאָפן אַ פויערטע פון שכנותדיקן הויף און געזאָגט: — די כלאָפּצעס גייען. זיי זענען שוין אַרויס פון די זומפּן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס זי האָט זיך איבערגעצלמט און אָנגעהויבן סודען זיך מיט דער פויערטע אין טשולאַן. ניקאַליי האָט מיך באַטראַכט, אַ קרעכץ געטאָן און מיט אַ באַדויערן געשאָקלט דעם קאָפּ. איך בין געלעגן אונטער די איקאָנעס, אויף אַ באַנק, אויסגעבעט אויף שעפּסענע פעלן, און געפּרוווט מיט מיינע פינגער אַרויסנעמען די פאַראַיאַריקע קאַלטענעס פונעם וואָל.

ביידע פרויען זענען אַריינגעקומען און אַוועקגעשטעלט זיך נישט ווייט פון מיר. פּראַסקאָוויאַ איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט אויף די באָקעס. איך האָב באַטראַכט איר פול פּנים, אויסגעפּאַשעט, מיט אַ גוידער, וואָס האָט געמאַכט איר האַלדז קורץ און דיק. די אויגן — אַריינגעזעצט טיף אין די ברעמען מיט דיקע אָנגעיוירענע קישעלעך. דער גרינער סוועטער האָט אַרומגענומען איר פולן גוף און עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז פּראַסקאָוויאַ האַלט אונטער מיט די פאַרלייגטע הענט אירע שווערע בריסט וואָס זענען געווען צונויפגעגאָסן.

דער אַלטער איז צו צום פענצטערל, אויסגעווישט די פאַרהויכטע שויב, און געקוקט אויף די פעלדער וואָס פירן צו די זומפּן.

מען האָט זיי בולט אָנגעזען. זיי זענען געגאַנגען דורכן פעלד אין אַ צעצויגענער שורה.

— באַלד וועלן זיי דאָ זיין... זיי גייען צו מיר... נו, סינאָק, געזעגן זיך, כאָטש עס איז נישט דיין הייליקער, נאָר פאַרגעבונג מעגסטו ביי אים בעטן...

איך האָב דערפילט דעם אַלטנס צופרידנקייט, זיין שפּאַט און דראָונג. עס איז מיר איצט קלאָר געוואָרן אַז עס קומט אָן אַ באַנדע פון וואַלד, דאָס זענען די באַנדעראָוועצעס, די וואָס פירן איצט מלחמה מיט די רוסן, מיט די פּאָליאַקן און וואָס מאָרדן די לעצט געבליבענע ייִדן. איך האָב זיך געוואָלט אויפהייבן און נישט געקאָנט. פאַר וואָס האָבן מיך די אָפּטרעטנדיקע פּראָנטזעלנער דאָ געלאָזן? איך האָב געפּרוווט מאַכן אַ טראָט און בין צוריק־געפאַלן אויף דער באַנק. מיין בליק האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט פּראַסקאָוויאַס בליק.

מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט דעם הייסן אָטעם פון איר מויל און איר וואַרעמקייט, אַ רויע, אַ שאַרפע וואָס איז מיר פאַרגאַנגען אין די באָזלעכער. זי האָט מיך אַ נעם געטאָן אויף אירע הענט.

— איך וועל דיך אויסהיטן. דו וועסט נישט שטאַרבן. ניקאָליי, ביי אַלע הייליקע, אויב דו וועסט די פּאַרע פון מויל אַרויסלאָזן, וועסטו באַצאָלן מיט דיין הינטיש לעבן. די סאָוועטן וועלן אין עטלעכע טעג אַרום סיי ווי צוריקקומען! ניקאָליי, געדענק, דעם מוזשיק היט איך אויס פאַר מיר!...

— מיין אַלטער וועט נישט אויסגעבן, ווי יעזוס איז מיר ליב. פּראַס־קאָוויאַ, גיי שנעלער, זיי זענען שוין ביי דער קירך — האָט געזאָגט דעם אַלטנס ווייב.

— ווי לייכט דו ביסט — האָט זי מיך געבריט מיטן אָטעם.

איך בין געלעגן אויף אירע הענט ווי אַן אומבאַהאָלפן קראַנק קינד. דער ערב־פּריליגגדיקער ווינט האָט מיך דורכגענומען. פּראַסקאָוויאַ האָט מיך געטראָגן דורך אַ שייער, דערנאָך האָט זי דורכגעקרייצט אַ קליין הייפל און מיט אַן אַקסל אַ שפּאַר געטאָן אַ הילצערנעם צוים און אים אויפגעבראָכן.

— מיר זענען אין מיין הויף. סלאַוואַ באָגו. קיינער זעט נישט. איך האָב אַ באַהעלטעניש. עס איז שוין דאָרט צוגעגרייט אַ פעלץ און פריש היי. מיינער האָט זיך דאָ אויסבאַהאַלטן פאַר דער וולאַסט. דער אָנהערנערדיקער דיאַוואָל האָט אים צוגערעדט צו זינד און ער איז אין איינער אַ נאַכט אַוועק צו אַ מויד. אויפן וועג האָט מען אים געכאַפּט און דערהרגעט. דאָס האָבן געטאָן אייגענע פון דאָרף. איך ווייס ווער. זיי געהערן איצט צו דער וואַלדבאַנדע. אָט גייען זיי שוין. די מויד איז מיט זיי...

דער לייטער צום הייבוידעם וועט זיך צעברעכן, האָב איך געטראַכט בעת זי האָט מיך געטראָגן אויף אירע הענט. אין דער רגע, ווען זי האָט אַוועקגענומען דעם לייטער זענען צו אונדז דערגאַנגען קולות פון אַלטנס הויף. עטלעכע פערד האָבן זיך צעהירזשעט און אין געקלימפּער פון פערד־געשפּאַן האָב איך אונטערשיידט אַ פרויען קול.

אין פּראַסקאָוויאַס הויף האָבן זיך באַוויזן די פּאַרשוינען. איך האָב נישט פאַרשטאַנען זייערע רייד נאָר געהערט די קולות, און עס איז מיר אויסגעקומען אַז זיי שרייען אויף די פערד. איך האָב נאָר ד׳ערהערט פּראַסקאָוויאַס געשריי: „בליאַד! בליאַדיוכאַ! אַרויס פון מיין הויף! וואָן פון דאַנען! דו האָסט מיין מוזשיק פאַרנאַרט און דערהרגעט! אַרויס!״...

עס איז שוין טונקל געווען בעת פּראַסקאָוויאַ איז אַרויף מיט אַ קרוג הייסע מילך און אַ לאַבן ברויט. זי האָט געלאַכט שטום דורכן אַנטפּלעקן איר גרויס פּילצייניק מויל.

— זיי האָבן מורא פאַר מיר. ווען נישט מיין ברודער וואָלטן זיי מיך דערשאָסן. ער איז איינער פון דער באַנדע, אַן עלטסטער זייערער, וואָס גראַסירט ערגעץ אַרום. די כלאָפּצעס ווילן נישט די באַלשעוויקעס. מיין בראַטאָק וועט ענדיקן אַזוי ווי מיין כלאָפּ! ער וועט זיך אַוודאי באַווייזן מיין ברודער סטעפּאַן. איך האָב אים געזאָגט: בלייב ברודער סטעפּאַן ביי מיר... באַהאַלט זיך... ער קען שוין אָבער נישט. סיי ווי איז זיין קאָפּ פאַרלאָרן. ער האָט געהאָלפן די דייטשן. דערנאָך ברוגז געוואָרן מיט זיי ווייל מען גיט זיי נישט אָפּ אוקראַינע... איצט איז ער ברוגז מיט די הימלען. אַ פּאַגאַן איז ער געוואָרן... דו וועסט געזונט ווערן. איך וועל דיך היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ...

זי האָט אַנגעשפּאַרט איר קאָפּ אין היי און איך האָב געזען ווי איר קורצער, פעטער האַלדז אָטעמט גיך. מיט שווייסיקע הענט האָט זי באַרירט מיין שטערן און געפירט די פינגער איבער די שלייפן.

— וועסט זיך אויסרוען און וועסט גוט אַנגעקאָרמעט ווערן וועסטו זיין אַן אמתער מוזשיק... מען הרגעט אויס דעם מוזשיצקי נאַראָד, עס בלייבן בלויז זקנים און כלאָפּעס־קאַליקעס, אַז עס איז אַ גאָטס זינד צוצורירן זיך

צו זיי. עס שמעקט פון די וואַלדיונגען מיט פערדמיסט. איך האָב אייביק געטראַכט צו האָבן אַ שטאָטישן, מיינער איז געווען אַ שיכור. דו מיינסט אַז איך וועל אַ גאַנץ לעבן וויינען נאָך אים? האַ־האַ־האַ...

אַ חודש איז פאַרביי. צוויי מאָל זענען פאַרפאָרן לאַסטמאַשינען מיט רוסן. איך האָב זיך דאָס דערוווּסט פון פּראָסקאָוויאַן נאָך דעם ווי זיי זענען אַוועק.

אַרויס אין גאַס איז געווען פאַר מיר אַ געפאַר ווייל די וואַלדיונגען זענען געווען פאַרשטעקט אויף דיביידעמער, אין די זומפּן און אין וואַלד. זיי האָבן קאָנטראָלירט די וועגן. ביידע עקספּעדיציעס פון די סאָוועטישע מיליטער־גרופּעס, וואָס זענען געקומען איינזאַמלען שפּייז, זענען באַשאָסן געוואָרן. די שאָפערן זענען דערהרגעט געוואָרן און די מאַשינען אונטער־געצונדן. עס איז געקומען אַ שטראָפאָפּטייל, אַרומגענישטערט אין דאָרף, מאָביליזירט די מענער פון אַכצן יאָר ביז זעכציק און זיי מיטגענומען מיט זיך אין שטאָט אַריין. די מאָביליזירטע זענען אָבער אָפּגעשלאָגן געוואָרן און דאָס רוב איז זיך צעלאָפן אין די וועלדער.

דער פראָנט האָט זיך געקייקלט אַלץ ווייטער און ווייטער און דערגרייכט שוין דעם טייך האַרין. וואָס ווייטער דער פראָנט האָט זיך אָפּגערוקט אַלץ הפקרדיקער איז געוואָרן דאָס הינטערלאַנד.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז אין איינעם אַ טאָג וועלן קומען קליינע גאַר־ניזאָנען און איינשטעלן רו און זיכערקייט אין די דערפער און אָפּהיטן די וועגן. דערווייל איז דאָס שטיק לאַנד זייטיק, עס ליגט נישט אויפן גרויסן טראַקט וואָס פירט צו די באַנוועגן און נישט צו די שאָסייען. די דערפער זענען אָרעמע, אָפּגערוקטע איינס פון אַנדערן. די סאָוועטן ווילן זיך איצט נישט באַשעפטיקן מיט די וואַלדיונגען ווייל זיי זענען נישט שעדלעך. איצט מוז אַוודאי אַלץ מאָביליזירט ווערן כדי דורכצוברעכן די דייטשע פּאָזיציעס ביים האַרין, דורכצורייסן זיך דורכן טייך בוג און גיין אויף וואַרשע. און נאָך אַ סיבה איז געווען פאַר וואָס מען האָט געלאָזט אומבאַ־שטראָפט די וואַלדבאַנדעס: מען האָט נישט געוואָלט, ממש לעבן דייטשן פראָנט, אָנהייבן שיסערייען מיט די באַוואָפנטע יונגען. זיי וואָלטן זיך לייכט

געקענט דורכרייסן דורך די סאָוועטישע פּאָזיציעס און אַנטרינען צו די דייטשן. בעסער זיי לאָזן צו רו, זאָלן זיי אַרומגראַסירן ווייל די שאָדנס וואָס זיי טוען אָן זענען נישט אַזעלכע געוואַלדיקע. זאָלן זיי זיך זאַמלען אין גרעסערע גרופּעס. דאָס וואָס דער פראָנט ציט זיך אויף הונדערטער קילאָמעטער נעמט ביי זיי אַוועק די מעגלעכקייט צו אַנטרינען צו די דייטשן און דער סוף וועט זיין אַז זיי וועלן פולשטענדיק אויסגעראָטן ווערן, נאָר דאָס וועט געשען מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער.

אָליק איז נישט צוריקגעקומען כאָטש מען האָט אים מאָביליזירט נאָר אויף עטלעכע טעג. איך האָב געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אַז כ׳זאָל קענען פאַרלאָזן פּראַסקאָוויאַס באַהעלטעניש און די געלעגנהייט איז אַלץ נישט געקומען.

די וואַלדיונגען האָבן זיך אַרומגעדרייט פּראַנק און פריי. זיי זענען געווען אומעטום: אויף די וועגן, אין די וועלדער און אַרום די זומפּן ביי די אָזערעס. זיי פלעגן אַריינקומען אין פּראַסקאָוויאַס כאַטע, בלייבן אַ צייט לאַנג ביים טיש און זויפן סאַמאָגאָן. דערנאָך פלעגט זיך פּראַסקאָוויאַ באַווייזן אויפן הייבוידעם. איך האָב שוין דערקענט איר שווערן אָטעם און די טריט אין היי. עס האָט זיך געטראָגן פון איר דער ריח פון סאַמאָגאָן און פון געפּרעגלטן חזיר. צעהיצט, גלאַנציק, מיט אַ ראָזער ווייסקייט איז געווען איר פּנים. איין מאָל האָט זי אויסגעטאָן דעם סוועטער און געזאָגט:

— וואָלאָדיאַ, איז טאַקע ריכטיק, אַז די מויד צו וועלכער מיין מוזשיק איז געקראָכן איז שענער פון מיר?

און איידער איך האָב נאָך באַוויזן אַ וואָרט אַרויסצורײדן זענען אירע ליפּן פייכט געוואָרן און אַ פּנים־רויטקייט האָט זיך פייערדיק אָנגעצונדן.

— נו ביסט שוין געזונט. איך האָב דיך אויסגעהאָדעוועט אַז זאָלסט מיך דערפרייען... אַז דו זאָלסט מיין צעוויטיקט האַרץ אַ טרייסט ברענגען... איך האָב תמיד געחלומט פון אַזאַ שוואַרץ־האָריקן און ליכטיק־אויגיקן ווי דו. די מלחמה האָט געגעבן אונדזערע פּויערים דאָס וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט; ביי יעוודאָכאַן איז די שטוב פול מיט קרישטאָל, מיט זילבער און מיט געבעטע מעבל. אַניטאַ האָט אַ שוואַרצן מאַנטל פון פוטער און אַ שטויס זיידענע נאַכטהעמדער. וואַרוואַראַ, די דינסטמויד, האָט געבראַכט פון שטאָט

אַ זשידיווסקי דאָקטער, אַ פּאַרשוין אין גאָלדענע ברילן מיט אַ פּנים פון אַ פּראָפעסאָר. זי שלאָפט מיט אים אין איין בעט. וואָלאָדיאַ, דו באַליידיקסט מיך...

פּראַסקאָוויאַ האָט געריסן פון זיך די קאָלירטע בלוזעס, די לייבלעך, און אַז זי איז שוין געווען האַלב נאַקעט האָט זי פאַרשטעלט איר פּנים און אָנגעהויבן וויינען שטיל אַזוי ווי אַ הונגעריקע וואָלפּיכע.

דער פראָנט ביים טייך האָרין האָט זיך איינגעשטעלט. די דייטשן זענען באַפעסטיקט אין ראָוונע. זייערע פּאָזיציעס ציִען זיך אויף דרום ביז דובנע און פון דובנע, מערבדיק, ביז די נאָפּט־גרובנס פון באָריסלאָוו. אויף צפון האָבן זיי זיך באַפעסטיקט לענג־אויס דעם טייך בוג און זאַמלען נייע גרופּעס אין בריסק.

די מאַכט אין דעם ראַיאָן, וווּ איך האָב זיך אויפגעהאַלטן, איז געלעגן אין די הענט פון די באַנדעראָווצעס און בולבאָווצעס. עטלעכע מאָל האָב איך געמאַכט פּרוּוון דורכצורייסן זיך צו די סאָוועטישע איינהייטן און עס איז מיר נישט געראָטן. דריי וויאָרסט בין איך געגאַנגען און בין אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די וואַלדמענטשן. זיי האָבן מיך געפירט צום עלטסטן, צוריק אין דאָרף אַרייַן. דער אַלטער ניקאָליי האָט מיך דערקענט און צוזאַמען מיט פּראַסקאָוויאַן האָבן זיי מיך באַפרייט.

אַזוי זענען פאַרביי נאָך עטלעכע חדשים. איך האָב געלעבט איצט פראַנק און פריי מיט פּראַסקאָוויאַן אין איר גרויסער כאַטע ביז אין איינעם אַ טאָג זענען געקומען דריי געפּאַנצערטע וועגענער און אַ טאַנק. נישט ווייט פון דאָרף האָבן אויפגעשטעלט געצעלטן סאָוועטישע זעלנער. זיי זענען געקומען גלייך פון פראָנט אויף אָפּרו.

איך בין אַוועק מיט די סאָוועטישע זעלנערס. פּראַסקאָוויאַ איז געשטאַנען אין טויער פון איר כאַטע מיט הענט פאַרלייגטע אויף די באַקעס, דאָס פּנים — קאַלט, פרעמד און די ליפּן — פאַרפרעסט. זי האָט געקוקט צו מיר נאָר איך האָב געשפּירט אַז איר בליק קוקט מיך אַריבער, זי קוקט צו די זומפּן, צו די בלויע וואַלד־האָריזאָנטן די נעפּלדיקע ווי זי וואָלט פון דאָרט דערוואַרט אַ הילף און אַ טרייסט. איצט האָב איך בולט געזען אַז זי איז גרויס, ברייט

אין די בריסט און דאָס קורצע, אויסגענייטע פעלצל מיט פאַרשיידענע אוזאָרן, שטייט אָפּ און אַנטפּלעקט איר קאַנטיקן בויך, ווי זי וואָלט אים אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמען מיט אַ להכעיסדיקער גאווה.

בעת די געפּאַנצערטע אויטאָס האָבן זיך צערוישט און גערירט פון אָרט איז זי האַסטיק צוגעלאָפן צו מיר און געזאָגט: וואָלאָדיאַ... און דערביי געוויזן מיט איר האַנט אויפן שפּיציקן בויך.

אַ פינף וויאָרסט פון דעם דאָרף, אויף מערב, בעת מיר זענען אַריין אין אַ פעלד פון נידעריקע קזשאַקעס האָט מען אויף אונדז געעפנט אַ פייער. עטלעכע קוילן האָבן אַ פּויק געטאָן אין שטאָל פון פּאַנצער־וואָגן. דער שאָפער האָט האַסטיק פאַרקערעוועט און אונדזער פּולעמיאָט האָט אָנגעהויבן צו שטעפּן. קיינער האָט מער נישט געענטפערט אויף אונדזער שיסעריי. מיר זענען אַראָפּ פון די וועגענער ווייל אַ קייט האָט זיך איבערגעריסן פון אַ ציינערדיקן ראָד. מיט אַ מאָל, אַ באַנייט שיסעריי פון גאָר נאָענט. איך בין געפאַלן אויף דער ערד און עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך האָב זיך צעקלאַפּט די האַנט אָן דעם שטאָל פון ראָד. דער ווייטיק איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער. די שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט. מיין אָרעם איז געווען דורכגעשאָסן. אויך דער שאָפער איז געווען פאַרוווּנדיקט. מיר האָבן זיך איבערגעזעצט אין אַנדערן וואָגן און אַוועקגעפאָרן כדי צו אַלאַרמירן הילף. אויפן אָרט זענען געבליבן עטלעכע סאָלדאַטן מיטן טאַנק און מיט דעם פּולעמיאָט.

איך בין איבערגעשיקט געוואָרן פון לאַזאַרעט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. די וווּנד איז געווען אַ לייכטע און דאָך האָט זי זיך שלעכט געהיילט. נאָך צוויי חדשים האָט מיך אַ מיליטער־קאָמיסיע באַטראַכט און אַרויסגעגעבן אַ מאָביליזאַציע־צעטל. די סאָוועטישע אַרמיי איז שוין דעמאָלט געשטאַנען ביי דער ווייסל.

איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו דער אינטענדאַנטור און לסוף, פול־שטענדיק באַפרייט פון דער אַרמיי.

כ׳בין געפאָרן זוכן מיינע עלטערן, מיינע ברידער. איך האָב אַרומגע־געוואַנדערט איבער פּוילן אין די אָפּגעטראָגענע מלחמה־קליידער, אויסגעוועזן

אין די שטעטלעך פון פויזנער געגנט און לסוף זיך באַזעצט אין דער פאָר־שטאָט פון וואַרשע, אין פּראַגע. איך בין יעדן טאָג געגאַנגען צום ייִדישן קאָמיטעט לייענען די רשימות, זוכן באַקאַנטע און יוגנטפריינד. איך האָב געשיקט בריוו קיין ישׂראל און געוואַרט אויף אַן ענטפער. אין יענע טעג האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ שליח פון דער ייִדישער בריגאַדע. מען האָט שוין געוווּסט אין ישׂראל אַז איך בין נישט אומגעקומען, אַז איך לעב. עס זענען אָנגעקומען פאַר מיר בריוו און פּאַפּירן צוריקצופאָרן. איך האָב אָבער באַשלאָסן צו בלייבן אין פּאַרוויסטן וואַרשע נאָך אַ שטיקל צייט. איך האָב געוואָלט צונויפזאַמלען ידיעות וועגן מיין משפחה.

מיין ווונד האָט זיך לסוף פאַרהיילט און די שרעק אַז דער נערוו איז באַשעדיקט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אומזיסטע. מיינע פינגער פון דער לינקער האַנט האָבן באַקומען צוריק זייער קראַפט און איך האָב שוין געקענט אַפילו מיט זיי אויפשליסן די טיר פון דעם צימער וואָס איך האָב געהאַט אין אַ פּראַגער געסל.

איך בין געבליבן איינער אַליין. מיינע עלטערן זענען אומגעקומען, די ברידער פאַרפייניקט געוואָרן אין אוישוויץ. עמעצער האָט געזען מיין טאַטן אויפן אומשלאַגפּלאַץ אין וואַרשע. מיינע שול־חברים זענען געווען פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אויף די פראָנטן, אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, אויף דער אַרישער זייט און אין סיבירער טייגעס. זיי זענען געשטאָרבן אין די געטאָס פון הונגער און פּיין. איינער איז געווען אַ קאַפּאָ. טייל פון מיינע חברים זענען געפאַלן אויף די פראָנטן, ביי מאָסקווע, ביי קאַלוגע און ביי לענינגראַד, אין די פּוילישע בריגאַדעס. טייל זענען געשטאָרבן בעטלענדיק אַ פּיצל ברויט אין די לאַגערן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין דערפער און מען האָט זיי דערשלאָגן מיט שטעקנס אין מיטן פון פּוילישע גאַסן, פון דאָרפס־מערק, ביי די קירכעפּלעצער. עטלעכע זענען צוריקגעקומען פון מיטל־אַזיִע וווהין דער פּליטים־שטראָם האָט זיי פאַרטראָגן נאָכן אַנטלויפן פון פּוילן. איך האָב די איינגעקוואַרטע און איינגעדאַרטע קוים דערקענט.

— איך האָב געזען ווי דיין פאָטער האָט נישט געוואָלט אַריין אין די וואַגאָנען. אַ דייטש האָט אים דערלאַנגט מיט אַ שפּיצרוט. ער האָט זיך

מיט אַ מאָל אויסגעגלייכט און זיין זילבערנע באָרד, די קורץ־געשניטענע האָט אַ לויכט געטאָן.

דאָס איז געווען די לעצטע ידיעה וועגן מיין פאָטער.

איך בין געשטאַנען שעהען ביי אַ קליין געוועלבל און געקוקט אויף אַ פּאָר ברילן מיט אַ זילבערן רעמל און צו זיך אַליין געשעפּטשעט: אַזעלכע ברילן האָט מיין פאָטער געטראָגן. איך האָב געקויפט די ברילן און איך האָב זיי אין מיין בוזעם. דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב מיטגענומען פון מיין היים פּוילן.

יאָ, איך האָב מיטגענומען מיט זיך, אין מיין זכּרון, די קאַלטע פרעמדע פּנימער פון די פּאָליאַקן. זיי האָבן מיר געענטפערט מיט שטילע רייד, מיט אַן אַקסלצוק, מיט פאַרדאַכט און מיט שרעק אויף מיינע פראַגעס. זיי האָבן זיך געצלמט בעת איך בין אַריבערגעטראָטן זייערע שוועלן און אַז איך בין אַוועק, האָבן זיי געזאָגט: „אידזש ז׳באָגיעם״. די פרויען זייערע זענען דערנאָך געשטאַנען ביי די פענצטער, די פאַרהאַנגענע מיט ווייסע גאַרדינען און לאַנג מיר נאָכגעקוקט ביז איך בין פאַרשוווּנדן. איך האָב דערקענט אַז זיי היטן מיין בליק, בעת איך בין געווען אין זייערע שטיבער. איך האָב אויסגעמיטן צו קוקן אויף די קרעדענסן פול מיט זילבער, אויף די שאַפעס מיט שפּיגלען, אויף דעם געבעטן מעבל, אַז עס זאָל זיך זיי נישט אויסדאַכטן אַז איך בין געקומען אָפּנעמען דאָס וואָס געהערט נישט זיי. מיין באַווייזן זיך אין קליינעם שטעטל האָט אַרויסגערופן אומרו. זייערע טעכטער האָבן נישט אָנגעטאָן די פוטערנע מאַנטלען. אין אָוונט איז געקומען צו מיר מיינס אַ קריסטלעכער שול־חבר, וואָס אין זיין רשות האָט זיך איצט געפונען די ייִדישע מיל און דער טאַרטאַק, און ער האָט מיר געזאָגט: „דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען דו פאָרסט אַוועק. מיט אַ וואָך צוריק האָט מען דאָ דערמאָרדעט צוויי ייִדן וואָס זענען געקומען אָפּנעמען זייערע פאַרמעגנס״.

איך בין אַדורך די טשעכישע גרענעץ און אָנגעקומען אין דער שטאָט נאַכאָד. דאָרטן האָבן שוין געוואַרט וואַגאָנען וואָס האָבן אונדז געפירט קיין עסטרייך. אין ווין האָב איך זיך דערוווּסט אַז איך דאַרף תיכּף פאָרן קיין איטאַליע. עס איז שוין רעזערווירט פאַר מיר אַן אָרט אין איינער פון די

שיפֿן וואָס פֿירן אומלעגאַל עולים קיין ישׂראל. עמעצער האָט מיר פֿאַר־געשלאָגן צו בלייבן אַרבעטן אין אַ קעמפּ פֿון „אונרא" אין דייטשלאַנד אָדער עסטרייך. איך האָב אָבער מער נישט געוואָלט בלייבן אין נאָכמלחמהדיקן אייראָפּע. דריי טעג האָב איך זיך אויפֿגעהאַלטן אין אַ פֿישער־שטעטל. מען האָט נישט געזאַמלט די עולים אין די גרויסע האַוונס, ווייל די ענגלענדער האָבן נאָכגעשפּירט די באַוועגונגען פֿון די עמיגראַנטן כּדי זיי דערנאָך צו פֿאַרהאַלטן אין די טעריטאָריאַלע וואַסערן פֿון ארץ־ישׂראל און פֿאַרשיקן אין די לאַגערן. עס איז שוין געווען צוויי חדשים נאָך דער קאַפּיטולאַציע פֿון דייטשלאַנד. אין אַ הייסן יולי־טאָג זענען מיר אַרויס אין פֿולן ים. מיר זענען געווען אַכציק פּאַסאַזשירן, דאָס רוב יונגע מענטשן אין מיליטער־עלטער. גלייך ביים אַריבערטרעטן דעם באָרט פֿון דער שיף האָט מען אונדז געמאָלדן אַז מיר זענען מאָביליזירט אין דער הגנה און פֿון איצט אָן ווערן מיר באַטראַכט ווי ייִדישע סאָלדאַטן.

ווען די שיף האָט גערירט האָב איך זיך אויסגעקערעוועט מיטן רוקן צום ברעג און מיטן פּנים צו די ים־ווייטן. דאָס איז געווען אַ בייז אָפּקערן זיך מיט דער פֿלייצע צו אייראָפּע, מיין צווייטע געזעגענונג מיט דעם וועלט־טייל. אין דעם פּחד מיינעם אויסצוקערעווען זיך צום ברעג איז שוין געווען פֿאַרבאָרגן די אַנונג אַז איך וועל ווידער אַ מאָל באַטרעטן די ערד וועלכע איך פֿאַרלאָז איצט.

אויף דעם שטילן ים האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע נאַכטקאָשמאַרן. איך האָב מיטגעמאַכט דעם וועג פֿון מיינע עלטערן און דעם טויט פֿון מיינע חברים. ביי טאָג בין איך געזעסן אין אַ ווינקל, געקוקט אויף די כוואַליעס, האָב אויסגעמיטן שמועסן, נישט געשלאָסן קיין באַקאַנטשאַפֿטן, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טונקלען, האָב איך זיך פֿאַרהילט אין אַ פּלעד און ביז האַלבער נאַכט געלעגן אויפֿן דעק. ערשט די מיטנגאַכטיקע קעלט האָט מיך פֿאַרטריבן אין דער קאַיוטע. ווען מיר זענען דערשוווּמען צו די שטורמישע וואַסערן ביי קרעטאַ, האָב איך ווי דערוואַכט און צעריסן דעם בריוו וואָס איך האָב געפֿירט מיט זיך פֿון מירעלאַ. איך האָב אים צעריסן אויף קליינע שטיקלעך און געוואָרפֿן אין שוואַרצן נאַכט־ים.

מירעלאַ האָב איך באַגעגנט עטלעכע טעג פאַר מיין אַוועקגיין פון וואַרשע. די דאָזיקע באַגעגעניש האָט מיך געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די פּוילישע ערד וואָס פריִער.

איך האָב ביז איצט נישט דערציילט וועגן מירעלאַ. פאַר וואָס? אפשר דערפאַר ווייל זי איז געווען אַזוי נאָענט צו מיר און איך האָב נישט געוואָלט אַרויסרופן איר געדעכעניש דורך רייד און אַפילו נישט דורך די קלענסטע פראַגעס וועגן יענעם נעכטן כדי עס זאָל אויף איר נישט פאַלן דער שאָטן פון דער דורכגעלעבטער נאַכט פון גרויל.

מירעלאַ איז נאָך אַלץ געווען שיין. בלויז איר קול האָט זיך געביטן; עס איז געווען הייזעריק, פאַרדעמפּט און בעתןריידן האָט זיך געדאַכט אַז עפּעס רייסט זיך אין אים. איך האָב זי געזען דאָס לעצטע מאָל ערב מיין מאָביליזאַציע אין דער פּוילישער אַרמיי, אין יאָר 1939. זי איז געווען פאַר מיר ווי די פּרינצעסין פון אָריענט. שוואַרצע צעפּ, אומרו:קע אויף איר מיידלברוסט. אַ געפאַלדעוועט ציגיינער־קלייד וואָס האָט זיך געכוואַליעט. זי איז געגאַנגען מיט מיר איבער מאַזאָווער פעלדער, ביי די ברעגן פון ברייטע טייכן מיט אַזאַ גאַנג ווי עס גייען באַלעט־טענצערינס ביי דער באַלויכטענער ראַמפּע. זי האָט מיך באַגלייט אין דער אַרמיי אין טאָג ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט די דייטשן. איך בין געקומען צום ראָג לעשנאָ און קאַרמעליצקע מיטן רוקזעקל. דאָס איז געווען די לעצטע באַגעגעניש. איצט שטייט זי פאַר מיר, אין פראַגע, לעבן וואַרשע, ביי די טרעפּ פון אַ צעשטערט הויז. איך האָב געוויינט. מיר זענען אַוועק צו די חורבות פון וואַרשע, דורכגעגאַנגען די פּראָוויזאָרישע בריק, געבלאָנדזשעט, ביז עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז דאָס זעלביקע אָרט ווו מיר האָבן זיך געזעגנט אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה. איך האָב צו איר געזאָגט: „מיר וועלן פון היינט אָן זיין צוזאַמען. זעסט, מירעלאַ, דאָס איז דער ווילן פון די הימלען".

מיינע רייד זענען געבליבן אָן אַן ענטפער. איך האָב זי געקושט נאָר אירע ליפּן זענען געווען קיל, פאַרשלאָסן. זיי האָבן באַרירט מיין פּנים עטלעכע מאָל און די קילקייט האָט מיך געמאַכט אויפציטערן.

— דו האָסט עמעצן? ביסט נישט פריי?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. איך האָב פאַרשטאַנען אַז זי מײַדט אויס צו ריידן כדי נישט צו אַנטפּלעקן איר הייזעריק קול.

— עס וועט פאַרגיין — האָב איך שטיל געזאָגט — ביסט מיד, מירעלאַ.

זי האָט מיר נישט געגעבן איר אַדרעס. זי האָט מיר געזאָגט אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט זי קומען מיך זען. איצט מוז זי ערגעץ פאָרן. זי האָט אַ ידיעה אַז אין אַ מאָנאַסטיר האַלט זיך אויף עמעצער פון אירע נאָענטע. איך האָב מירעלאַן שוין מער נישט געזען. עמעצער האָט מיר איבערגעגעבן איר בריוו.

„זײַ נישט בייז, וולאַדימיר. איך בין אַוועק פון פוילן. איך פאָר קיין בראַזיל מיט אַ מענטש וואָס איז געווען אין לאַגער אַ קאַפּאָ. איך האָב אַנדערש נישט געקענט. דאָס וואָס איך וויל דיר זאָגן איצט איז אַ ביטערער אמת: איך בין געווען דרײַ יאָר אויף דער אַרישער זייט און זיך אויפגעהאַלטן אַלס גאַסנפרוי. איך בין צו ערשט שאַנטאַזשירט געוואָרן. „דו ביסט שיין און עס איז אַ שאַד אַז זאָלסט זיך וואַלגערן ווי אַ געפּגרטע קאַץ אויפן מיסטקאַסטן". איך האָב געוואָלט לעבן. און איך האָב געלעבט. דערנאָך, ווען דער אויפשטאַנד פון די פּאָליאַקן אין וואַרשע איז דערשטיקט געוואָרן בין איך פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער. איך האָב געלעבט מיט קאַפּאָס, מיט לאַגער־עלטסטע, מיט דייטשן. איך האָב נישט געוואָלט שטאַרבן. איך האָב מײַן לעבן געקויפט פאַרן פרייז פון מײַן לעבן. דו וועסט מיך תמיד צוריקפירן צו יענע טעג פון ערב מלחמה. דו ביסט דורכגעגאַנגען די מלחמה ווי אַ גיבור. דיר קומט אַן אַנדער גורל ווי צו האָבן אַ ווײַב אַ גאַסנמויד וואָס דער נידעריקסטער יונג פון וואָליע איז מיט מיר געלעגן. אַ קצב־יונג פון וואָלין האָט באַקומען פּאַפּירן פון זײַנס אַ ברודער. ער האָט אַ מעגלעכקייט מיך מיטצונעמען. אין דרײַ טעג אַרום וועט אָפּפליִען דער עראָפּלאַן פון דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד. איך שרײַב דיר דעם בריוו ערב מײַן אַוועקפאָרן. איך פיל זיך גוט וואָס איך פאַרלאָז די ערד און וואָס דער פאַרגרעבטער יונג, דער קאַפּאָ, נעמט מיך אַוועק. זײַ גליקלעך, וולאַדימיר".

מײַן גימנאַזיע־חבר וויקטאָר איז אומגעקומען אין מיטן מאַרק פון

אונדזער שטעטל. די דייטשן האָבן אים אַרומגעפירט אויף אַ לאַנגער שטריק, צוגעבונדן צום האַלדז, זיינע פוילישע קאָלעגן האָבן אים געשלאָגן מיט שטעקנס. ער איז געפאַלן, אויפגעהויבן זיך און ווידער געלאָפן מיט אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן און מיט אַ פּנים פאַרגאָסן פון בלוט. ער האָט אַ צייט געלעבט אויף פאַלשע פּאַפּירן ווי אַן אַריער. די דייטשן האָבן אים פאַרהאַלטן און באַשולדיקט אין שמוגלען, עס איז זיי אַפילו נישט איינגעפאַלן אַז דער יונגער העל־האַריקער וויקטאָר איז אַ ייִד. ער האָט אויסגעזען צו זיין מער אַריער ווי פיל דייטשן. בעת דער עסקאָרטע צו דער תּפיסה איז ער אַנטלאָפן. די פאַלשע פּאַפּירן זענען געווען אויסגעשטעלט אויפן נאָמען פון זיינעם אַ טויטן חבר. ער האָט זיי באַקומען פון די ברידער. מען האָט אַרעסטירט די קריסטלעכע משפּחה און אַזוי אַרום זענען זיי דערגאַנגען וועער עס איז אויף אַן אמת דער אַנטלאָפענער. מען האָט פאַרהאַלטן וויקטאָרס עלטערן. די דייטשן האָבן באַפוילן אויב אין פיר און צוואַנציק שעה וועט זיך וויקטאָר נישט צושטעלן וועט מען דערשיסן די צוויי משפּחות, די ייִדישע און קריסטלעכע. וויקטאָר האָט זיך צוגעשטעלט. אַ גאַנצן פרימאָרגן איז אַרומגעגאַנגען דער פויקער פון מאַגיסטראַט און געפויקט אָנזאָגנדיק אַז אין די מיטאָג־שעהען וועט פאָרקומען אַן עקזעקוציע. מען האָט אים געפירט אויף אַ לאַנגער שטריק, דער המון איז נאָכגעלאָפן, באַגלייט אים מיט קלעפּ פון שטעקנס און בייטשן.

יאַקובטשיק, דער נידעריקער, מיט די אָפּשטייענדיקע הענט, די פאַר־ביילטע, ווי ער וואָלט אַרומגעגאַנגען אויף אַ באָקסרינג, דער זון פון אַן עופות־הענדלער, איז געוואָרן אַ פּאָליציאַנט אין געטאָ און דערנאָך, אַ קאַפּאָ אין לאַגער. ער איז געזעסן אין שול אויף איין באַנק מיט מיר. אַ פולער, מיט מוסקולירטע הענט, האָט ער געטריבן די טויט־פאַרמשפּטע דורך די שמאָלע שטעגן פאַרצוימטע מיט שטעכיק דראָט צו די קרעמאַטאָריעס.

— „פּאַטער, לויף שנעל. זאָלסט זיך נישט אומקוקן. דאָס איז דער סוף" — האָט ער געזאָגט זיין טאַטן אין אוישוויץ.

אַרטור, דער זון פון טאַרטאַק־אייגנטימער, מיין בעסטער חבר, איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אין בוכנוואַלד. אַרום זענען געשטאַנען פינף טויזנט קאַצעטלער און צוגעקוקט זיך צו דער עקזעקוציע.

דער קליינער יוזשעק איז אומגעקומען אין געטאָ־אויפשטאַנד. ער איז געפאַלן אויפן פּלאַץ מוראַנאָוו.

אַראָנטשיק איז געשטאָרבן אין ווייטן טאַשקענט, אין אַ ליימענער קיביטקע פון אַ סאָווכאָז. ער איז אויסגעגאַנגען פון הונגער, פון טיפוס. ער האָט תמיד געשפּילט דעם צענטער אין אונדזער פוטבאָל־דרוזשינע. איך זע אים נאָך פאַר זיך אין דער בלאָ־ווייסער ספּאָרטבלוזע מיט דער אויסגענייטער גאָלדענער מנורה.

אַדעלאַ האָט זיך אַרויסגעוואָרפן פון אַ צוג וואָס איז געגאַנגען קיין טרעבלינקע. זי האָט זיך דערנאָך אָנגעשלאָסן אין די פּוילישע פּאַרטיזאַנער און אומגעקומען אין וואַרשעווער אויגוסט־אויפשטאַנד אונטער באָר־קאָמאָ־ראָווסקיס אָנפירערשאַפט. מען האָט זי געזען אַריינוואַרפן זיך אין דער ווייסל, בעת די דייטשן האָבן פאַרנומען די אַלטשטאָט און דעם בייווייסל־ברעג.

אלכסנדר, דער וואָס האָט געשריבן לידער אין פּויליש, איז אומגעקומען אין קרעמאַטאָריע. אין געטאָ איז ער געוואָרן פרום. מען האָט אים געזען צווישן זקנים אין בית־מדרש לערנען קבלה. ער האָט זיך נישט געשוירן, נישט געזוכט ווו צו באַקומען שפּייז. בעת דער אויסזידלונג האָט ער זיין גוף אַרומגעוויקלט מיט דעם פּאַרמעט פון אַ ספר־תורה און אַזוי איז ער פאַרטריבן געוואָרן צום אומקום.

שמעון איז אַוועק מיט די אָפּטרעטנדיקע גרופּעס פון פּוילישן מיליטער קיין רומעניע, דערנאָך קיין אונגאַרן און פון דאָרט איז ער אַריבער קיין פראַנקרייך. ער האָט זיך געשלאָגן אין דער פראַנצויזישער רעזיסטאַנץ און אומגעקומען פון אַ דייטשער קויל אין אַ שלאַכט.

אלחנן איז אומגעקומען אויפן פראָנט, אין דער סאָוועטישער אַרמיי אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן. ער איז געפאַלן ווי אַ העלד ביי דער עלבע.

סאַמועל האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין איינעם פון די פּאָרשטאָט־געסלעך פון פּויזן, ביי אַ באַן־אַרבעטער. דריי יאָר האָט ער זיך געפונען אין אַ נישע צווישן צוויי ווענט.

מאַרישאַ, די טאָכטער פון אַ פּי־סוחר, האָט געפונען שוץ ביי אַ גאַסנפּרוי.

— „דיין פאָטער האָט מיך גוט באַהאַנדלט. יעדן פרייטיק, נאָכן יאַריד פלעגט ער קומען צו מיר. דעם פרייטיקדיקן טאָג האָב איך קיינעם נישט

אויפגענומען. עס איז געווען דיין פּאַטערס טאָג״. די געעלטערטע פּראָסטי־טוטקע האָט זי אויסגעהיטן און אַרומגעהוליעט מיט פּאָלקס־דייטשן, שמאַל־צאָוניקעס און פּוילישע פּאָליציאַנטן. מאַרישאַ איז אַרויס אויף דער פריי מיט אָנגעדראָלענע אָדערן ביי די שלייפן און מיט אַן אויסטערליש געפיל צו איר טאַטן מיט דער שטעכיקער באָרד, מיט די פעסטע הענט. אַ שאָטן איז געפאַלן אויף זיין אָנדענק. זי איז בעת דער באַפרייונג אַלט געווען דריי און צוואַנציק יאָר.

איך האָב זיי אַלעמען געזען אין מיינע קאַשמאַרן אויף דער שיף. זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט, ווער מיט טויטע אויגנלעכער, ווער געהילט אין פלאַמען און ווער מיט אויסגעשטרעקטע הענט און מיילער אויסגעקרימטע פון הונגער, פון פיין.

און איך ?

איך האָב זיך באַהאַלטן אויף הייבידעמער, איך האָב געפונען שוץ אין די וועלדער און ערשט איצט האָב איך באַנומען ווי נישטיק עס איז געווען מיין געראַנגל און ווי אומווערדיק עס זענען געווען מיינע טעג און נעכט אַ געפאַנגענער ביי פּראַסקאָוויאַ.

דער אייגנטימער פון דער גאַלעריע וויל פון מיר אַבסטראַקטע בילדער, „נישט־פיגוראַטיווע״ אַזוי רופט ער זיי. איך האָב זיך אויפגעלייזט אין מיינע קאָמפּאָזיציעס. נישטאָ מער די מינדסטע אַלוזיע פון אַ פּייזאַזש, אַפילו נישט אין אַ נעפל ווו ס׳בלינצן אַרויס פון וואָלקנס ליכטפּונקטן, נישט די אָנדייטונג פון אַ שטיללעבן. עס איז נישט מער ווי כאַאָס פון פאַרבן, געוואָרפענע דרייסט, אָפט מאָל אַרויסרופעריש און פּראָוואָצירנדיק. איך האָב גענוצט רויע פאַרבן, שאַרפע, אויף אַ שליימיק־גרינעם הינטערגרונט. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך באַנומען אַז די שאַרפע פענדזלשמירן, די ווער־טיקאַלע, מיט עפּעס אַן אויסגעלאָשענעם גרוי, זילבערן זיך ווי די פאַר־טריקנטע טשערעט־קוסטעס אין די זומפּן.

מסיע קאַראַטאַנאָוויטשעס בליק האָט פאַרבאָרגן די צופרידנקייט וואָס איך האָב דערקענט, בעת ער האָט באַטראַכט די נייע לייוונטן מיינע. ער האָט זיי פאַרקויפט אין פּאַריז, אין ציריך און אין לאָנדאָן. עס האָבן געקויפט

די בילדער מענטשן וואָס האָבן געוואָלט אויפרייסן די שטילקייט פון זייערע היימען, זעט אויס, אַז דער לאַנגווייל האָט זיי געפּייניקט אין די מאָדערן־געבויטע וווינונגען. זיי האָבן געוואָלט אַז די דירה זאָל איבערגעפולט ווערן מיט דעם געשריי פון פאַרבן, מיט די אומזיניקע שאַרפע שטריכן וואָס האָבן זיך אין אַבאַזשור־ליכט געזילבערט. עס האָט זיך גוט אַריינגעפּאַסט צום פּאַטעפאָן וואָס האָט געליאַרעמט מיט טוויסט און טשאַ־טשאַ־טשאַ. דאָס איז אַ מאַלעריי וואָס אָנערקענט נישט דעם נעכטן און זאָרגט נישט פאַרן מאָרגן. זי אָנערקענט נאָר דעם היינט וואָס איז באַפרייט פון אַלע עולן. עס איז די שעה פון צעשטערטע ליניעס, פון מעכאַנישע קלאַנגען פאַרטויבנדיקע, וואָס רודערן אויף דעם חלל און פילן אים אָן מיט אַ גערויש און אַ געטומל ווי פון דעפאָרמירטע מוזיק־כלים.

דער מענטש איז דעפאָרמירט געוואָרן בעת דער מלחמה, בעת דער מפּלה. העלדן? ווידערשטאַנדלער? זיי זענען דאָס געוואָרן קעגן אייגענעם ווילן. פּחדנות. אויסגערעכנקייט. הכנעה. פּלענער אויף מאָרגן, ווען עס וועט קומען דער טאָג און דער מלחמה־טייך וועט צוריקגיין צו זיינע ברעגעס. הייליקייט, אויסגעלאַסנקייט. גאַרונג צו געלט, צו מאַכט, צו פרויענלייב. עס איז אַלץ איינס צי דאָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך שאַנטאַזש, דורך חניפה, דורך נישטיק־פּאַיאַצישע שטיק. די דייטשן האָבן פאַרדאָרבן אַלעמען, אַפילו זייערע קרבנות. קיינער איז נישט אַרויס ריין און אומשולדיק פון גיהנום. קיינער נישט! היי, טעמפּע ניגונים, מידבר־געוואָי און פויקן־געשאַל פון דזשונגל! העכער און העכער! עפנט אויף ביזן לעצטן די ראַדיאָס און פּאַטעפאָנען און טאַנצט, יונגוואַרג, אין געפּרעסטע קליידער, פאַרפומירטע, פּאָמאַדירטע מיט פּערלען אין די קראַוואַטן, מיט פּערלען אויף די העלדזער! פרויען שלאַנקע, רייצנדיקע! אייערע אויגן האָבן מער נישט דעם עראָטישן עקסטאַז, ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ בליץ. זיי באַוועגן זיך מידע, מיט אַ באַדויערן ווייל עפּעס שיינס האָט אַ פינקל געטאָן פאַר זיי ווי אַ שטערן און איז געפאַלן אין אָפּגרונט. זיי קענען זיך שוין נישט אָפּשטעלן און מוזן זיך ריטעמלאָז באַוועגן ביז דאָס געוואָי וועט פאַרגיין.

פאַר זיי מאָל איך, זיי קויפן מיינע בילדער און הענגען זיי אויף אין די שלאָפצימערן, אין די סאַלאָנען.

איך האָב פֿאַרבראַכט מיט פּאַביאַנען אין די פּאַריזער נאַכטקלובן. מיר האָבן געטאַנצט די מאָדערנע טענץ ביז דער לאַנגווייל איז אונדז באַפֿאַלן. דער ריטעם האָט מיך אויסגעלייזט און דאָס באַוועגן זיך אַ צוגעשמידטער צום אָרט האָט מיר געגעבן די אילוזיע אַז די וועלט וויגט זיך מיט מיר און אַרום מיר און אַז אַלץ וועט באַלד פֿאַרלירן די גלייכוואָג.

ווידער זענען פּאַביאַנען באַפֿאַלן משונהדיקע טעג.

זי האָט נישט געענטפֿערט אויף מיינע טעלעפֿאָנען, געווען בייז פֿאַר וואָס איך קלינג אַזוי אָפֿט און עקשנותדיק. טייל מאָל פֿלעגט זי צוגיין צום טרייבל, נישט פֿרעגן זיך ווער עס איז און עס אַ שליידער־טאָן. עטלעכע מאָל האָט מיר אַ מענערשטים געענטפֿערט און איך האָב געוווּסט אַז דאָס איז פֿיליפּ.

איך בין אַוועק אין איר ביוראָ. די סעקרעטאַרין האָט מיר געגעבן אויס־מיידנדיקע ענטפֿערס. זי האָט געזאָגט אַז פּאַביאַן איז אין אַמסטערדאַם, אַז זי וועט די טעג קומען און ערגעץ באַלד נאָך דעם אַוועקפֿאָרן. איך האָב געוווּסט אַז עס איז ליגנט. ניין, עס איז נישט נאָר געווען פֿיליפּ, עס איז געווען נאָך עמעצער, וואָס פֿלעגט אָפֿט קומען צו פֿאָרן פֿון ניו־יאָרק און פּאַביאַן איז דעמאָלט אַוועק מיט אים. איך האָב דאָס אָנגעהויבן פֿאַרשטיין ערשט דעמאָלט ווען די גאַלעריע־סעקרעטאַרין האָט מיך איין מאָל פֿאַרבעטן אויף אַ קאַווע. זי האָט מיר דערציילט וועגן פּאַביאַנס אַ וויזיט אין דער גאַלעריע מיט אַן אַמעריקאַנער וואָס האָט אויף פּאַביאַנס רעקאָמענדאַציע געקויפֿט עטלעכע מיינע לייוונטן. די בילדער זענען היינט פֿאַרפּאַקט געוואָרן און זיי וועלן געשיקט ווערן צום עראָפּלאַן וואָס פֿליט אָפּ אין פֿינף טעג אַרום קיין ניו־יאָרק.

— אויפֿן זעקסטן טאָג וועט פּאַביאַן קומען צו דיר. זי וועט שוין זיין פֿריי. אַזוי האָט מיך געטרייסט די הויכע, לאַנגפֿיסיקע קלאָדין.

— ווּעסט קענען אַזוי לאַנג וואַרטן, יינגל? — האָט זי מיך געפֿרעגט און איידער איך האָב נאָך געענטפֿערט האָט זי צוגעגעבן:

— דו האָסט איצט פֿרייע אָוונטן. אויך איך האָב פֿרייע אָוונטן.

אין דעם טאָג האָבן מיר געגעסן ביים „בלינדן שטערן־זוכער”. די פּאָפּוגיי האָט מיך באַגעגנט מיט אַ מיאוס לאַכן.

— צעלעסטין... צע־לעס־טין...

קאַלעט פאַרריכט די פריזור און טוט אָן אַ פרישן פאַרטעך. איך זע זי אין קליינעם קאָרידאָר ביים שפיגל.

— באַנזשור מסיע וולאַדימיר...

איך האָב דערקענט איר צופרידנקייט וואָס איך בין נישט געקומען מיט פאַביאַן, נאָר מיט אַ צווייטער.

— האָסט אויף דיין פּאַלעטע אַ נייע פאַרב ?... כאַ־כאַ־כאַ...

זי לאַכט מיט דער ראַפינירטקייט פון אַ קעלנערין און אַז זי איז געשטאַנען אונטערן רוקן פון קלאָדין האָט זי אַ טייטל געטאָן אויף איר און געזאָגט : — גראַנד סוקסעס...

קלאָדין האָט באַשטעלט די טונקעלע ים־מושלעס וואָס זענען פון טונקלקייט אַזש בלאָ. מיר האָבן געטרונקען דעם רויטן וויין „סאַן אַמור״ און ווען די כוסות זענען געוואָרן ליידיק האָט זיך ווידער צעשריגן די פּאַפּוגיי. עס איז שוין נישט געווען דאָס פריערדיקע פּאַפּוגיי־געפּלאַפּל נאָר עפּעס אַ כיקעריי.

דער נאָטר־דאַם איז באַלויכטן. די סען טונקלט זיך, עס צאַפּלען אויף די לאַמטערנעס אויף די כוואַליעס און ווערן פאַרלאָשן. ביים שטאַם פון אַ בוים, אין דער נידער, נישט ווייט פון די בריקזיילן, גליִען צוויי פונקען. דאָס זענען אַוודאי קלאָשאַרן. איך שטיי מיט קלאָדין אויף דער אַנדערער זייט ברעג און אָבסערוויר די שפּיל פון די פונקען. אָט דערנענטערן זיי זיך און אָט גיסן זיי זיך צונויף אין איין פונק און אָט צעשיידן זיי זיך.

ביים מיטלסטן זייל פון דער בריק וואַכט אַ שטיינערנער ריטער. די וואַסערן דערגייען אים היינט ביז דער ברוסט און אויף זיינע אַקסל ליגט די בריק.

— עס איז דיר קאַלט ? — האָב איך זי געפרעגט בעת איך האָב דערפילט ווי איר אָרעם האָט אַ ציטער געטאָן.

איך האָב פאַרהאַלטן אַ טאַקסי.

— קלאָדין, איך וועל דיך באַגלייטן אַהיים.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— דו ווילסט אַליין אַהיימפאָרן ? — האָב איך געפרעגט.

— ווילסט מיך נישט ? — האָט זי חידושדיק געזאָגט.

אויף די טרעפּ האָט קלאָדין אויסגעטאָן די שיך. „נעם אויך אַראָפּ די שיך" — האָט זי געשעפּטשעט. „זאָלן זיי נישט הערן די טריט".

בעת איך האָב אויסגעלאָשן דאָס אָרעמע האָטעל־ליכט האָט זיך אַרײַנגעריסן דער אָפּשײַן פון אַ נעאָן־רעקלאַמע. עס איז געווען אַ רויט וואָס האָט ווי אָפּגעשונדן אונדזערע הויטן.

דאָס רויטע נעאָנליכט האָט זיך געצונדן און געלאָשן און דאָס האָט אונדז באַאומרויִקט, נאָך מידער געמאַכט און לסוף פאַרוואַנדלט אין אַ טייל פון דער צאַפּלדיקער פּאַריזער נאַכט.

קלאָדינס פאָטער איז אַ צירקוועכטער און די מוטער אַ קאַסירערין אין אַ סינעמאַ. זיי וווינען אין אַ פּאַריזער פאָרשטאָט.

איך האָב זיך לאַנג אײַנגעהערט אין קלאָדינס רייד:

— מײַן ערשטער מאַן איז געווען אַ דזשאָקעי. זײַן פערד איז תמיד אָנגעקומען פון די ערשטע. ער איז אַוועק מיט איינער פון די טיפּן פרויען וואָס זיצן אין די פּראַנטיקע רייען בעת די געיעגן און קוקן דורך באַגילדטע בינאָקלען. דאָס איז געווען אַ דריימאָל־געגטע, אַ פאַרמישטע אין אַ שווינדל מיט מײַן מאַן ביים איבערקויפן די שטאַליונגען. עס האָט איר געדראָט אַ פּראָצעס. איצט זענען זיי אין טעקסאַס... אַ רײַכער פאַרמער... דערנאָך האָב איך געהאַט פאַר אַ געליבטן אַ מאָלער... אַ רוס, אַזאַ ווי דו. ער איז געווען אָרעם און איך האָב אָנגעהויבן ווידער צו אַרבעטן אין צירק ווי אין די מיידליאָרן, ווי אַן אַקראָבאַטין. ער האָט מיך געמאָלן הונדערטער מאָל און מײַן נאַקעטער קערפּער איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ סך סאַלאָנען. ער איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר צוריק. דעמאָלט האָט מיך אויפגעזוכט דער מסיע קאַראַט... מיר האָבן זיך שוין געהאַט געקענט פון פריִער, פון זײַנע באַזוכן אין דער אַטעליע. ער האָט אַן אַלט און קראַנק ווײַב און איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער וויל מיך פאַר אַ מעטרעס.

קלאָדין האָט מיך געוועקט.

— ביז פאַר טאָג וועלן די וואַסערן פון דער סען דערגרייכן זײַן האַלדז... אָרעמער, ער איז צוגעשמידט צו די שטיינער... ער איז אַליין אַ שטיין... — האָב איך גערעדט ווי פון שלאָף.

אין דער פרי איז זי די ערשטע אַראָפּ פון געלעגער. איך האָב געהערט דעם שפּריץ פון דוש. זי האָט געלאָזט לאַנג שטראָמען דאָס קאַלטע וואַסער אויף זיך און איז פּלוצעם אַרויס פון יענער זייט פּאַראַוואַן מיט אַ האַנטעך אויפן אַקסל.

קלאָדין האָט געמאַכט איר פרימאָרגן־גימנאַסטיק. זי איז געווען נאַקעט. הויכע פיס, לייכט מוסקולירטע. די פינגער פון די פיס און די קנעכלען זענען געווען עטוואָס יינגליש און שיין ווי ביי די קלאַסישע סקולפּטורן. איר טאַליע, שמאָל, צונויפגעצויגן און די טאַליע־ליניע איז האַסטיק איבער־געגאַנגען אין אַ מילדער רונדיקייט. די בריסט ברייט, אָפּגערוקט איינע פון דער אַנדערער מיט לענגלעכע ברוסט־וואָרצלען ווי אַנגעגאָסענע טרויבן, פּאַררייסענע אויף אַרויף. דער האַלדז איז נישט געווען צונויפגעגאָסן מיט די אַקסל נאָר ווי געשניצט פון אַ באַזונדערן שטיק, וואָרעם ער איז געווען לאַנג און געענדיקט זיך מיט אַ ווינקל און פון ווינקל האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אַקסל.

דאָס איז נישט נאָר געווען אַ געוויינטלעכע פרימאָרגן־גימנאַסטיק, נאָר אַן אַקראָבאַטישער נומער. זי האָט זיך אויסגעבויגן פאָרויס און באַרירט ממש מיט אירע ליפּן די שפּיצן פון אירע גוט־געפּלעגטע פינגער פון די פיס.

קלאָדין האָט זיך געבויגן אויף צוריק און די כוואַליעס האָר האָבן זיך צעגאָסן און אַז זי האָט דערגרייכט מיטן קאָפּ צום באָדן האָבן זיי זיך צעשפּרייט אויף דעם טעפּעכל און אים באַגילדט. די הענט האָט זי צונויפגעשלאָסן אַרום די פיס און געבליבן אַ צייט אַזוי ווי אַ בויגן וואָס מען האָט אים אָנגעצויגן ערב דעם שליידערן די פייל. איר בויך איז געווען פלאַך, שמאָל און דער נאָפּל האָט געלויכטן מיט דער זיידהויט פון איר גוף.

מיט אַ מאָל האָט זי זיך געטאָן אַ גלייך־אויס, די האָר האָבן געפלאַטערט ווי אַ זעגל וואָס ווערט צעשליסן פון אַ הוראַגאַן, די הענט זענען ווי צוויי פיילן געוואָרפן פאָרויס, די בריסט האָבן אַ צאַפּל געטאָן, דאָס בלוט פון איר פּנים איז צערונען געוואָרן און דערגרייכט צו די ברוסטוואָרצל.

קלאָדין האָט געלאַכט מיט אַ פול מויל, מיט דער ווייסקייט פון די ציין און מיטן קנאָספּן־גרין פון אירע אויגן. זי איז באַגייט געוואָרן מיט דער באַנייונג פון טאָג וואָס גייט אויף איבער אַ פרילינגדיקער דערוואַכטער ערד.

איך האָב געוווּסט אַז אַלץ איז אָפּגעפאַלן פון איר גוף און פון געדעכע־ניש, אַזוי ווי עס פאַלן אָפּ פאַרוועלקטע בלעטער. זי איז ווי אַ קאַרשנבוים, אויך איך בין אין דער רגע באַפרייט געוואָרן פון אַלע מיינע שאָטנס.

אויפן זעקסטן טאָג איז געקומען פאַביאַן.

איך האָב גאָרנישט געפרעגט און זי איז מיר געווען דערפאַר דאַנקבאַר.

— ביסט אַ קלוג יינגל.

דאָס מאָל איז געווען אין איר אַ פרעמדקייט און די פרעמדקייט וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך, האָט מיך געלאָקט. איך האָב געקוקט אויף איר מיט כעס און מיט תאווה. עס האָט מיך גערייצט דער האַלב־שטילער געשעפטש אירער און דאָס זייד פון איר בלוזע וואָס איז געפלאָסן אויף איר קערפער מיט אַ קאַליר פון רייפע זאַפט־פירות.

איך האָב געטראַכט וועגן קלאָדין און וועגן דער נאַכט ווען איך האָב צוריק אָפּגעפונען מיין גלייכוואָג. די אייפערזוכט און דער כעס אויף פאַביאַנען לעשן זיך, נאָר די תאווה דערוואַכט. זי האָט דאָס דערקענט און צופרידן געשמייכלט צו מיר.

איך האָב אָנגעקליבן אַ ביסל געלט און געדונגען אַ סטודיע מיט אַ ברייט פענצטער וואָס איז אַרויס אין אַן אַלייע.

מיינע בילדער זענען געווען אַבסטראַקטע. דער שימל־גרין, אַ צעשני־טענער מיט זילבער־טראָסטניק, פון דער נידער ביז דער הייך פון דער גאַנצער לייוונט. איך האָב געוואָרפן בלאָע פלעקן און עס איז אַרויסגעקומען אַן אייגנאַרטיקע נישט־פיגוראַטיווע קאָמפּאָזיציע. צו ערשט בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אומגעריכטע אַנטפּלעקונגען מיינע, דערנאָך האָב איך אָנ־געהויבן באַנעמען דעם אומזין פון קאָפּירן זיך אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן און פאַרמאַטן.

איז דאָס אַלץ געווען כדאי? איך האָב דאָס לעבן אַרויסגעטראָגן פון אַזוי פיל געפאַרן, בין געבליבן איינער פון אַ פאַרטיליקטן דור און איצט פּלאָנטער איך זיך אַרום אַן אומנייטיקער און ווייס נישט וואָס צו טאָן מיטן לעבן.

און אַז איך וואָלט אויפגעריסן געוואָרן מיט מיין טראַקטאָר, בעתן

אַקערן די מידבר־ערד, פון אַ מינע, וואָלט מיין טויט געהאַט אַ זינען? אָדער ווען איך וואָלט פאַרטעמפּט געוואָרן פון לאַנגווייל מיט דער מויד אין קיבוץ? ווער האָט דען מיך דאָרט געדאַרפט? איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיטן דזשיפּ אויף די זאַמדיקע וועגן, געיאָגט זיך ביים ראַנד פון וואַדיס מיט אַ ווילדער שנעלקייט, ווי כ׳וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן דעם אייגענעם סוף. דער סוף איז נישט געקומען און איך בין נישט דערלאָפן צו אים, כאָטש איך האָב אים געזוכט. מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך בין באַרופן צו דעם וואָס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן בירושה — צו מאָלעריי. איך האָב פאַרבונדן דאָס מיט דער נישט־אויסגעלעבטער גאַרונג צו פאַרבן, צו אָנגעצויגענע לייוונטן. איצט מאָל איך. איך מאָל פאַר דעם פאַרשוין וואָס קלאָדין רופט אים מסיע קאַראַט.

ווי אַזוי הייבט מען אָן נאָך דער מלחמה? עס זענען שוין פאַרביי צוואַנציק יאָר און איך קען אַלץ נישט מאַכן דעם אָנהייב. איך בין שוין גראָ, באַלד וועל איך ווערן פערציק יאָר. מיין פאָטער איז שוין געווען אין דער עלטער איינגעפונדעוועט, מיט אַ משפחה, מיט קינדער.

פאַביאַן שרעקט מיך. איך ווייס אַז דאָס ירושה־בלוט אין איר איז שטאַרק און עס וועט זיך אָפּרופן. איך דערקען די צייכנס פון דער דעפּרעסיע וואָס פּייניקט זי. די שטריכן פון איר פּנים זענען יענע טעג פאַרטונקלט, שאַרף, די ליפּן ציטערן און איר קול ווערט שעפּטשענדיק. איך האָב זי דאָך געוואָלט און אָפּגעוואָרפן אַלע שׂכלדיקע אַרגומענטן קעגן דעם ווילן מיינעם. איך האָב געוווּסט אַז זי וועט אַוועק מיט מיר קיין ישׂראל און ערגעץ אין אַ דאָרף וועלן מיר אויפבויען אַ היים.

. . .

דער אָרעאָל פון פּאַריז איז פאַרגאַנגען און די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר מיר אין אַ וואָכעדיקן יאַריד. סאַן־זשערמען איז איבערגעפּולט מיט אַ יוגנט אין טונקעלע בלוזעס, מיט שמאָלע הויזן און צעשויבערטע קעפּ. די קאַפּעען סערווירן וויסקי און אַלערליי אַמעריקאַנער געטראַנקען. די באַזוכער זענען פּרויען, געפּאַרבטע. זיי קוקן פרעך צו די יונגע פּאָרלעך וואָס קושן זיך אין די ווינקלען, לעבן די טרעפּ, ביי די טישלעך. די קעלנערס מעסטן אָפּ דעם קאַפע־באַזוכער לויט דעם טיפּ וואָס דער גאַסט וועט איבער־

לאָזן. עטלעכע פאַרשוינענע שטייען ביי אַ באַלויכטן שפּיל־קעסטל מיט בלייערנע פיגורלעך פון קאָווביאָיס און שיסן מיט אַ שפּרינגדראָט ניקלנע קייקעלעך, זיי שלאָגן זיך אָן אין קאָלירטע צוימען באַשריבענע מיט אותיות און ציפערן. זיי ציִען דאָס שפּרינגדראָט־הענטל און שאָקלען זיך דערביי ווי אין שיכרות.

די בוכגעשעפטן זענען איבערגעפולט מיט גראָשנדיקע שונדביכלעך; שרייִיקע, פאַרביקע. הילעס מיט נאַקעטע פרויען מיט גרויסע בוזעמס. מען רעפּראָדוצירט דאָ פרעך פראַגמענטן פון גאַיאַס און וועלאַזקועס אַקטן, אַנאָנסירנדיק מיט זייער הילף אַ נייעם קרימינעלן ראָמאַן.

געשעפטן מיט וווּלגאַרע עלעקטרישע מעכאַניזמען צו מאַכן באַקוועמער דאָס לעבן און צו צעשטערן די שטילקייט און ווען מען נוצט זיי אין די היימען שרויפן זיי זיך איין אין די געהירן און פאַרטעמפּן די מענטשן. אַ וויסט געררויש פון אויטאָס, פון אַלערליי לאַסטמאַשינען. אויסדעמפונגען פון מאָטאָרן און דאָס נעאָנליכט וואָס שטעכט די אויגן, אַ ליכט וואָס צינדט זיך און לעשט זיך. זידלערייען פון שאָפערן ביי די ראָגן און אומהעפלעכקייט פון די „גאַרסאָנס" בעת דו באַשטעלסט נאָר אַ קאַפע. די טאָגצייטונגען ברענגען אויף די ערשטע זייטן, מיט גרויסע אותיות, אויסטערלישע קרימינעל־געשיכטעס. אין די טעאַטערס שפּילט מען באַנאַלע פּיעסן, ווי אין די אַמאָליקע תמימותדיקע צייטן פון ערב דער פּאַריזער קאָמונע. דער דיאַלאָג איז געוואָרן אויף דער בינע פרעכער און ראַפינירטער. די פּראָוואַנצוויזישע אויסגעלאַסנקייט האָט שאַרם און עספּרי. די אָפּערע איז געבליבן קלאַסיש און זי איז אַ רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציע פאַר אויסלאַנד־באַזוכערס.

די אימפּרעסיאָניסטישע מאָלערייען געפינען זיך אין די הענט פון ספּעקולאַנטן וואָס האָבן אַזוי אַרום פאַרזיכערט זייער געלט. אין די גאַלעריעס שטעלט מען אויס אַזעלכע בילדער און סקולפּטורן פון וועלכע עס נעמט אָן אַ גרויל, להכעיס צו אַלע געזעצן און צו אָנגענומענע פאָרמען. צעקנייטשטע קאָנסערוון־בלעכן, פּאַקפּאַפּיר און בולוואַר־צייטונגען אויפגעקלעפּט אויף אַ שוואַרצן ברעט. לייוונטן באַשפּריצטע מיט פאַרב אַזוי ווי מען שפּריצט ווענט און צעשניטענע מיט אַ שאַרף מעסער אין מיטן. עס זעט אויס ווי די געפּלאַצטע פעל פון אַ פויק.

אין דער גאַלעריע „איריס קלער״, נישט ווייט פון פּרעזידענטן־רעזי־דענס, שטעלט מען אויס בלעך־סקולפּטורן צונויפגעשטוקעוועטע, וואָס זעען אויס ווי מאָנסטערס פון אַן אַנדער פּלאַנעט. די מאָנסטערס פון בלעך זענען צוגעפּעסטיקט צו פּרוזשינעס און הוידען זיך ביים מינדסטן באַריר און דורך די עפענונגען פאַרדעקטע מיט אָפּטישע גלעזער, קען מען זען די באַלויכטענע אינגעווייד פון די משונהדיקע באַשעפענישן; אַלערליי אומזיניק־געצויגענע דראָטן, שרויפן, טיילן פון מאָטאָרן און טויטע לאָמפּן פון ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. די מאַדאַם קלער האָט אַ לענגלעך ייִדיש פּנים, לאַנגע ברעמען און די נעגל פון די פינגער זענען לאַקירט מיט צען פאַרשיידענע קאָלירן.

פּיקאַסאָס צייכענונגען און גראַוויורן דערדריקן מיט דער דעפאָרמטקייט וואָס דערגייט שוין ביז אַבסורד. אין גרויסן האָל פון „אונעסקאָ״ געפינט זיך אַ וואַנטגעמעל וואָס קען אויפרייצן יעדן דורכשניטלעכן מענטש וואָס האָט אַפילו נישט מער ווי אַן עלעמענטאַר געפיל פאַר עסטעטיק. ניין, עס איז נישט קיין פּרימיטיוויזם און נישט קיין פאַראיינפאַכונג פון עפּעס אַ ראַפינירטקייט. עס איז דעקאַדענץ און שׂינאה, געמישט מיט שפּאָס און פאַראַכטונג קעגן אַן איבערגעזעטיקטער עליטע און קעגן אַן אינטעליגענץ וואָס דאַרף שוין גאָרנישט און וויל נאָר איינס — אָפּקערן זיך פון דעם נעכטן.

נישט נאָר די פאָרמען זענען אָפּגעפאַלן אין די בילדער און עס דאָמי־נירט די אַבסטראַקטע שפּיל פון פאַרבן וואָס איז גאָרנישט קיין שפּיל נאָר אַ כאַאָטיש געשריי. דער כאַאָס האָט איבערגעמאַכט די גאַנצע געזעלשאַפט. כאַטש דרויסנדיק טראָגט מען די זעלביקע קליידער, די זעלביקע העמדער, מען לערנט אין די שולן די אַלטע פראַנצויזישע קלאַסיקער און מען האָט ליב אַלט מעבל, אַלטע כינעזישע וואַזעס און פּערסישע טעפּעכער.

די העפלעכקייט איז אַ דרויסנדיקע און די שטילע רייד, דער שמייכל און דאָס נייגן זיך איז נישט מער ווי דער שלייער וואָס פאַרדעקט די דזשונגל־אינסטינקטן.

איך האָב זיי אָנגעהויבן צו אַנטדעקן, די דזשונגל־איינוווינער. פיליפּ, דער אַדוואָקאַט, איז פאַרקנוילט אין טונקעלע געשעפטן. ער נעמט כאַבאַר און גיט כאַבאַר אויף די ראַפינירטסטע אופנים, אַרומגייענדיק אַלע געזעצן. ער איז באַפריינדעט מיט דירעקטאָרן פון האַזאַרדקלובן אין דאָוויל, אין

מאָנאַקאָ, ער איז אַן אַקציאָנער אין האָטעלן וואָס זענען נישט מער ווי מאַסקירטע באָרדעלן. ער פירט שאַנטאַזש־פּראָצעסן פאַר דער אונטערוועלט־מאַגנאַטעריע. ער האָט זיינע מענטשן אין די טאָגצייטונגען, צווישן די רעפּאָרטערן וואָס דרינגען אַריין אומעטום ווו נאָר מען דאַרף. בעת ער רעדט מיט מיר, דאַכט זיך, אַז ער איז מיד און טרויעריק, לאַנגווייליק און כמעט אומבאַהאָלפן.

פאַר וואָס קומט ער צו פאַביאַנען? איך האָב איר די פראַגע נישט געשטעלט, נאָר פאַביאַן האָט זי אַראָפּגעלייענט פון מיין פנים.

זי האָט געלאַכט צו מיר צוויידייטיק און עפּעס געשעפּטשעט, האַלב־הייזעריק. איך האָב דאָס געלעכטער און דאָס שעפּטשעריי געוואָלט פאַרגעסן און נישט געקענט.

איך בין אַריין אין אַ טויער פון אַ טיפּיש פראַנצויזיש הויז, נישט ווייט פון דער מעטראָ־סטאַציע „אלעסיאַ״, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ שמאָלער און לאַנגער וועג, אַ באַגרינטער פוןביידע זייטן מיט גערטנדלעך. דאָ געפינען זיך עטלעכע צענדליק אַטעליעס פון מאָלערס. עס איז די גאַס שאַטעיאַן, דאָס האַרץ פונעם דרומדיקן טייל פון פּאַריז. נידעריקע אַטעליעס מיט גלעזערנע דעכער בשכנות פון מעכטיקע בלינדע ווענט, פון פילשטאָטיקע געביידעס. די אַטעליעס זענען אַלטע, געבויטע אין די זיבעציקער יאָרן. מען וועט זיי נישט צעוואַרפן, זיי וועלן דאָ שוין אַזוי בלייבן, ווייל אונטער דעם לאַנגן הויף, עטלעכע מעטער טיף אין דער ערד, ציִען זיך די באַרימטע פּאַריזער קאַטאַקאָמבעס. די ערדשיכט וועט נישט אויסהאַלטן קיין געביידעס, זי קען נאָר אויסהאַלטן די טריט פון די מאָלערס, די וואָס געפינען זיך ווי אין אַ זייט פון דעם מאָדערנעם קונסטיאַריד. ער האָט זיך אַריבערגעטראָגן ווייט פון דער מעטראָפּאָליע, ערגעץ אין דרום פון פראַנקרייך, צו די ברעגן פון מיטללענדישן ים.

אַ פּנים מיט שאַרפע קנייטשן, נישט אַזוי פון עלטער נאָר פון עקשנות אויפצוהאַלטן די יונגשאַפט. דער נאָמען זיגמונט קלינגט פּויליש. די יוגנט זיינע איז פאַרלאָפן אין לאָדזש, אין האַלב־פאַרפרעמדטע ייִדישע היימען ווו מען האָט געפירט געשעפטן מיטן אַמאָליקן ראַסיי, געהאַט קרובים אין דער ליטע, געווען סוחרים פון דער ערשטער גילדע, גערעדט רוסיש מיט דער

מאַכט פון די אָקופּאַנטן און שטילערהייט שטודירט פּויליש. די ווערק פון מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי זענען געשטאַנען אויף איין אָרט אין דער ביכערשאַנק מיט די גאָלד־געליישטע בענדער פון געטהע און היינע. די קינדער האָט מען געשיקט שטודירן קיין בערלין. די זאַפּטן פון די אוראַלטע יידישע וואָרצלען האָט מען נישט איבערגעגעבן די נייע שטאַמען. די השׂכלה האָט דערפירט דעם דור צו זעלבסטפאַרלייקענונג און צו פרעמדע שוועלן. אַלע שפּורן פון יידישע טראַדיציעס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרגיין. זיי עקזיס־טירן ווי וויטע זכרונות. פון דעם פּוילישן פּעריאָד איז געבליבן נאָר דער נאָמען זיגמונט, פון בערלינער — דאָס דייטשע לשון, פון די אַלטרוסישע צייטן — אַ ביסל רוסיש. דאָס איז נאָר דער דרויסנדיקער לבוש. אין זיין נשמה, אין תוך פון זיין מאָלעריי, איז זיגמונט שרעטער אוניווערסאַל. ער געהערט צו דעם דור געבוירענע און דערצויגענע אין פּוילן, ווען דאָס דאָזיקע לאַנד איז געווען ווי אַן אָפן פעלד וווּ עס האָבן זיך אַריינגעריסן אַלע שטראָמען פון קולטורן און שפּראַכן. אַ סך קולטורווערטן זענען פאַר־גאַנגען און פיל מענטשן פון וואָרטקונסט זענען געבליבן פאַרשטומט. גערא־טעוועט האָבן זיך נאָר פון דעם פּעריאָד די קינסטלערס, די מאָלערס. עס איז אויפגעקומען דער געניאַלער אַרטור שיק, נאָך אים, אַ גרופּע פון לאָדזשער קינסטלער מיט יאַנקל אַדלער. זיי זענען דערגאַנגען צו דער אייראָפּעישער מאָלעריי. ווי אַ בליץ האָט אַ בלענד געטאָן מיט זיין קורץ לעבן אין פּאַריז דער יידישער מאָלער פון לאָדזש אַהרון האַבער. איינער פון זיי איז איצט זיגמונט שרעטער. זיין וועלט איז גרויס, וואָרעם געאָגראַפיש גרייכט ער פון צפונדיקן פינלאַנד ביז דער דרומדיקער שפּאַניע. זיין מאָלעריי האָט אין זיך דעם רייץ פון דער קלאַסישער מאָלעריי מיט איר טרויעריקן און לירישן אמת און דאָס זוכערישע און אַנטפּלעקערישע פון די מאָדערניסטן.

זיגמונט שרעטערס אינספּיראַציע איז נישט געבוירן געוואָרן אין דער פאַרמאַכטער אַטעליע; ער האָט זיינע מאָטיוון און פאַרבן נישט גענומען פון חלומות און נישט פון פאָלקלאָר. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון נאָפּלקנופּ פון זיין שטאָם, פון זיין מעמוארן־וועלטל און פאַרטוישט דאָס אָרעמע טייכל, דאָס אייביק פאַרטונקלטע פון דער פאַבריקשטאָט לאָדזש, אויף די גרויסע ימען. ער האָט פאַרלאָזן דיביישטאָטישע צעטראָטענע גרין־געלע פעלדער

ווו אַרבעטער זוכן זון אין די זונטיקס און איז אַוועק אַזש צו די פּינלענדישע לאַנקעס, צו די שפּאַנישע שעפּסנטאָלן און צו די ווייגגערטנער פון דרום־פראַנקרייך. דאָס וואָס ער האָט מיטגענומען איז, דער טרויעריקער ערנסט און דער אומרו פון זיינע זיידעס און זייער בענטשונג ווען זיי האָבן דערזען דעם טוי וואָס דער אַלמעכטיקער שיקט אַראָפּ אויף די פעלדער. שרעטער האָט געירשנט די ליבשאַפט צו גאָטס באַשאַף און פאַרוואַנדלט זיין מאָלעריי אין איין שיר השירים צו דער שיינקייט פון דער וועלט.

עס שאָטענען די גרויע בערג פון אַ שפּאַנישן לאַנדשאַפט און עס ליכטיקן די גרין־פּיאָלעטענע וועגן. נישט ווייט פון אַ האַוון גרינען בערג. פאַראַנ־קערטע שיפן אין דרומדיקע ימען.

שרעטער איז אַ מייסטער אויפצוכאַפּן די וויבראַציע פון די כוואַליעס און דעם ליכט־און שאָטן־שפיל אַרום פאַראַנקערטע פישערשיפן. דאָ איז ער עקספּרעסיאָניסטיש. מען פילט אַז ער האָט באַשאַפן די בילדער מיט ליידנ־שאַפט, אייליק, ער האָט נישט פאַרלאָרן קיין רגע פון ליכטשפּיל ווייל יעדע רגע שיידט זיך אונטער און מען קען פאַרשפּעטיקן, וואָרעם פון דעם מאָמענט ווען דאָס אויג האָט אויפגענומען די דערשיינונג ביזן פּענדזל־באַריר ענדערט זיך די וועלט. די דאָזיקע אַנטפּלעקונג, אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין סטאַטישקייטן האָט דערפירט שרעטערן צו דער מאָלערישער טעכניק אויפ־צוכאַפּן דעם פּראָצעס פון נאַטור־שינויים און זיי פאַראייביקן. דערפון נעמט זיך וואָס עס וויברירט אַ טייל פון זיינע פּייזאַזשן בעת מען קוקט אויף זיי. עס דאַכט זיך, אַז די וואַסערפלאַך וויגט זיך, אַז די שאָטנס פון די פאַראַנ־קערטע שיפן וועלן צערינען ווערן און אויף ס׳ניי געבוירן ווערן, נאָר שוין פאַרענדערטע.

די ווייגגערטנער־פעלדער מיט די פאַרקראָמפּטע שטאַמען, נאַקעטע וואָרצלען ווי פייגל וואָס האָבן אַראָפּגענידערט פון ווייטע בערג און איצט רייסן זיי זיך צום פלי. ווייגגערטנער אין האַרבסט מיט פלעקן אויפן האָריזאָנט. ברוינע וואָרצלקנופּן און אַ וויברירנדיקער גרין.

ער איז אַ געבענטשטער צייכענער בעת ער אַנטפּלעקט דעם צער פון פאַרקראָמפּטע וואָרצלען און עס דאַכט זיך, אַז אַ לייכטע ווייַן־שיכרות איז פאַראַן אין דער לופט.

רייך איז שרעטערס גרין. ער האָט אים אַנטפּלעקט אין פינלאַנד, אין ברעטאַניע, אין דרום פראַנקרייך און אין שפּאַניע. עס טונקלען זיך אין גרין־ברוין און אָפט מאָל אין געל־גרוי די סטויגעס היי אין פעלד. אַ לאַנדשאַפט מיט צווײביימער; אַרום שפּרייטן זיך פּאַרוויאַנעטע פעלדער און רייפע בייטן. אָט איז ווידער אַ ים־מאָטיוו; לאַמטערן, לילאַ־גרינלעכער ים־פלאַך. ווידער שפּאַניע: דאָס איז דער ים מיט רויטלעך שאַרפע פלעקן אויף טונקל־בלאָ. בערג מיט אַ פאַרלאָשענעם גאָלד און ערגעץ ווו שאָטנס אַן איינזאַמער מענטש. ביימער אין אַ שטורעם. די אַטמאָספער איז טונקל, שווער. ער וויל נישט באַצווינגען דעם שטורעם און זיין פּענדזל האָט זיך אַוודאי אַזוי אַרומ־געטראָגן איבערן לייוונט ווי די צווייגן אין שטורעמדיקן געוויטער.

שרעטער איז נישט נאָר אַ פּייזאַזשיסט, זיינע שטיללעבנס מיט בלומען פאַרמאָגן די עשירות פון קלאַסישע געמעלן. זיינס אַ באַנוועג פירט דורך טרויער, דורך אַ וואָלקנדיקן ברוין־גרין. די דאָרפישע גאַס אין ברעטאַניע זעט אויס ווי נישט רעאַל דורך די אויפגעלייזטע ווייטן. ערגעץ וואַרטן נאָך אַלץ פאַראַנקערטע שיפן. נאַקעטע ווײנגערטנער חלומען פון אַ פרילינג. פלעקן פון מענטשן, וואָס באַוועגן זיך ביים ים־ברעג, לעשן זיך. עס בלייבט דער מאָלער פּנים־אל־פּנים מיט זיין וועלט.

איך זיץ אין אַן אַלטן גרויען פאָטעל אין מאַנטל מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער. אין מיט פון דער אַטעליע שטייט דאָס אייזערנע אייוועלע מיט דער שוואַרצער רער, אַ צוגעפּעסטיקטע מיט דראָטן צום סופיט. אויפן טיש — ליימענע בראָכשטיקער פון סקולפּטורן. אַן אָנהויף פון פאַרפלעקטע פּאַפּירן, פון נישט־פאַרענדיקטע בילדער, לייוונטן אָן רעמען, קרוגן מיט פּענדזלען. אויף דער וואַנט, אין סאַמע מיט, הענגט אַ פּאָרטרעט פון אַ פרוי. אַ ליכטיק צפון־פּנים אין בלאָלעך־גרינע טענער.

— דאָס איז אַ פינלענדערין, אַ דיכטערין.

זיין שטערן קנייטשט זיך און איך באַמערק, אַז ער איז אָנגעשטרענגט און וויל עפּעס דערהערן. יאָ, אויף די טרעפּ וואָס פירן צו אַ גאַלעריע הער איך זיך שאַרנדיקע טריט.

אַ זקנה אין אַ גרין קלייד שטעלט פּאַמעלעכע טריט. איר האַנט איז

ציטערנדיק און בעתן ריידן דעפאָרמירט זיך איר מויל. די ווייצענע האָר, די געפאַרבטע מאַכן ליכטיקער דעם מאָלערס פּנים.

מיר קוקן אַלע דריי אויפן פּאָרטרעט וואָס איז געמאָלן מיט לאַנגע יאָרן צוריק אין פינלאַנד. איך קוק מיט נייגער און פאַרגלייך דאָס בילד מיט דער זקנה. שרעטער — מיט טרויער און בענקשאַפט, און די פרוי — מיט דער צופרידנקייט און זיכערקייט אַז שיינקייטן פאַרגייען נישט.

די געליבטע קומט יעדעס יאָר, אויף אַ פּאָר וואָכן, אין פּאַריז פון ווייטן פינלענדישן דאָרף. דאָס גאַנצע יאָר איז אויסגעפולט מיט וואַרטעניש, מיט בריוו און מיט זקנישע בליקן צום פּאָרטרעט פון דער געליבטער וואָס שרייבט פּאָעמעס אין אַ ווייט און פרעמד לאַנד און אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

מאַנע קאַץ האָט געלויכטן מיט זיינע ווייסע האָר וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן פוןביידע זייטן פּנים. מען האָט אים גוט געקענט אויפן מאָנ־פּאַרנאַס צענדליקער יאָרן. ער האָט אַלעמען אַנטקעגנגעטראָגן אַ צעשמייכלט פּנים און גערעדט אייליקע און אומפאַרשטענדלעכע רייד וואָס זענען פאַרלאָרן געגאַנגען, געבליבן איז נאָר דאָס מילדע לאַכן. אין יענע טעג האָט ער געאַרבעט איבער אַ גרויס לייוונט: אַ פישערשיפל ראַנגלט זיך אין שטורעם. דאָס בילד האָט אים פאַרכאַפּט. ער איז געשטאַנען שעהען אַ שווייגנדיקער ביים לייוונט און האָט באַטראַכט זיין יצירה. עס איז געווען כמעט אַן אַבסטראַקט געמעל; די ליניעס אויפגעלייזט, די געשטאַלטן פון די פישער נישט מער ווי האַסטיקע פענדזלשמירן. די ים־כוואַליעס — אַ ווירוואַר פון פאַרבן געוואָרפענע מיט אַזאַ אימפּעט אַזוי ווי עס האָט אַרומ־געבושעוועט דער ים מיט שוימיקע וואַסערן, נאָר מיט כוואַליעס איילפאַרב.

ער איז געשטאַנען אין אַ צעשפּילעטער וועסט, די הענט אין די קעשענעס און האָט גערעדט צו מיר:

— איך האָב מורא אַרויסצונעמען די הענט פון די קעשענעס... איך האָב באַהאַלטן די פאַרבן... זאָלן זיי נישט ליגן אויבנאויף, גרייטע, ווייל אַז איך וועל צופאַלן צום בילד וועל איך נישט אָפּטרעטן פון לייוונט אַ מעת־לעת... אַז איך הייב אָן מוז איך תיכף ענדיקן, אין זעלביקן טאָג. איך מאָל נישט מיט קיין הפסקות. עס איז ווי אַן עראָטישער אַקט. דאָס דאָזיקע בילד

װעל איך אָבער שױן קײן מאָל נישט ענדיקן. דאָס איז דאָס לעצטע... עס װעט בלײבן נישט־פֿאַרענדיקט...

דער אַלטער האָט זיך האַסטיק אױסגעקערעװעט צו מיר און איך האָב געזען זײַנע טרערן. ער האָט איצט באַקומען אַ פּנים פֿון אײנעם פֿון די ייִדן װעלכע ער האָט אַ לעבן־לאַנג געמאָלן: אַ פּאַרמעטענער שטערן, אַ זילבער־גרויע הויט און תּפֿילהדיקע הענט.

איך האָב אים דערצײלט װעגן מײַן באַגעגעניש מיטן מאָלער שרעטער. ער איז געװען גליקלעך װאָס אַ יונגער מאָלער װי איך װײַזט אַרױס דרך־ארץ צום עלטערן דור ייִדישע קינסטלערס.

— אױך אים דאַרפֿט איר זען.

ער האָט נישט אָנגערופֿן דעם נאָמען, נאָר איך האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען אַז ער מײנט מאַרק שאַגאַל. אַ סך שותּפֿישאַפֿט איז פֿאַראַן צװישן די צװײ מאָלערס. זײערע בילדער רופֿן זיך איבער נישט נאָר מיט דער טעמע נאָך אױך מיט דער ליבשאַפֿט צום ייִדישן סוזשעט.

אױף דעם אינדזל פֿון דער סען, װוּ פֿון אײן זײַט שטײען פֿירשטאָקיקע געבײדעס מיט טונקעלע טױערן, ענג צונױפֿגערוקטע אײנע צו די אַנדערע, מיט שמאָלע פֿענצטער, מיט גזימסן באַקראַנצטע און פֿון דער אַנדערער זײַט ציט זיך אַ נידעריקע שטײנמױער; דאָס איז דער ברעג פֿון דער סען. איך בײג זיך אַריבער און זע דעם רוקן פֿון אַ פֿישער. אַ געררויש פֿון טונקעלע װאַסערן און דער אָפּהילך פֿון אױטאָס װאָס לױפֿן איבער דער בריק. איך גײ אױף טונקעלע טרעפּ, אַ טיר עפֿנט זיך און אַ סנאָפּ ליכט פֿאַלט שאַרף אױף ברײטע הילצערנע שטיגן. דאָס איז די קאָנסיערזשקע. זי װײַזט מיר אַ טיר און איך װאַרט. איך הער שטילע טריט, עמעץ פֿרעגט מיך עפּעס פֿון יענער זײַט און איך ענטפֿער, נאָר מײַן ענטפֿער גײט פֿאַרלאָרן אין אַ ריגלערײ און אַ קלאַפּן פֿון אַ כּריפּעדיק שלאָס. אין דער טירשפּאַלט אַ פֿאַרחידושט פּנים פֿול מיט אומרו און אומגעדולד. מיט אַ מאָל — די טיר צעפּראַלט זיך ברײט און דער מענטש צעלאַכט זיך. נאָר אױסטערליש, בעתן לאַכן בלײַבן זײַנע ליפּן צונױפֿגעפּרעסטע. די טיפֿע שטערן־װינקלען קנײטשן זיך און ציטערן. ער האָט זיך אַװעקגעזעצט אױף יענער זײַט פֿון אַ לאַנגן טיש

און אָנגעשפּאַרט זיך מיט די עלנבויגנס. זיין שמייכל איז איצט אויסגעמישט מיט נייגער. זיין קול האָט עפּעס פון אַ ניגון און עס דאַכט זיך מיר אַז ער מאָדעלירט די שטים און באַצירט זי מיט פליטערלעך און דינע טוששטריכן ווי ער וואָלט געצייכנט מיט די ליפּן אַ בינטל רויזן.

נאַקעטע ווענט ליכטיק געקאַלכטע. אַ הילצערנע באַנק. עטלעכע שטויסן ביכער און אַלבאָמען. בריוו נישט־געעפנטע און קליינע פּירקאַנטיקע ווייסע בלעטלעך פּאַפּיר. דאָס איז די פּאַריזער וווינונג ווו ער פאַרברענגט עטלעכע חדשים אין יאָר. זיין אַטעליע געפינט זיך אין דרום פון פראַנקרייך און דאָרט איז זיין סטאַבילע היים.

— איך זע אַז איר קוקט אויף די ליידיקע ווענט, איר פאַרשטייט, כ׳קען זיך נישט דערלויבן צו האָבן שאַגאַלס בילדער, זיי זענען צו טייער... — ער לאַכט און זיינע פינגער זוכן די בליישטיפט. זיין קאָפּ איז געבויגן אויף רעכטס, איין אַקסל, דער רעכטער, איז אונטערגעהויבן. ער צייכנט מיטן בלייער האַלב־רונדיקע ליניעס, די ליפּן באַוועגן זיך, שליסן זיך צוזאַמען און די אויגן פאַרשן מיין יעדן קער.

— איך האָב געהערט וועגן אייך. מען האָט מיר דערציילט וועגן אייערע מלחמה־איבערלעבענישן. זענט איר נישט געווען אין די געגנטן פון וויטעבסק ? — און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט ער פאַרגעזעצט:
— מיין היים האָט זיך געפונען נישט ווייט פון טייך, אין דער נידער, אַן אָרעם שטיבל, אַזוי גרויס ווי אַ קאַרטאָפל... אָ, איר הערט טריט ? דאָס קומט מיין ווייב. זי איז אויף אַ ווילע אַרויס אין גאַס עפּעס דערליידיקן... דאָס איז נישט בעלאַ... בעלאַ שלאָפט איר אייביקן שלאָף... אָט שליסט מען די טיר...

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און שטיל גערעדט: — זי איז אַן אָפּשטאַמיקע פון די בראָדסקיס... די קיִעווער יִידישע מאַגנאַטן...

זיין פּנים ווערט ערנסט, נישטאָ מער דער שמייכל, נישט די פאַרפּרעסטע ליפּן און נישט די קנייטשן אויף דעם שטערן. איך שטעל זיך אויף. אַ פרוי אין טונקעלע קליידער, אַוודאי אין די פופציקער. טונקעלע ברעמען און לאַנגע אויגן־לעדלעך, אַ לענגלעך פּנים, גוט געפּאַרעמטע ליפּן און סימעטרישע קינבאַקן. אַן עכטע יִידישע טאָכטער. זי דערמאָנט מיר אין אַ רבנישער

טאָכטער, איינער פון די וואָס מאוריצי גאָטליב האָט אַזוי גערן געמאָלן מיט אַ דור צוריק.

מיר ריידן רוסיש. אירע רייד זענען שטילע, געציילטע און בעתן ציילן די רייד קוקט זי אויף דעם לאַנגן הילצערנעם טיש, בייגט זיך איבער די בלעטלעך, לייגט זיי צונויף און פאַרמאַכט זיי אין שופלאַד, דערנאָך שטעלט זי איבער דעם שטויס ביכער, שטעלט איבער דעם אַשבעכער און לייגט אַריין די בלייפעדער אין אָפענעם שאַכטל. שאַגאַל האָט אַראָפּגענומען די הענט פון טיש און וואַרט ווי אַ פאַרזינדיקטער. זי פאַרשווינדט אין אַ שכנותדיק צימער לאָזנדיק נאָך זיך אָפן די טיר.

איך זע ווי ער קוקט אומרויִק אויף דער טיר און קען מער נישט ממשיך זיין דעם אָנגעהויבענעם שמועס וועגן זיין וויטעבסק, וועגן דעם אָרעמען ייִדישן קוואַרטאַל פון בעל־מלאכות און הענדלער, וועגן זיין ליבשאַפט צום וויטעבסקער מיידל, אַ טאָכטער פון אַ פרומען גאָלדשמיד.

— זי איז פון דער פאַמיליע בראָדסקי, די גרויסע צוקער־מאַגנאַטן פון קיִעוו... אַ קליינינקייט, בראָדסקי...

ער לאַכט און אין דעם געלעכטער מערקט זיך אַ דאָזע פון איראָניע, אַן איראָניע אויף דער אייגענער שוואַכקייט און די צופרידנקייט וואָס זיינס אַ ייִנגלישער חלום, בעת ער האָט געלעבט אין הייזל לעבן טייך אין וויטעבסק, איז מקוים געוואָרן.

עס איז שוין געווען שפּעטער אָוונט ווען מיר זענען געגאַנגען דורך די שמאָלע געסלעך פון אַלטן פּאַריז. זי איז געגאַנגען פאַרויס, געהילט אין טונקעלן מאַנטל, צונויפגעצויגן אים מיט די אָרעמס, פאַרלייגטע אויף פאַרנט, וועלנדיק אַנטפלעקן אַזוי אַרום די שלאַנקייט פון איר גוף. שאַגאַל האָט זיך געוויגט בעתן גאַנג, פון רעכטס צו לינקס און זיינע ווערטער זענען געווען שטילע, געוויגענע און האָבן געהאַט דעם מעלאָדיש־וויברירנדיקן נאָכ־קלאַנג פון שאַרף־אָנגעצויגענע סטרונעס.

— איר זענט דאָך פון ישׂראל ? עס וועט נישט דערגיין צו אַ מלחמה ? דאָס נעמט אַוועק מיין רו. איך בין טרויעריק. איך לעב מיט דעם אומרו. ישׂראל, דער אייביקער חלום פון פאָלק.

דאָס געזאַנג, דאָס נישט־דערזונגענע, פון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן קען

מען הערן פון מאַרק שאַגאַלס בילדער. די ליבשאַפט צו דער אָרעמער היים, צו דעם טרויעריקן בעל־חי מיט דעם מענטשישן צער, די בענקשאַפט צו די אָפענע שליאַכן, צו דער פרייער און שיינער וועלט; די תמיד אויפגעעפנטע פענצטער און טירן אין שאַגאַלס בילדער; דאָס איז זיין ניגון, אַ פאַרהילטער אין אַ בלאָ ליכט.

דער צער פון באַשאַף קוקט אַרויס פון די שטומע באַשעפענישן און אַפילו פון די חפצים. עס איז דער צער וואָס איידלט, וואָס רייניקט, וואָס הייליקט און מאַכט אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפן געטלעך.

און עס איז דאָ אין זיינע בילדער די שרעק און די אָנונג פון דער נאַכט וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיין שטאָט.

אין אַ בילד געמאָלן אין יאָר 1910, די „חתונה", איז שוין פאַראַן דער אָנזאָג פון אָנקומענדיקן שטורעם. ערשט איצט, אַז מען קוקט אויף דעם בילד, זעט מען ווי מיר האָבן דעמאָלט נישט באַנומען דאָס וואָס דער קינסטלער האָט דערזען. „די חתונה" — דאָס איז זיין וואָרענונג און זיין געשריי ערב דער פאַרטיליקונג פון זיין שטאָט. אויפן פאָן פון אַ ייִדיש געסל גייען כלי־זמרים, דערנאָך די כלה אין ווייסן חופּה־קלייד און לעבן איר — דער חתן, די מחותנים. צוויי ייִנגלעך לויפן פאָרויס, אַ פאַרחידושטער וואַסער־טרעגער מיט די קאָראָמיסלעס, אַ צעפּראַלטע טיר פון אַ קרעמל ווי אויפגעריסן פון אַ שטורעמווינט און אין צענטער פון בילד — אַ לויערנדיקער אָפּגרונט.

דאָס איז אַ חתונה וואָס קומט פאַר ביים ראַנד פון אַ גרוב; אָט דאַכט זיך, אַז נאָר איין שפּאַן — און די כלה וועט פאַרזונקען ווערן אין פינצטערניש פון אָפּגרונט צוזאַמען מיט די באַגלייטערס. אַ חתונה ביים אָפּגרונט! ייִדיש לעבן ביי אַ לויערנדיק גרוב!

אין בילד „שבת" איז ווידער דאָ דער אָנזאָג פון דער נאַכט וואָס רוקט זיך אָן. אַנשטאָט די שלווה פון שבת, די מנוחה פון הייליקן טאָג, זעען מיר ליידן און שרעק פון דער קליינער משפּחה וואָס זיצט אַרום ווייס־פאַרשפּרייטן טיש מיט די ברענענדיקע לייכטער. עפּעס דאַרף דאָ געשען אין דער שטוב! אויף וואָס וואַרט דער ייִד, דער פאָטער פון הויז מיט די הענט אויף זיינע קני? פאַר וואָס האָט דער זון גרויסע דערשראָקענע אויגן אָפּגעקערטע פון

שבת־טיש? פאַר וואָס זענען די צוויי קינדער פול מיט טרויער און שרעק? אַפילו דער פענדל פון זייגער איז אַזוי אומרויִק ווי ער וואָלט געוואָלט אַריבעריאָגן די שרעק וואָס קלאַפּט אין די נאַכטיקע שויבן.

דאָס בילד „דער מאָרד" טרייסלט אויף. אין מיטן גאַס ליגט אַ מת. עס ברענען זעקס ליכט, אַ פרוי אין אַ ווייסן שירץ מיט אויפגעהויבענע הענט. די ווייסקייט פון איר קלייד מאַכט אונדז אויפציטערן. זי שרייט אויס איר פּיין. עמעצער לויפט אַנזאָגן די בשורה פון מאָרד. אויף אַ דאַך פון אַן אָרעם הילצערן הויז זיצט איינער און שפּילט פידל.

דאָס בילד איז געמאָלן אין יאָר 1908, דעמאָלט האָט מען נישט געקענט באַנעמען דעם מיין פון מאָלער. אָבער איצט? אַ פידלער אויפן דאַך? אַ מת אויף דער פאַרחושכטער גאַס? די ברענענדיקע זעקס ליכט, וואָלקנס וואָס שווימען אַן און דער פידלער, וואָס זיצט אויפן דאַך און שפּילט.

איז דאָס געווען סתם אַ קאַפּריז פון מאָלער? ניין. נישט קיין קאַפּריז, נאָר אַ טיף פאָרויסזען. ווער איז עס דען דער פידלשפּילער אויפן דאַך, ווען דער מת ליגט אין מיטן גאַס?

דער פידלשפּילער אויפן דאַך — דאָס זענען מיר, קינסטלערס, שרייבערס יידישע. קוקט זיך צו צו דער חורבן־ליטעראַטור, ווי אַזוי מיר זינגען אויס אין פערזן דאָס ליד פון פאַרלענדונג, דאָס ליד פון טויטן־גריבער; ווי מיר באַשרייבן די רציחות, מיר, וואָס פאַרפּאַסן לידער — זענען מיר נישט ווי דער פידלער אויפן דאַך אין מאַרק שאַגאַלס בילד וואָס איז געמאָלן מיט איבער פופציק יאָר צוריק? זינגען מיר נישט ווען דאָס פאָלק ליגט פאַרפייניקט און געשענדט?

„דער געלער צימער". אַ פרוי וואָס איר קאָפּ איז שוין אויסגעדרייט געוואָרן פון דערוואַרטונג. אַ סאַמאָוואַר מיט עטלעכע טעפּלעך אויפן טיש, אַ קעלבל, הייליק ווי ערב שחיטה. אַן אָפענע טיר, אין וועלכער עס קוקט אַריין אַ רויט־פּראַסטיקע ווינטערנאַכט. שטיבער באַגאַסענע מיטן רויטן אָפּשיין ווי פאַרגליווערט בלוט.

קוקסט אויף דעם געל מיט די גרינע טענער, אויף דעם טיש, וואָס אָט־אָט וועט ער זיך אַליין איבערקערן פון פחד, אויף דעם יונגן בחור, וואָס וואַרט אויף עמעצן — און עס נעמט דיך אַרום די שרעק פאַרן יונגן

בחור, וואָס וואַרט אויף עמעצן — און עס נעמט דיך אַרום דער אומרו און די אַנגסט פון עפּעס וואָס דאַרף דאָ באַלד געשען.

אויף וועמען וואַרט די פרוי? פאַר וואָס זיצט דער יונגער בחור ווי אַ פאַרמשפּטער? ווער וועט קומען אין דער אומרויִקער נאַכט, אין אָט דער רויט־לבנהדיקער און ווינטערדיקער, אַ דערלייזער אָדער אַ טייוול?

אין יאָר 1911—1912 האָט שאַגאַל געמאָלן דאָס באַקאַנטע בילד „דער כלי־זמר". צווישן צוויי קירכן — אַ ווינטער־לאַנדשאַפט. הייזער אין שניי. ברוינע האָלצווענט. אַ ווינטערבוים, וואָס בליט מיט גן־עדן־בלאָ ווי אין אַ מיידלשן חלום, און טייבעלעך ווייסע, וואָס הערן זיך איין אין געזאַנג פון גינגאָלדענעם פידל. דער געקרייציקטער שוועבט פאַרכישופט פון ניגון וואָס עס שפּילט אויף אַ כלי־זמר מיט אַ גרין־פּאָספּאָר־פּנים, אויסגעקרומט פון צער. דער כלי־זמר פאַרכישופט די פּראָסטיקע וועלט. דער געקרייציקטער האָט זיך באַפרייט פון צלם, באַלד וועט ער פאַרשווינדן אין די טונקעלע וואָלקנס. און כאָטש דער פידלער איז פול מיט פּיין, חלומט אויס זיין פידל אין פּראָסטיקן פאַרנאַכט אַ גרינע וועלט אויף וועלכער ער שטייט נישט, נאָר ער הענגט איבער איר.

דאָס דאָזיקע בילד וואָס געפינט זיך אין אַמסטערדאַמער מוזיי, איז באַשאַפן געוואָרן אין דער צייט ווען עס האָט אָנגעהויבן צו דערוואַכן די מאָדערנע ייִדישע פּאָעזיע אין ווייסרוסלאַנד און פּוילן. איינגעקלעמט צווישן קירך־צלמים, אין אַ פאַרכמאַרעטער ווינטערוועלט מיט רויטע און טונקל־ברוינע פּוסטריט אין שניי, מיט דעם געקרייציקטן וואָס אַנטלויפט פון קרייץ, האָבן ייִדישע פּאָעטן אויסגעחלומט אַ בליִענדיקן בוים פון וואָרקנדיקע טויבן און אויסגעזונגען זייערע געזאַנגען צו די פרעמדע, גלייכגילטיקע און אויס־געפרוירענע הימלען.

איין האַנט ווי מיט רצועות פון תפילין, אַ גאָלדן פידעלע און אַ פּנים וואָס לויכט פון גרינעם צער און פּיין. דאָס איז דאָס סימבאָלישע בילד פון דער אויפגעוואַכטער ייִדישער פּאָעזיע.

די וויזיעס זיינע פון אַ פאָלק וואָס ווערט געקרייצט, דער פויגל־געפלאַטער ווי דער אָנזאָג פון שרעק, דער פידלשפּילער, ליכט פון קאַנדע־לאַברעס, דער חתן, די כלה, דער מת, די לוויה, דאָס האַרפּע־געזאַנג פון דוד

המלך, וואָס איז שוין געמאָלן אין די יאָרן נאָר דער צווייטער וועלט־מלחמה — דאָס זענען זיינע טעמעס.

„דער פידלער אין בלאָ" איז דאָס נשמה־געזאַנג פון ייִדישן קינסטלער וואָס דערהייבט זיך איבער די הייזער פון אַ וויטעבסקער געסל. אויף זיין אַקסל פלאַטערט אַ ווייסע טויב. זיין פידל־געזאַנג מאַכט אויפבליִען די הימלען. עס דערוואַכט דער בעז. די מאַנדלאויגן פון פידלער זענען פול מיט טרויער פון אַ פאַרמשפּטן וואָס וויל דורך זיין שפּילן מילד מאַכן גאָטס גזר.

ער האָט געמאָלן מיט פאַרבן חלומות פון אַ פאָלק און די געמעלן זענען געוואָרן רעאַלער ווי די וואָכעדיקע וואָר. די בילדער זיינע האָבן דאָס ערשטע מאָל געוויזן די נשמה פון ייִד און באַקליידט חלומות פון אַ פאָלק אין פאַרבן וואָס זענען געוואָרן אַן אייגנטום פון דער וועלט, וואָרעם אַזוי ווי אונדזערע טרערן און אונדזער בלוט איז אַלמענטשלעך — אַזוי איז אויך אַלמענטשלעך אונדזער חלום, אונדזער ליבע, די שרעק, די האָפענונג און דער גלויבן.

ער האָט דער ערשטער געעפנט טיר־און־פענצטער פון אונדזערע היימען און געוויזן דער גרויסער וועלט די נשמה פון ייִד.

די סען איז שוין פאַרטונקלט. מען זעט אַפילו נישט דעם אָפּשיין פון ליכטער אויף די אומרויִקע כוואַליעס. עס שפּאַנט איילִיק אַ פרוי. יעדעס מאָל ציט זי איין די פאָלעס פון איר טונקעלן מאַנטל און איר קערפּער ווערט בולטער בעת זי גייט פאַרביי די לאַמטערנס. נאָך דער ווונדערלעכער בעלאַ, וואָס האָט אים אַזוי טיף באַווירקט, האָט ער דערפילט די איינזאַמקייט.

— טייל מאָל מיין איך אַלץ אַז איך בין אַליין, ווי אַ יתום, אַליין אין אַ וויסטעניש. — די ווערטער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אים אומגעריכט, אָן שום צוזאַמענהאַנג מיט דעם געשפּרעך אונדזערן.

— איך פאַרשטיי אייך — האָב איך שטיל געזאָגט.

— ווער פאַרשטייט וועמען? און צי פאַרשטיי איך זיך אַליין? איך האָב ליב צו זיצן און צו אַרבעטן, און אין מיין אַרבעט פאַרשטיי איך אויך וויניק.

— אַן אומגעזעענע האַנט פון אַ שר פירט אייער האַנט בעתן מאָלן.

— איך וויל נישט אַרויסזאָגן צו פיל געדאַנקען, בעסער אַז זיי זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין פאַרב... אַ מאָל, אין די ווייטע יאָרן, פאַר דער ווילדער

וועלט־שחיטה, האָבן מיר געשמייכלט איינער צום אַנדערן, מער געגלייבט און מער געפּילט אונדזערע געפילן. היינט זענען מיר אָפּגעוויטערט און אָפּט מאָל פאַרפרעמדט און אַפילו בייז איינער אויפן אַנדערן. אָפּט דערקענט נישט אין אַלטער פריינד דעם צווייטן, די קינדער אַליין דערווייטערן זיך פון זייערע עלטערן...

— איך פאַרשטיי אייער טרויער.

— איך בין נישט טרויעריק וואָס די קונסט און דאָס געזאַנג פון דער מענטשלעכער נשמה הערט זיך היינט אַזוי ווייניק און שפּילט אַ גאָר קליינע ראָל... אָט האָט איר נישט לאַנג צוריק געקענט זען מיינע וויטראַזשן־פענצטער פאַר דער שול אין ירושלים. דאָס איז געווען מיין חלום פאַר יענע וועלכע גלייבן אין אונדזער תורה... זי דאַרף לויכטן נישט נאָר פאַר אונדז, ייִדן...

ער האָט גערעדט שטיל און די רייד האָבן מער נישט געהאַט דעם שפּילעוודיקן ניגון. זיי האָבן מיר דערמאָנט אין די רייד פון ייִדן אין אַ שולעכל, צווישן מנחה און מעריב.

איך האָב שטיל נאָכגעזאָגט זיינע ווערטער: „איך בין אַליין, ווי אַ יתום, אַליין ווי אין אַ וויסטעניש. ווער פאַרשטייט וועמען? און צי פאַרשטיי איך זיך אַליין?".

איך האָב לאַנג געדענקט דאָס פּנים פון אָט דער פרוי מיט די בולטע ייִדישע שטריכן.

מסיע קאַראַטאַנאָוויטש האָט מיר אָנגעהויבן געבן עצת ווי אַזוי צו מאָלן. צו ערשט האָט ער מיר דיקטירט די גרייס פון די לייוונטן און דערנאָך באַפוילן אין וואָסערע פאַרבן איך האָב צו האַלטן מיינע בילדער. זיין אופן פון ריידן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שאַרפער און כמעט באַפעלעריש. איך האָב באַמערקט ווי ער וואַרפט פאַרשערישע בליקן צו קלאַדין און ווי אַזוי זי מיידט מיך אויס בעת דער גאַלעריע־אייגנטימער שטייט לעבן איר.

איין מאָל, נאָך מיינס אַ באַזוך, האָט זי מיך אָנגערופן דורכן טעלעפאָן.

— מסיע קאַראַט איז אייפערזיכטיק... ער זוכט סתם טענות קעגן דיר... די בילדער דיינע פאַרקויפן זיך... לאָמיר היינט אַרויסגיין...

זי איז געקומען אין אַ טייערן פוטער־מאַנטל. איר פריזור איז געווען

הויך, אָנגעטורעמט. אַ שאַרפער ריח פון פאַרפום. די געצייכנטע טונקל־בלאָע אַפּלען און די לאַנגע, שוואַרצע ברעמען, האָבן בלייך געמאַכט איר פּנים. זי איז געגאַנגען גראַציעז און עס האָט זיך גערדאַכט אַז אַרום איר טראָגט זיך אַ ניגון פון טאַנצמוזיק.

מיר זענען אַריין אין אַ נאַכטקלוב אויפן פּיגאַל. אַ סטריפּטיז איז אַרויס אויף דער קליינער באַלויכטענער אַרענע. זי איז איצט נאָך נישט קיין סטריפּטיז, זי איז אַן אַלמנה אין שוואַרצע שלייערן און וואַלן, ווי זי וואָלט נאָר וואָס צוריקגעקומען פון אַ לוויה. די הילכערס ווײנען אויס טרויעריקע לוויה־מאַרשן, זיי דערוויטערן זיך און עס דאַכט זיך אַז די לוויה איז שוין פאַרביי.

מיר האָבן באַשטעלט גלעזער רויטן ווײן. קלאָדין האָט געזאָגט: עס לאַנגווײליקט מיך. איך קען דעם נומער פון אויסנווייניק. זע, איך וועל צושליסן די אויגן און דיר זאָגן וואָס זי טוט אויף דער בינע, ווען זי וואַרפט אַראָפּ דעם טרויער־שלייער און ווען זי טוט אויס דאָס קלייד, ווען זי שליי־דערט טײלן פון איר וועש אויף דער פּאַדלאָגע און ווען זי וועט טריומפירן מיט איר נאַקעטקייט.

דער ווײן איז אַ שטאַרקער און נאָך דעם דריטן גלאָז האָב איך דערפילט אַ לײכטע שיכרות.

פאַרטונקלט, אין אַ זײטיק ווינקל, מיטן רוקן צו דער סטריפּטיז, וואָס האָט מיט אַ פײערלעך־שווײגנדיקן ערנסט אַנטפּלעקט איר גוף, זענען מיר ביידע געזעסן. איך האָב געדריקט דאָס לײדיקע גלאָז און געטראַכט: פאַר וואָס בין איך אַהערגעקומען? איך האָב געוווסט אַז סיי ווי וואָלט איך ערגעץ אַנדערש אויך נישט געפונען קיין רו. מײן קאָפּ איז געלעגן אויף אירע הענט און זי האָט מיט די פינגער געקילט מײנע הײסע שלייפן.

— מערסי, וואָלאָדיאַ, וואָס דו ביסט היינט אַרויס מיט מיר. דו גיסט מיר דאָס געפיל פון אַ פרײקייט, און פאַרגעסט אַז איך בין אַ מעטרעס פון אַ זקן וואָס קויפט מיר מתנות.

— דו דאַרפסט מיך נאָר צו דעם געפיל פון פרײקייט און צום פאַרגעסן זיך?

זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט. די קאַפּעליע האָט אָנגעהויבן איר דזשאַז־

נומער. איך האָב זיך אַ ריס געטאָן פון טישל בעת עס האָבן זיך צעשאָטן די בראַזגערייען פון די טאַצן און דאָס דונערן פון דער פּויק.

אַ נעגער מיט אַ פּאָמאַדירטן קאָפּ האָר און אַ מאַט־ברוין פּנים, האָט הויך געזונגען אַזש די גלעזער האָבן זיך אָנגעשלאָגן:

הללויה, דזשאַז!
דזשאַז איז מיין רעליגיע —
בלויז דזשאַז באַגרייף איך —
מיינע טעמפּלען זענען קלובן פון דזשאַז —
דזשאַז אין מיין תורה —
די הימלעןריידן צו מיר דורך דזשאַז —
די קאָלירן פון דזשאַז זענען שוואַרץ און בלאָ —
דזשאַז איז דאָס הייסע בלוט פון מיינע אָדערן —
דזשאַז — דאָס איז דער אמתדיקער אמת
וואָס האָט זיך מיר אַנטפּלעקט! —
הללויה! הללויה! הללויה! דזש־אַ־אַ־זזז! —

די מענטשן האָבן מיטגעזונגען, און העכער פון אַלעמען האָב איך געזונגען און געקלאַפּט מיט די גלעזער אין טיש אַריין:

הללויה דזשאַז...

קלאַדין האָט מיך אַרויסגעפירט אַ געאָרעמטע פון נאַכטלאָקאַל און מיט געבעט גערעדט צו מיר אַז איך זאָל זי פּאָלגן און נישט שטעלן קיין ווידער־שטאַנד. זי האָט מיך געפירט מיט געניטשאַפּט ביז צו אַ טעקסי. איך האָב געהערט ווי זי זאָגט צום שאָפער:

— ער איז אַ מילדער און גוטער שיכור...

און צו מיר:

— ביסט איצט שענער ווי תמיד. קאַראַט איז אַ בייכיקער קאַשאָן... כאַ־כאַ־כאַ... דו ביסט נישט דער ערשטער שיכור וואָס איך פיר אים אַהיים...

אין דער פרי האָב איך אַראָפּגעוואָרפן די נישט־פאַרענדיקטע לייוונט פון מאָלברעט. די קרוג מיט די פּענדזלען האָבן איצט אויסגעזען ווי דערנער־ריטלעך.

— דזשאַז איז מיין גלויבן — האָב איך שטיל גערעדט צו זיך און איך האָב געוואָלט אויסוואָיען דאָס נעכטיקע ליד פון נעגער מיט דעם מאַט־ברוינעם פּנים און מיט די גרויסע באַלויכטענע זשעסטיקולירטע הענט.

איך האָב געקוקט אויף קלאָדינס מאָרגן־גימנאַסטיק.

— יעדער איז שיכור אויף אַן אַנדערן שטייגער. בלויז מסיע קאַראַט איז תמיד ניכטער ווי אַן אויספּאָרשער. רוסישע שיכורים ווערן פילאָסאָפן און מיסטיקער. אַזוי איז עס געווען מיט מיין פריערדיקן געליבטן. פראַנצויזישע שיכורים ווערן ציניקער. נעגער־שיכורים פאַרוואַנדלען זיך אין ווייגענדיקע נאַכטסאָוועס. אַמעריקאַנער שיכורים ציילן צומאַרגנס, ווען זיי ניכטערן זיך אויס, דאָס געלט פון בייטל. דו, וואָלאָדיאַ, ביסט געשטימט מיסטיש. איצט ווייסטו אַנהייבן דעם ניהיליסטישן סעאַנס פון אַ רוסישן שיכור וואָס ניכטערט זיך אויס. הייב אָן. איך וואַרט...

איך בין געוואָרן אין כעס און נישט געוווסט פאַר וואָס. אפשר איז דאָס געווען די אייפערזוכט וואָס האָט וועלפיש אַרויסגעוואָיעט פון מיר.

— קלאָדין, האָסט אַ רייכע דערפאַרונג.

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַראַכטונג.

— דו ווערסט לאַנגווייליק און ציניש ווי אַ פראַנצויזישער שיכור. אַלץ וואָס דו טראַכטסט וועגן מיר איז אמת!

איך האָב געפילט אַז זי זאָגט דאָס כדי מיר וויי צו טאָן. קלאָדין האָט זיך אייליק אָנגעטאָן און אַ ווײַלע געבליבן שטיין ביי דער טיר. דער בליק וואָס זי האָט מיר געשענקט איז געווען פון אַ באַליידיקטער פרוי בעתן צוקלאַפּן די טיר.

גאַנצע טעג האָב איך פאַרבראַכט אויפן מאָנפּאַרנאַס, אין אַ קאַפע, ביי אַ ליידיק טעפּל קאַווע און אויסגעהערט די וויצן פון מאַנע קאַץ און איידער ער האָט זיי פאַרענדיקט, איז ער אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער און מיך געצוווּנגען מיטלאַכן. ער פלעגט אָנשטעקן מיט זיין שמייכל יעדן איינעם וואָס איז נאָר פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט דאָ יעדן געקענט און פאַר יעדן האָט ער געהאַט אַ גוט וואָרט. אָפט מאָל איז געקומען דער אַלטער מאָלער מיט זיין פינלענדישער פאָעטעסע. זי איז געווען שטאַרק געפּודערט און

דער פּודערשטויב האָט זיך געשאָטן פֿון איר ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן ריידן. עטלעכע מאָל איז געקומען דער נידעריקער, פֿאַררויטלטער קיקיון, כלומרשט אַ זייטיקער געשטאַנען צווישן די טישלעך און יעדעס מאָל געזוכט זיין קיילעכדיק פּנים אין די שויבן.

זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט באַדויער און מיט פֿאַרבאַהאַלטענעם מיטלייד, וואָס עס וועט מיר באַשערט זיין, נאָך יאָרן פֿון הונגער און פּיין צו דערגיין צו דעם אמת צו וועלכן זיי זענען דערגאַנגען אויף דער זקנה, אַז מען האָט זיך אַ לעבן־לאַנג געיאָגט נאָך אַ מיראַזש און לויפֿנדיק האָט מען פֿאַרלאָרן די יוגנט, פֿאַרלאָרן די שיינקייט פֿון דער וועלט און די הנאה פֿון לעבן, די געליבטע זענען אַוועק און עס זענען געבליבן נישט מער ווי ווייטיקדיקע זכרונות און פֿאַרשטויבע לייוונטן אין דער אַטעליע.

איך בין געווען פֿאַר זיי ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער יונגער וואָלף צווישן אַ סטאַדע אַלטע און מידע לייבן. זיי האָבן נישט באַנומען פֿאַר וואָס מיך ציט נישט אין דזשונגל־אַריין פֿון דער היפּער־מאָדערנער מאָלער־יוגנט, די וואָס טראָגן באַקנבערד, די וואָס עקספּערימענטירן ביים מאָלערברעט און פֿאַרוואַנדלען זייער אַטעליע אין אַ וואַרשטאַט וואָס איז ענלעך צו אַ בלעכעריי, צו אַן אָרעמער שלאָסעריי און אַ קאַלכעריי, ווו מען אַרבעט מיט פֿאַרב־פּאָמפּעס, מיט שטיקער פּלאַסטיק, בלעך און צינק. די וואָס פֿאַרמעגלעכע טאַטע־מאַמע האַלטן זיי אויס און די וואָס לעבן אויפֿן חשבון פֿון רייכע געליבטע. זייערע מאָלערייען באַצירן די משונהדיקע אַפּאַרטאַמענטן פֿון אַ באָהעמיע וואָס האָט אָפּגעוואָרפֿן אַלע פֿאָרמען פֿון קונסט און פּראָקלאַמירט אַ נייעם אמת — דעם אמת פֿון פּרעכהייט, דעם אמת וואָס איז נאַקעט און מיאוס. די מיאוסקייט פֿון כאַאָס לאָקט זיי.

איך האָב טעלעפֿאָניש געזאָגט דעם מסיע קאַראַט אַז איך האָב אים מער נישט וואָס צו געבן.

— די באַדינגונגען אַנטשפּרעכן אייך נישט? מיר קענען וועגן דעם דיסקוטירן. קומט אַריין.

— איך פֿאַרלאָז פּאַריז.

עטלעכע טעג, נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעריסן מיט מיין גאַלעריע,

האָט זיך באַוויזן פּאַביאַן. זי האָט איצט אויסגעזען אַזאַ ווי איך האָב זי געטראָפן דאָס ערשטע מאָל אין דער קאַפע פון „בלינדן שטערן־זוכער".

— דו פאַרלאָזט פּאַריז?

איך ווייס נישט פאַר וואָס מיר איז איינגעפאַלן מיט אַזאַ שאַרפקייט און עקשנות צו ענטפערן „יאָ", כאָטש איך האָב נאָך פאַר זיך אַליין נישט קלאָר געמאַכט צי איך פאָר. ווייזט אויס, אַז איך האָב געוואָלט זען ווי אַזוי זי וועט רעאַגירן. זי איז אָבער געבליבן גלייכגילטיק און איר גלייכגילט האָט מיך אויפגערעגט.

— איך פאָר אַוועק אין עטלעכע טעג אַרום.

אין איר שמייכל האָב איך דערקענט אַז זי פאַרשטייט, אַז מיינע רייד זענען אַן אַרויסרוף, אַז דער באַשלוס אַוועקצופאָרן איז נאָר אַן אויבנ־אויפיקער און עס איז נישט מער ווי אַ שאַנטאַזש צו זען ווי אַזוי זי וועט רעאַגירן.

— טוסט גוט, וולאַדימיר. האָסט שוין לאַנג געדאַרפט צוריקפאָרן.

— צוליב דעם ביסטו איצט געקומען, כדי מיר דאָס צו זאָגן?

— יאָ!

פּאַביאַן האָט אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס, אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן און איך האָב פאַרשטאַנען אַז עפּעס וועט געשען און נישט געקענט וויסן וואָס. איך האָב געוואַרט פון דער אַנדערער זייט מאָלברעט. פּאַביאַן האָט אויסגעזען ווי ערב אַ געוויין און איך האָב באַדויערט מיינע רייד.

— איך וויל פאָרן מיט דיר. איך האָב דאָ אויך אַלץ פאַרענדיקט. — נאָך אַן איבעררייס, בעת וועלכן זי האָט עטלעכע מאָל טיף פאַרצויגן דעם רויך האָט זי ממשיך געווען. — דו ביסט געקומען אַהער אָפּנעמען דאָס וואָס האָסט פאַרלאָרן אין דער מלחמה. האָסט געוואָלט ווידער אָנהייבן, געענדי דאָרט וווּ עס איז איבערגעריסן געוואָרן, בעת מען האָט דיך מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי אין סעפּטעמבער 1939. איצט קענסטו אַ באַרויקטער צוריקגיין צום טראַקטאָר אין דיין נגב־דאָרף. דו וועסט מאָלן קעמלען אויפן האָריזאָנט. דו וועסט אַ געזעטיקטער רוען אין די חמסינען און עס וועלן זיך וועבן אין דיין זכרון די דערמאָנונגען פון די האָטעל־צימערלעך אין לאַטייניש קוואַרטאַל, גאַלעריעס, פּרויען וואָס האָבן צום הונדערטסטן מאָל

געשעפּטשעט צו דיר די זעלביקע איינגעחזרטע ליבע־שעפּטשערייען וואָס זענען פֿאַר דיר געווען אַזוי נײַ...

— ביסט ציניש.

— כאַ־כאַ־כאַ... דו ביסט נאָך אַלץ נישט אויסגעניכטערט געוואָרן?

דאָס מאָל איז איר געלעכטער געוואָרן מילד. זי האָט זיך דערנענטערט צו מיר, אַרויפגעלייגט די הענט אויף מיין אַקסל און געשעפּטשעט:

— מיר וועלן פֿאָרן צוזאַמען, מיין גוט ייִנגל.

איך בין אַוועק זיך געזעגענען מיטן „בלינדן שטערן־זוכער".

די שטייג וויגט זיך און די פּאָפּוגיי באַגעגנט מיך מיט אַ געשריי: „מאַד־מאַ־זעל צע־לעס־טי־י־י־ין".

קאָלעט איז נישטאָ. ביים בופעט שטייט די דיקע פֿרוי, איר פּנים גלאַנצט אין נעאָנליכט. איך זיץ אַנטקעגן דער גראַוויור פֿון אַסטראָלאָג און קוק זיך איין אין דעם שטערן־געווימל אויף דעם נאַכטיקן הימל פֿון דער האַלב־אויסגעלאָשענער גראַוויור. ערשט איצט זע איך, אַז זיינע טויטע אויגנגריבער זענען ווי אַ טייל פֿון דער נאַכט. אַ זקן דרימלט. איך ווייס, אַז ווי נאָר איך וועל זיך אויפשטעלן וועט זיך די פּאָפּוגיי צעשרייען. איז טאַקע צעלעסטין נישט אין דער היים? אַ שאָד. איך האָב זי געוואָלט זען. „וואָס איז געשען מיט צעלעסטין" — פֿרעג איך די פֿרוי פֿון בופעט, בעתן אָנגיסן מיר אַ גלעזל וויין. „זי האָט אויפגעגעבן דאָס געשעפֿט?" דער גוידער האָט זיך געוויגט, געפּאַלדעוועט, די אייגלעך זענען פֿון תאווה טיף אַריין אין די אָנגעשוואָלענע קישעלעך. „די פּאָפּוגיי איז געבליבן ביי מיר". און קאָלעט? „וואָס איז מיט קאָלעט?". „ווילסט זען קאָלעט?" איך האָב געשוויגן. „עס קאָסט נישט טייער... טרינקט אויס דאָס גלעזל ביזן סוף... זי איז אויבן... די ערשטע שטיגלעך, רעכטס... זי פֿאַרטרעט צעלעסטין... זי וועט דיך גוט באַהאַנדלען"...

איך בין אַרויס פֿון „בלינדן שטערן־זוכער" און געבליבן אין פֿינצטערן קאָרידאָר. אַ פֿאַרשוין האָט זיך אָנגעשטויסן אָן מיר. „פּאַרדאָן, שער מסיע", פּאַרדאָן"...

איך האָב געזוכט די טרעפּ. אָט זענען שטיגן. אַ רויט קאָרידאָר־לעמפּל. איך שטעל טריט און דערנאָך קלאַפּ איך אין אַ טיר.

זאָל איך צוריקגיין? צוריקלויפן? עס איז שוין שפּעט. איך הער טריט און בעת איך האָב זיך אָנגעהויבן צוריקציִען האָט זיך די טיר ברייט צעעפנט.

— פאַרדאָן... — האָב איך זיך אַנטשולדיקט מיט דעם שיכורס קול, — פאַרדאָן מאַדאַם... איך האָב זיך טועה געווען... איך האָב פאַרבלאָנדזשעט...

אַ נאַקעטער אָרעם האָט זיך געצויגן צו מיר. כ׳האָב דערשפּירט אַ דעמפּיקן ריח פון זייף און וועש.

— דו האָסט נישט פאַרבלאָנדזשעט... האָסט געטראָפן, מאָן שערי...

איך האָב זי דערקענט. אויך קאָלעט האָט מיך דערקענט.

— דאָס ביסטו? דער מאָלער? דער וואָס האָט געקוקט שעהען אויפן בלינדן שטערן־זוכער? אָ, שערי, איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט אויף דיר... קום! פיל זיך דאָ היימיש... פאַר וואָס האָסטו מיך דעמאָלט נישט געוואָלט? געדענקסט, ווי איך האָב געוואַרט אויף דיר? געדענקסט ווי איך האָב תמיד געטוישט לכבוד דיר דעם פאַרטעך?

עמעצער קלאַפּט אין טיר. קאָלעט איז אויפגעשפּרונגען און פאַרריגלט דעם שלאָס. זי האָט מיט אַ הייזעריקער שטים געשריגן:

— טראָגט זיך אָפּ! קיינער איז איצט נישטאָ!...

דאָס איז נישט געווען די זעלביקע קאָלעט וואָס איך האָב אַ מאָל באַגעגנט. אַ פּנים מיט האַרטע שטריכן און אַ קול רוי און הילכיק.

— דו לעבסט עפּעס איבער? אַזוי ווי אַלע מענער, נאָך אַ קריגעריי מיט דער געליבטער? כאַ־כאַ־כאַ.

— איך בין געקומען דיך זען.

— מערסי...

זי האָט געקושט מיינע הענט און אַראָפּגעלאָזט זיך פאַר מיר אויף די קני.

— אַ דאַנק דיר... אַ דאַנק... איך בין גערירט...

— קאָלעט, איך פאָר צוריק אין מיין מידבר־דאָרף... אין עטלעכע טעג אַרום... איך בין געקומען זיך געזעגענען. איך באַדויער וואָס דו ביסט מער נישט אין רעסטאָראַן...

— ביסט אַ גוטער. האָב מיך ליב, כאָטש איין מאָל. אויך איך וועל אַוועקגיין. עס וועט לאַנג נישט דויערן. איך וועל דאָ נישט בלייבן...

זי איז אַוועק אין קליינעם וואַשווינקל. פון אַ קראַן רינט וואַסער. קאָלעט

זינגט אַ ברעטאַניש לידל. אויפֿן קרעדענס שטייט אַ גלעזערנע נימפֿע און צווײ גיפּסענע מלאָכימלעך. אַ זייגער פֿון בראָנדז מיט איין ווייזער. אָנגע־שפּאַרט אין זייגער — פּאָטאָס אין באַגילדטע רעמלעך. אַ מאַטראַז מיטן בערעט אַראָפּגערוקט ביז די אויגן. אַ פּאַרשוין אין אַ מונדיר מיט באַקנבערד און וואָנצעס פֿאַרשטייפֿטע ווי די פֿישהאָקנס. דערלעבן אַ פֿאָטאָ פֿון אַ באַיאָרטן מאַנספּאַרשוין אין פּענסנע. די ווענט זענען באַהאָנגען מיט העפּ־טערייען; בלומען, קעץ און פֿייגל. אויפֿן דיל — אויסגעריבענע טעפּעכער, טיילן פֿון גאָבעלינען. ביים ברייטן בעט מיט אַ באָרדאָ־רויטן דעק ליגט אַ וואָלפֿישע פֿעל און אויף דער פֿעל דרימלט אַ סיאַמישע קאַץ. פֿון דער גאַס דערגייען די גערוישן פֿון אויטאָס און דאָס קלינגען פֿון אַ נאָענטער קירך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין איצט איינער פֿון די ביסטראָ־טרינקער, אַז איך האָב אַ יאַטקע אין ראָג פֿון גאַס, אַז איך בין אַ פּאָליציאַנט, אַן עמעריטירטער באַאַמטער, אַן אויפֿזעער אין אַ גאַראַזש, איינער פֿון די וואָס זיצן ביי די מעטראָ־אריינגענג און לעכערן דורך די בילעטן, איך בין דער „מסיע אינספּעקטאָר" פֿון אַ מלוכישן קאָנטראָלאַמט, אַ פֿראַנצויזישער אַקאַקי אַקאַקעוויטש, וואָס האָט גליקלעכערווייז זיין מאַנטל אָפּגעפֿונען און מען האָט אים דערצו נאָך געגעבן אַ העכערן געהאַלט, בין איך דערפֿאַר געקומען אַהער, צו דער הויכבוזעמדיקער ברעטאַנישער מויד קאָלעט אויף אַ וויזיט...

— ווו'ז זשאַנטי, מאָן אַמור...

איך בין געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געקוקט אויף דער סיאַמער קאַץ. זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אָנגעטורעמט דעם רוקן, אויס־געשטייפֿט די פֿיס און די אויגן האָבן געשפּיגלט דעם באָרדאָ־רויט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער קאַצס אויגן ברענען. מיט ברייטע שפּאַן איז זי אַוועק פֿון דער פֿעל און זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקל.

ווידער קלינגט דער זייגער אויפֿן טורעם. איך צייל און פֿאַרפּלאָנטער זיך. די פּאָפּוגיי רופֿט און דאָס געשריי אירס איז אָפּגעריסן, גרילצט, מיר דאַכט זיך אַז אין דער טיר שטייט דער מאַטראָס, און ביים טיש, אויף דעם אָרט ווו איך בין פֿריִער געזעסן, זיצט דער פּאַרשוין מיט די באַקנבערד. אַן אָרעם ליכט אונטער אַ שטויביקן אַבאַזשור פֿון פּאַפּיר. פֿון קראַן טריפֿן טראָפּנס. עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט.

בעת איך בין אַוועק האָב איך זיך אויף די טרעפּ מיט עמעצן אָנגע־שטויסן. „פּאַרדאָן, שער מסיע״... איך האָב סאַרקאַסטיש געשמייכלט צו זיך אַליין. האָסט די ווערטער געזאָגט אָן אַן אַקצענט, גענוי אַזוי ווי יענער פּאַרשוין, וואָס האָסט אים באַגעגנט. מיר איז אויסגעקומען אַז דאָס איז דער מאַטראָס מיטן בערעט אַראָפּגערוקט ביז די ברעמען.

פּאַביאַן גרייט זיך צו דער נסיעה. זי האָט שוין אויפגעגעבן איר אַרבעט אין דער מאָדע־פירמע און געמאַכט געזעגענונגס־וויזיטן ביי אירע קרובים. איך האָב זי געמוזט באַגלייטן, ווייל זי האָט מיך געוואָלט פאָרשטעלן פאַר אירע מומעס.

אין אַ זונטיק, מיטאָגצייט, אַרום אַ געדעקטן טיש איז געזעסן די פאַר־זאַמלטע משפחה און עטלעכע פאַרבעטענע געסט. מען האָט סערווירט טיפּיש־פראַנצויזישע מאכלים: ים־מושלעס, וואָס פון שוואַרצקייט זענען זיי אַזש בלאָ, אויף אַ פאַיאַנסענעם טעלער אַ פּלאַטע מיט רייז ווי אַ שטרודל באַפּוצט מיט געלע ים־ווערעם וואָס מען רופט זיי „קראָוועט״. גלעזער פאַר ווייַן און גלעזער פאַר מינעראַל־וואַסער. דער טיש איז פול מיט אַלערליי סערוויר־כלים פאַר דעם רייז, פאַר די מושלעס, פאַר די פּאָרציעס וואָס וועלן נאָך שפּעטער דערלאַנגט ווערן. דאָס פאַרנעמען אַ פּלאַץ ביים טיש איז אַ פּראָ־צעדור וואָס פאַרלאַנגט טאַקט און כמעט „דיפּלאָמאַטיע״ פון די באַלעבאַטים. דאָ קומט צום אויסדרוק דער דרך־ארץ צו יעדן איינעם לויט זיין עלטער און לויט דעם גראַד פון משפּחהדיקייט.

דאָס איז אַן איינגעפונדעוועט אַלט־פראַנצויזיש הויז. די זיידעס זענען געבוירן געוואָרן אין די קליינע שטעטלעך פון עלזאַס. אין יאָר 1870, ווען די פּראָווינץ איז אַריבער צו די דייטשן, האָבן די עלטערן פון דער גאַסט־געבערין נישט געוואָלט בלייבן אין עלזאַס און לעבן אונטער דייטשער אָקופּאַציע. זיי זענען אַוועק אין דרום־פראַנקרייך און דאָרט אויפגעבויט זייערע היימען. זיי זענען געווען פאַבריקאַנטן פון זייד. דאָרט איז געבוירן געוואָרן די פרוי מיט די ליכטיקע האָר און דאָרט איז געקומען אויף דער וועלט איר מאַן. זיי האָבן חתונה־געהאַט אין אַוויניאָן. „אָט איז די פּאַטאָ ביים אַרויסגיין פון דער סינאַגאָגע, גלייך נאָך דער חתונה״ — האָט זי מיר

געוויזן אַ פֿאַרגעלטע פֿאָטאָגראַפֿיע; די כלה אין אַ ליכטיק קלייד, דער חתן אין אַ צילינדער, צוויי קינדער אין אַ זייט מיט בלומען, די עלטערן, קרו־בים — אַלע אין שטייפֿע היט און פֿראַקן.

אויפֿן קאַמין — דאָס בילד פֿון אַ פֿראַנצויזישן סאָלדאַט אין דער ערש־טער וועלט־מלחמה מיט אַ צוגעשפּיליעטן מעדאַל ביי דער רעם.

רעכטס פֿון דער באַלעבאָסטע זיצט איר שוועסטער, די וואָס איז עלטער פֿון איר מיט עטלעכע יאָר. זי האָט חתונה־געהאַט מיט אַן אַנגעזעענעם ענגלישן ייִד פֿון דער משפּחה ששון. די שטוב פֿון דער שוועסטער איז פֿול מיט ייִדישע ספֿרים, מגילות, קמיעות, פּסח־בעכערס און לייכטער וואָס ער האָט באַקומען בירושה פֿון זיינע עלטערן. איין בעכער איז שוין אַלט איבער פֿיר הונדערט יאָר און עס זענען אויסגעקריצט אין דעם אַלטן זילבער נעמען פֿון די פֿריִערדיקע דורות. די אַלטיטשקע וויל זיך נישט שיידן מיטן בעכער. זי זאָגט מיר: עס איז געבליבן נאָך אַן אָרט אויסצוקריצן דעם נאָמען וועמען מען האָט געדאַרפֿט דעם בעכער איבערגעבן, האָט זיך אָבער איבערגעריסן אונדזער שטאַם. נישטאָ ווער עס זאָל אַפֿילו איבערלייענען די ייִדישע אותיות און עס איז נישטאָ וועמען איבערצוגעבן דעם בעכער. מיינע קינדער זענען שוין געמישט מיט נישט־ייִדן. איין טאָכטער האָט אַ מאַן אַ פֿראַנצויז פֿון דייטשן אָפּשטאַם, אַ זון אין אַמעריקע האָט אַ קריסטלעכע פֿרוי. די אַלטע האָט שלום געמאַכט דערמיט אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ גאַר לאָגישער גאַנג פֿון דער געשיכטע און זי באַדויערט אַפֿילו נישט די אויסגעלאָשענע ייִדישקייט.

אַ דריטע שוועסטער, אין די זיבעציקער יאָרן, האָט געהאַט אַ מאַן אַ בעלגישן ייִד וואָס איז געווען אַ צייט וויצע־גובערנאַטאָר פֿון קאָנגאָ. ער איז צוריקגעקומען קיין פּאַריז און יונג געשטאָרבן. קיין קינדער זענען נישט געבליבן. ווען די דייטשן זענען אַריין אין פֿראַנקרייך, האָט זיך די פֿרוי אויסבאַהאַלטן, ווייל דער מאַן איז דאָ געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַן אויסלענדער, אַ ייִד. זי האָט געלעבט אויף פּאַפּירן פֿון אַ קאַטוילין, געגאַנגען אין קירך און געפֿירט אַן אַנוסים־לעבן. נייִן, עס איז נישט געווען קיין לעבן פֿון אַ מאַראַן. עס האָט זיך איר אָנגעהויבן דאַכטן, אַז זי מיינט דאָס ערנסט מיטן קריסטנטום. זונטיק נאָך זונטיק איז זי געגאַנגען אין דער קירך און אַפֿילו

נאָך דעם ווי די דייטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון פראַנקרייך. עס איז אָבער געקומען אַ טאָג, ווען זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי טוט תפילה צו אַ פרעמדן גאָט, וואָס איז געווען גלייכגילטיק צום גורל פון איר שטאַם. זי האָט ערגעץ ווו דערזען היימלאָזע יִדישע קינדער אויף אַ וואָקזאַל און פאַרשטאַנען ווי גלייכגילטיק עס איז געווען די וועלט צו די דאָזיקע קינדער. זי האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם משיח וואָס איז שוין כלומרשט געקומען. „ער איז נישט געקומען און ער וועט נישט קומען. מיר האָבן נישט פאַרדינט אַז ער זאָל זיך באַווייזן אין אונדזערע צייטן". זי האָט זיך אויף ס'ניי נישט באַהאַפטן מיט איר פאָלק און זיין גלויבן, וואָס זי האָט געירשנט פון אירע עלטערן. זי איז געבליבן צו אַלעם גלייכגילטיק.

נישט ווייט פון דער פרוי איז געזעסן אַ יונגער מענטש, אַוודאי פון קנאַפּע פערציק. אַ טיפּיש־יִדיש פּנים מיט אַ יִדיש־קלינגעוודיקן פאַמיליע־נאָמען. אַן אַכצן־יאָריקער איז ער שוין געווען אין דער פראַנצויזישער רעזיסטאַנץ, דערנאָך אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. זיין פרוי איז געווען אַ פראַנצויזין פון אַדל. עס האָט זיך נישט געקלעפּט דער שידוך און נאָך עטלעכע יאָר פון צוזאַמענלעבן איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. אַ ברוין פּנים פון דער דרום־זון. ער פאָרט אין אַ רויטן אויטאָ און טראָגט ספּאָרט־מלבושים. פון באַרוף איז ער אַ בוי־אינזשעניר, אַן אַקציאָנער. יִדישקייט? ער ווייסט אַפילו נישט דאָס עלעמענטאַרסטע פון זיין גלויבן. געמלט? יאָ, דאָס האָט נאָך דורכגעפירט זיין זיידע. אַז זיין טעכטערל האָט אָנגעגעבן אין שול דער מוטערס מיידלשן נאָמען, איז ער אויפגעקאָכט געוואָרן. „דו ביסט געבוירן געוואָרן ביי אַ פאָטער וואָס שטאַמט פון יִדן און דו מוזסט טראָגן דעם נאָמען און דעם גורל פון דעם שטאַם". דאָס טעכטערל איז אַלט צוועלף יאָר. זי זיצט ביים טיש, לעבן פאָטער. די יִדישע שטריכן פון פאָטער זענען איר איבערגעגעבן געוואָרן מיט אַ ברייטער האַנט. אויפן האַלדז טראָגט זי אַ גאָלדן מעדאַלאָניקל מיט דער הייליקער מאַריאַ און דער פאָטער טראָגט אַ מגן־דוד וואָס עמעצער האָט אים געשענקט נאָך בעת די מלחמה־אָפּעראַציעס.

צו דעם מיטאָג איז אויך פאַרבעטן געוואָרן אַ גאַסט — אַ באַקאַנטער פון יענע יאָרן בעת מען האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַריז און דערנאָך —

אין דרום־פראַנקרייך. דער גאַסט מאַכט אַ רושם מיט איר אַנדערשקייט. אַ סלאַוויש פּנים, דער פאַרנאַמען קלינגט אויך סלאַוויש. פון מאַנס צד געהערט זי זיך אָן מיט אַ גאַר באַקאַנטער פראַנצויזיש־ייִדישער באַנקיר־משפחה. איר ברודער איז געווען אַ פראַנצויזישער גענעראַל, איר זון איז אַ דיפּלאָמאַט פון ערשטן ראַנג. זי איז געווען באַפריינדט מיט די גרויסע פראַנצויזשע מאָלערס. אַפּאָלינאַרי האָט איר געווידמעט אַ פּאָעמע, סעזאַן האָט געמאַכט איר פּאָרטרעט און געמאָלן אירע קינדער. זי האָט אַ גרויס הויז, אַ „האָטעל פּאַרטיקולער" פול מיט אַנטיק־חפצים. זי קען מיר נישט דערקלערן איר רוסישן פאַרנאָמען. זי ווייס אַז איינער פון אירע זיידעס האָט אָנטיילגענומען אין די קאַווקאַזער מלחמות און געדינט אין דער צאַ־רישער אַרמיי. ער איז געקומען אין פראַנקרייך מיט אַ הונדערט יאָר צוריק. אין איר הויז איז נישט פאַראַן קיין שפּור פון איר אָפּשטאַמונג. דער זון טראָגט דעם עלזאַסער נאָמען. איין טאָכטער איז אַוועק קיין גריכלאַנד און איז אַריין אין אַ מאָנאַסטיר.

לעבן דער פרוי זיצט דער יונגער פּיער וואָס זעט אויס ווי אַ ייִדישער בחור פון אַ פּויליש שטעטעלע. פּיער איז אַ האַלבער ייִד, בלויז פון פאָטער. די מוטער איז אַ קריסטין. כאָטש זיין פאַמיליע־נאָמען קלינגט ייִדיש, איז פּיער גאָר ווייט פון זיין אַ ייִד און פון זיין אַ קריסט. זיין זון מאַכט אַלע באַמיונגען אַז מען זאָל אים אַריינגעמען אין דער ישׂראל־אַרמיי. ער וויל בעסער דינען אין דער אַרמיי פון ישׂראל.

ביי דעם מיטאָגטיש איז געווען נאָך אַ גאַסט — דאָס איז די איינציקע קריסטלעכע פרוי, אַ פרומע קאַטוילין. זי אַרבעט אין אַ פאַרלאַג וואָס געהערט צו ייִדן. אין דער אָקופּאַציע־צייט האָט זי אַרויסגעוויזן צו אירע באַלעבאַטים מסירת־נפש און געראַטעוועט זייער לעבן און פאַרמעגן.

דער שמועס גייט אַוועק וועגן פילמען, וועגן נייע ביכער, וועגן עפּעס אַ פּיעסע וואָס האָט אַרויסגערופן אַ טומל. דאָס איז אַ לייכטער שמועס און איידער מען הייבט אים נאָך רעכט אָן, רייסט מען אים איבער און מען לויפט אַריבער צו אַן אַנדער טעמע. מען דערציילט זיך וויצן אויפן חשבון פון גענעראַל דע גאָל, אויף פראַנקרייך, וויצן אויף זיך אַליין, און אומגעריכט דערציילט די איינציקע קריסטין אַ וויץ וואָס רודערט מיך אויף. איך בלייב

פּאָרטראַכט און הער ווי אַלע לאַכן פון דעם שאַרפזין. עס איז אַ וויץ וועגן ייִדן. אין הויז פון ענגלישע ייִדן איז געקומען אַ ייִדיש בחורל פון ליטע, געקליידט אין טראַדיציאָנעלע ייִדישע קליידער, מיט פּיאות. מען האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַן עכטן ענגלענדער. מען קען נישט טראָגן אַזאַ הלבשה אין דעם הויז — האָט מען אים איבערגעטאָן, אָפּגעשוירן די פּיאות און דערנאָך געפרעגט: ווי פילסטו זיך איצט? — האָט ער געענטפערט: „איך פיל זיך נישט אַזוי גוט. פאַר וואָס האָבן מיר אָוועקגעגעבן אינדיע?". אַלע לאַכן פון דעם אַנעקדאָט. עס לאַכט פּיער און עס לאַכן די דריי שוועסטער. עס לאַכט די פרוי וואָס טראָגט דעם ייִחוס־נאָמען, אָבער העכער פון אַלעמען לאַכט פּאַביאַן.

דער מיטאָג ציט זיך לאַנג. מען סערווירט קעז, דערנאָך פרוכט און נאָך דעם — קוכן און שוואַרצע קאַווע.

פּאַביאַן האָט מיך פאַרגעשטעלט ווי איר געליבטן און געזאָגט אַז די חתונה וועט פאָרקומען אין ישׂראל. זי האָט אויסגעקליבן די שטאָט באר־שבע, גלייך דערנאָך וועלן מיר מאַכן אַ שפּאַציר אויף קעמלען צו בעדויִנישע געצעלטן. זי האָט מיך אויסגעפרעגט אַלץ וואָס מען האָט נאָר געקענט פרעגן וועגן דעם נגב און זיינע תושבים, וועגן די מידבר־געוויקסן און וועגן די וואַדיס.

פּאַביאַן האָט זיך געענדערט ממש נישט צו דערקענען: אַ צעשמייכלט פּנים מיט רויטלעכע פלעקן אויף די אייבערשטע קינבאַקן, די ברוינלעכע הויט איז מער נישט געווען מאַט נאָר האָט געלויכטן מיט אַ פרישקייט פון סוף־זומערדיקע פּירות.

איך האָב זי באַגלייט אין אַלע געשעפטן ביים איינקויפן און לסוף האָב איך זיך אַריבערגעקליבן צו איר. עס איז גוט געווען צו זען ווי אַזוי פּאַביאַן ענדערט זיך, אַפילו איר קול האָט פאַרלאָרן די הייזעריקייט און עס האָט דערוואַכט אַ צערטלעכקייט אין איר שטים. בלויז עטלעכע מאָל, בעת דער טעלעפאָן האָט זיך לאַנג צעקלינגען, איז זי געוואָרן די אַמאָליקע פּאַביאַן. כ'האָב געזען ווי אירע פינגער ציטערן, ווי דער שטערן ווערט פאַרלאָפן מיט אומרויִקע קנייטשן און איר קול ווערט האַרט און אָפּגעהאַקט. זי האָט גערעדט אין טרייבל אַריין מיט קורצע זאַצן און נישט פאַרענדיקט די ווערטער. איך

בין געווען זיכער, אַז אויף יענער זייט טעלעפאָן איז פיליפּ, אָדער דער אומבאַקאַנטער אויסלענדער.

זי איז געוואָרן גוט צו מיר מיט אַזאַ הכנעהדיקער גוטסקייט וואָס האָט מיך אי געחידושט און אי באַליידיקט. איך בין געלעגן אויף דער סאָפע און אַ קעצישע פוילקייט האָט מיך באַהערשט. פאַביאַן האָט געקניט פאַר מיר, געקושט מיינע הענט און באַגלייט מיינע באַוועגונגען מיט ליבשאַפט־בליקן. דאָס איז געווען אַ ליבשאַפט צו עפּעס וואָס איז אומגעריכט פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן אייגנטום איבער וועלכן מען איז דער האַר און באַפעלער. איך בין געווען פאַר איר ווי דער געראַטעוועטער פון אַ שיף וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון שטורמישע כוואַליעס צו אַ ברעג — און דער ברעג דאָס איז פאַביאַן.

פאַר טאָג האָט זי מיר צוגעטראָגן צום בעט קאַווע. זי האָט קאָנטראָלירט מיינע קליידער, געפּוצט די שיך און אַכט געלייגט אַז איך זאָל גיין אויסגע־גלייכט, אַז איך זאָל ריכטיק אַרויסריידן די פראַנצויזישע ווערטער.

איך בין אַוועק צום פּלאַץ רעפּובליק און אַרומגעדרייט זיך אין יענעם זייטיקן געסל ווו עס געפינען זיך די געשעפטן פון די ייִדישע קאָנפעקציאָ־נערן. כ׳האָב נישט געוואָלט, אַפילו פאַר זיך אַליין, מודה זיין, אַז דאָס קומען אין דער געגנט איז פאַרבונדן מיט מאַריען. צו ערשט האָב איך זיך איינגערעדט אַז איך וועל זיכער באַגעגענען איינעם פון מיינע באַקאַנטע אין קאַפע „טערמאָמעטער״. דערנאָך, אַז איך בין פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע מאָל די קאַפע, האָט עס מיך אַ ציִ געטאָן צו יענעם געסל ווו עס וווינט מאַריע. עס איז געווען מיטאָג־שעה. אין ביסטראָס זאַמלען זיך די אָנגעשטעלטע פון די קראָמען. איך האָב באַשלאָסן צו וואַרטן ביז מען וועט עפענען די געשעפטן נאָכן מיטאָג־איבעררייס. אפשר וועט זיך דעמאָלט באַווייזן מאַריע? מיט קלאָדן וויל איך נישט ריידן, איך וויל אים אויסמיידן, נאָר מאַריען מוז איך זען. איך וויל וויסן צי זי האָט געבוירן אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל. עס איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען איינער פון די שניידער, וואָס האָט אָפּגעבראַכט אַ פּעקל אַרבעט. דאָס איז געווען אַ ייִד אין די זעכציקער, אַן אַמאָליקער לינקער טוער אין אַ פּויליש שטעטל, אַ געוועזענער פּאָליטישער אַרעסטאַנט. איין מאָל

האָט ער מיר פאַרגעלייענט זיינע לידער וואָס ער האָט פאַרפאַסט ביים שניידערטיש. ער איז איצט געשטאַנען אין טויער פון קלאָדס הויז, לעבן אים דאָס פעקל מיט סחורה. איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער וואַרט אויף קלאָדן, באַלד וועט דער קאָנפעקציאָנער אַראָפּקומען פון די אייבערשטע שטיגן און עפענען דאָס געשעפט.

כ׳בין געשטאַנען, קעגן איבער אין ראָג און געוואַרט. אָט איז קלאָד, איך דערקען אַז זיין קרענקלעך פּנים איז געוואָרן פולער און דער האַלדז דינער, בעת דער שניידער איז צוריקגעגאַנגען אַ ביסל אַ געבויגענער, שוין אָן דעם פּאַק סחורה, האָב איך אָפּגעוואַרט אַ פּאָר מינוט און אים אָנגעהויבן נאָכגיין ביז צו דער מעטראָ. איך האָב אים פאַרבעטן אין קאַפע און אויס־געהערט זיינע נייע לידער וואָס ער האָט פאַרפאַסט, לידער וועגן קליינעם שטעטל, וועגן דער שלווה פון שבתדיקע נאָך־מיטאָגן און וועגן חורבן, פאַרוויסטונג. רירנדיקע, פּרימיטיווע לידער, אויסגעזונגענע מיטן ריטעם פון דער ניימאַשין. אונטער די פּראָזאַישע ווערטער איז געווען פאַרבאָרגן דאָס האַרץ פון אַ תמימותדיקן ייִדישן שניידער וואָס האָט געוואָלט איבער־מאַכן די וועלט און אויף דעם פּשוטן ייִדיש פון גע̇זעלן, אויסגעמישט מיט ווערטער לשון־קודשדיקע פון בית־מדרש־ייִדן האָט ער תּפילהדיק אויס־געזונגען זיינע געזאַנגען.

דעם גלויבן אין גאָט פון ישׂראל האָט ער נאָך אין דער יונגשאַפט זיינער פאַרלאָרן. דער גלויבן אין וועלט־דערלייזונג איז דערשטיקט געוואָרן אין די גאַזקאַמערן, איז זיין איינציקער טרייסט געבליבן דער ניגון פון ייִדיש וואָס פאַרגייט צוזאַמען מיט די יאָרן, ער ווערט פאַרהילכט פון דער שטעפּעריי פון דער ניימאַשין. ער האָט געלייענט פאַר מיר די פּאַפּירלעך, יעדעס מאָל אַרויסגענומען אַ ניי בלעטל פון בוזעם. זיי זענען געווען אויסגעמישט די פּאַפּירלעך מיט די חשבונות פאַר גאַרן, פאַר גאַז און עלעקטרע און אָפּרע־כענונגען מיטן קאָנפעקציאָנער וואָס זיין פירמע רופט זיך איצט „קלאָד און מאַריאַ״.

— קלאָד און מאַריאַ? — האָב איך איבערגעריסן זיין לייענען, דער־זעענדיק אַ בלאַנק. — וואָס איז געשען? ער האָט אַ שותּף?

דער שניידער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— אַ האַלב געשעפּט איז איבערגעשריבן געוואָרן אויפן ווייבס נאָמען. זי פירט איצט מיטן רעדל... איר קומט שוין מער נישט אַרויף צו זיי? האַ־האַ, נישט קיין לייכטער פּאַרשוין איז דער קלאָד... אַן איינרייסער. אַן אויסנוצער מיט איידעלע רייד... איצט האָט ער דאָך פּאַר וואָס און פּאַר וועמען! ער האָט אַ יורש...

— אַ זון? — האָב איך איבערגעפרעגט. און נישט געזעגנדיק זיך מיט אים בין איך איילֿיק אַוועק.

מיט עטלעכע שפּאַן בין איך אַרויף אויף די טרעפּ, אָט איז שוין די טיר. מיין קלונג הילכט אָפּ דרייפאַכיק. די דינסט עפנט די טיר און נישט וואַרטנדיק אויף איר ענטפער אויב די מאַדאַם איז אין דער היים, האָב איך דורכגעקרייצט די סאַליע און געעפנט די טיר פון איר שלאָפצימער. מאַריע האָט זיך נישט פאַרלאָרן פון מיין אומגעריכטן וויזיט. איך האָב נאָר דערקענט ווי דאָס פּנים ווערט בלייך און די ברעמען לויפן זיך צוזאַמען.

— ביסט נאָך אַלץ אין פּאַריז? וואָס ווילט איר? אַנטשולדיקט.

זי האָט געמאַכט אַ טריט אַוועקצוגיין. איצט האָב איך געזען ווי מאַריע ציטערט.

— איך בין געקומען זען דאָס קינד. אין צוויי טעג אַרום פאָר איך אַוועק. ווייז מיר דאָס קינד.

מאַריע האָט פאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס, איינגעאָטעמט טיף און געזאָגט מיט אַ שאַרפקייט וואָס האָט זיך איינגעשניטן אין מיינע אָדערן.

— ניין.

— איך מוז זען דאָס קינד! — מיין קול איז געווען דראָענדיק און כ'האָב אָנגעהויבן האַסטיק אַרומשפּרייזן איבערן גרויסן אויפנעמס־צימער און מיט אַ רציחה אַראָפּגעריסן פון דער וואַנט מיין גרויס בילד וואָס האָט מיר גראָד איצט אויסגעזען אומגעלומפּערט. איך האָב געטראָטן דאָס בילד מיט די פיס, שטיקער באַגילדטע רעמען האָבן זיך געוואַלגערט אונטער מיינע פיס און דער פּאַרקעט איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ קאַלך־ווייסקייט און מיט צעשפּעטן גאָלדענעם האָלץ.

— רוף קלאָדן! איך וועל פון דאַנען נישט אַוועק! די רגע זאָלסטו מיר ווייזן דאָס קינד!

מאַריע האָט נישט געשריגן, זי איז געשטאַנען פאַרגליווערט אויסגעגלייכט און איך האָב דערזען אַז זי איז שלאַנקער געוואָרן, ווייבלעכער, און דורך מיין זיכרון זענען פאַרבייגעגאַנגען די נעכט ווען איך האָב מיט איר פאַרבראַכט.

מאַריע האָט טריומפירט איבער מיר מיט אַ פרעכער אַרויסרופערישקייט.

— קום!

אין איר אויסזען איז געווען צו דערקענען דעם נצחון. אויף אירע ליפּן די נישט־אַרויסגערעדטע רייד: איך האָב דיך גענומען ווי מען נעמט אַ קעגנשטאַנד און דו האָסט געטאָן מיין ווילן. איצט שליידער איך דיך אַוועק וואָרעם דאָס וואָס איך האָב געוואָלט האָב איך דערגרייכט.

איך בין איר אַ באַזיגטער נאָכגעגאַנגען און זיך איבערגעבויגן איבער דעם קינדס בעטעלע. עס איז געשלאָפן. פעך־שוואַרצע האָר, קליינע פויסטלעך צונויפגעדריקטע און ליפעלעך, וואָס מאָנען אין דרימל דער מאַמעס ברוסט.

איך האָב געווישט מיינע טרערן און זיך אויסגעקערעוועט צו דער וואַנט.

— ער איז ענלעך — האָט מאַריע געזאָגט נישט אָנרופנדיק מיין נאָמען.

ביי דער טיר האָט זי מיך אָנגעזאָגט.

— וואָלאָדיאַ, זיי געדולדיק. עס וועט קומען אַ טאָג. וואַרט...

איך האָב זי אָנגעקוקט מיט פאַראַכטונג און בין אַוועק, אַ שווייגנדיקער.

שאַנס עליזיי איז די רחבותדיקסטע גאַס אין פּאַריז, די גאַס פון ליכט, פון די טייערסטע געשעפטן, פון די מאָדערנסטע קינאָס, פון די עלעגאַנטסטע פּרויען. דאָ געפינען זיך די רעדאַקציעס פון עטלעכע גרויסע פראַנצויזישע צייטונגען, אפשר די גרעסטע וואָס פראַנקרייך האָט. דער טריומף־טויער שטייט אין מיטן פון אַ מעכטיקן פּלאַץ וואָס זיינע גאַסן צעצווייגן זיך אַזוי ווי שטראַלן פון אַ שטערן. די צווייטע טייל פון די אַלייען פירט צו פּאַרקן און וועלדער.

איך זיץ אין אַ קאַפע, אין אַ זייטן־גאַס, מיט צוויי פראַנצויזישע שרייבערס. מיר שמועסן וועגן נייע ביכער און וועגן מאָלעריי.

פאַביאַן קוקט לאַנג און צודרינגלעך אויף אַ פרוי וואָס האָט פאַרנומען אַן אָרט ביי אַ שכנותדיק טישל.

מיר פירן אַ כאַאָטישן שמועס וואָס מען הייבט אים אָן סתם אַזוי, כדי מיט עפּעס אויסצופילן די צייט, ביז דער גאַרסאָן וועט סערווירן דאָס טישל.

אַ שווערע מעניו־קאַרטע אין פּלאַסטיק וואָס זעט אויס ווי אַ לעדער־איינבאַנד צו אַן אומשטערבלעך ווערק פון אַ קלאַסיקער.

פאַביאַן איז אומרויִק און איך פאַרשטיי אַז די אומרויִקייט נעמט זיך דערפון וואָס איינער פון די וואָס זיצן ביי אונדזער טישל, אַ פראַנצויזישער שרייבער, איז געווען מיט יאָרן צוריק אירס אַן אינטימער פריינד. איך באַדויער וואָס כ׳האָב זיך געלאָזט צוריידן פון פאַביאַנען צו דער דאָזיקער באַגעגעניש.

איך האָב אים פיינט געקראָגן פון דער ערשטער רגע ווי נאָר מיר האָבן זיך דערלאַנגט די הענט.

נידעריק, געפּאַקט אין די אַקסל, אַ קורצער האַלדז, דער קאָפּ וועגט איבער צו לינקס. די ליפּן אָנגעשוואָלענע. די נאָז מיט גרויסע אָטעם־לעכער און באַוועגלעכע לעפלעך ווי ביי אַ הונגעריק פערד וואָס שפּירט שוין דעם ריח פון דער קאָרעטע. געדיכטע גרוי־שוואַרצע ברעמען און הענט קורצע מיט ברייטע פינגער. ער איז אַוודאי אין די פופציקער און כאָטש מען באַטראַכט אים פאַר אַ מענטש פון וויסן און מחשבה, מאַכט ער גיכער אַן איינדרוק פון אַ סוחרל וואָס די געשעפטן גייען אים גוט. דאָס איז דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון אַ באַרימטער וואָכן־צייטונג, אַן אונגאַרישער ייִד. ווען ער איז אַלט געווען אַכט יאָר זענען זיינע עלטערן געקומען פון אונגאַרן קיין בערלין. עס איז געווען לאַנג פאַר היטלערן. ער איז געפאָרן שטודירן קיין פראַנקרייך פילאָסאָפיע. זיין דייטש איז מיט אַן אונגאַרישן אַקצענט. זיין פראַנצויזיש האָט אַ דייטשן אַקצענט. זיין ייִדיש וויסן איז דערגאַנגען צו אים דורך עטלעכע עסייען צופעליק געלייענטע פון ראַבינער לעאָ בעק און מאַרטין בובער.

דער צווייטער ביי אונדזער טישל איז אויך פון ייִדישן אָפּשטאַם. ער טראָגט דעם פאַמיליע־נאָמען פון ייִדיש־שפּאַנישן ייִחוס. אַ ליכטיקער קאָפּ געלאָקטע האָר, אַ וואַרעמער בליק, אַ שמייכלענדיקער, צופרידנקייט און חן. ער פאַרמאָגט עפּעס וואָס איז רייצנדיק שיין. דאָס איז נישט קיין אַרויסרו־פערישער מענערשייט, נאָר אַ שעמעוודיקע איבערגעוואַקסענע ייִנגלערישקייט

פון אַט דעם יונגן ספרדישן ייִד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דרום־פראַנקרייך מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק. די עלטערן זיינע זענען געווען ווייט פון ייִדישקייט, אָבער נישט צו ווייט. ער איז נישט אַוועק־געגאַנגען פון די עלטערנס דרכים און ער האָט זיך נישט דערנענטערט צום גלויבן פון זיינע זיידעס. עס איז געווען פּאַר אים אַ צו ווייטער מהלך. ער איז געגאַנגען זיין נאַטירלעכן וועג: ליצײ, אוניווערסיטעט, ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון. אַ קרייז פון פראַנצויזישע שרייבערס צו וועלכע ער געהערט. אין די אָקופּאַציע־יאָרן, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען פּאַריז, האָט ער דערשפּירט זיין ייִדישע צוגעהעריקייט און אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם פאָלק פון וועלכן ער שטאַמט. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט; רעזיסטאַנץ, פראַנצויזישע אַרמײ, פראַנצויזישע חברים, דערנאָך זענען דערשינען זיינע ביכער. זיין אופן פון שרייבן איז ענלעך צו דער אַבסטראַקטער מאָלערײ: פאַרבן־פלעקן, ליניעס, צייכנס, דער שפּיל פון קאָלירן. אין זיינע נאָוועלן האָט עס זיך אויסגעדריקט אין רייד, דיאַלאָגן, מחשבות און צעריסענע חלומות, וואָס האָבן אויבנאויפיק נישט קיין שייכות צו זיך און דאָך איז פאַראַן אַן אומפאַרשטענדלעכע לאָגיק וואָס בינדט זיי צונויף. רוישטאָף, אָנגעוואָרפן אַזוי ווי די קליידער הינטער קוליסן, ווי די קעגנשטאַנדן. עס דאַרף זיך נאָר באַווייזן דער לעבעדיקער מענטש און אַלץ וועט ווי מיט אַ כישוף־באַריר ווערן לעבעדיק.

ער שרייבט און עקספּערימענטירט, ער זוכט נייע דרכים, דער עיקר, אַ נייע טעכניק. ער וויל אַז דער לייענער זאָל פון גאַנצן בראַכוואַרג־רעקוויזיט וואָס וואַלגערט זיך הינטער דער סצענע פון אונדזער לעבן, אַלץ צונויפנעמען, צונויפבינדן, באַלייכטן און אַליין צונויפשטעלן דעם סיפּור־המעשׂה.

דער אונגאַרישער ייִד, וואָס זיצט קעגן איבער מיר זעט אויס ווי אַ סוחר, אַ חלפן פון אַ ייִדישן קוואַרטאַל אין אַ מיטל־עלטערלעכער שטאָט, און דער צווייטער ייִד, דער ספרדישער ווי אַן אוראייניקל פון הויף־יידן, די פּרי־ווילעגירטע ביי די קרוינפּרינצן און וואָס האָבן געשיקט זייערע זין שטודירן וועלטלעכע לימודים קיין רוים, קיין ווענעדיק און טאָלעדאָ.

אונדזערע דיאַלאָגן זענען ווי די זיידפעדעם, זיי בינדן זיך און רייסן זיך איבער. איך ווייס אַז יעדער איינער פון אונדז פירט זיין אייגענעם שמועס

מיט זיך אַליין און דאָס וואָס מיר זאָגן האָט לגמרי נישט קיין שייכות צו דעם.

דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר מיידט אויס פּאַביאַנס בליק, ער קוקט צום פענצטער ווי ער וואָלט נישט געוואָלט אָנשטרענגען זיין דיקן האַלדז און אים באַוועגן, און דאָך פיל איך אַז ער זעט פּאַביאַנען און אַז ער טראַכט וועגן איר.

ווו און ווען האָבן זיי זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט? זייער פריינדשאַפט איז געווען אַוודאי אַ קורצע און שטורמישע. בעת ער האָט מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט, האָב איך געשפּירט זיין צינישן שמייכל וואָס האָט געדויערט נאָר איין רגע, ווייל ווי נאָר ער האָט דערזען פּאַביאַנס פרישן פּנים האָט ער זיך געענדערט, און אַנשטאָט דעם איז געקומען זיין גאווה און אַ נישט־אָנערקענען מיך, ווי איך וואָלט דאָ בכלל נישט געווען, ווי איך וואָלט נישט עקזיסטירט. ער האָט גיך אַרויסגענומען זיין האַנט פון מיינער און אָנגעשטעלט זיין בליק אויף די ברייטע פענצטער. זיין קורצער האַלדז איז נאָך קירצער געוואָרן און דער מאַסיווער קאָפּ איז איצט געלעגן אויף די אַקסל.

זיינע עסייען זענען שאַרפזיניק, קלוג. עס איז פאַראַן אין זיי אַ יידישער אופן פון שרייבן. ער וויל זיך צו דעם נישט מודה זיין און אַז מען זאָגט אים דאָס פילט ער ווי מען וואָלט אָפּגעזאָגט אים די רעכט צו באַוועגן זיך אויף די ברייטע גאַסן פון דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט. ער איז אַ קאָסמאָ־פּאָליטישער שריפטשטעלער. אַ מאָל איז דאָס געווען אַ מעלה, היינט איז עס כמעט אַ זידלוואָרט. דאָס נישט האָבן קיין וואָרצלען אין דעם לאַנד פאַרשאַפט אים צער און ער קען נישט זאָגן דאָס וואָס ער וואָלט געדאַרפט זאָגן. דער יידישער קאָמפּלעקס מאַטערט אים בעת אין זיין צייטונג פאַלן אַריין יידישע טעמעס. ער מוז אָפּהיטן די מאָס און פּראָפּאָרץ. ער האָט מורא אַז עס זאָל נישט זיין צו פיל יידיש. דאָס קענען זיך דערלויבן די הונדערט־פּראָצענטיקע פראַנצויזן, די קאָטוילישע שרייבערס, אָבער נישט ער. אויך אין די געשפּרעכן היט ער זיך אויס דערפון. עס איז נישט מחמת פּחד, נאָר אַ ווילן צו זיין „אָביעקטיוו", נישט אַריינפאַלן אין אַ וועלט פון עמאָציעס און זכרונות. יידישקייט איז שוין פאַר אים נישט קיין פּראָבלעם, פאַר אים באַדייט עס אויפדעקן דעם אָפּשטאַם. עס קען אים אַראָפּפירן פון די גרויסע

און ברייטע וועגן און פאַרפירן אין די ענגע געסלעך פון אַמאָליקן בודאַפּעשט, אָדער צוריק צו דער גרענאַדיר־שטראַסע אין בערלין, ווו זיין פאָטער האָט געהאַט אַ קליין קרעמל פון קאָלאָניאַל־סחורות. דאָס איז אויך געווען די סיבה פאַר וואָס ער האָט אַ געליבטע אַ קאַטוילין, אַ פאַרקויפערין אין אַ מאָדעהויז.

זיין נאָמען קלינגט שוין מער נישט דייטש, ווי עס איז געווען בעת זיין לערנען זיך אין דער דייטשער גימנאַזיע אין בערלין, עס איז שוין נישט יידיש־אונגאַריש — זיין נאָמען קלינגט עכט פראַנצויזיש, אַזוי פראַנצויזיש וואָס עכטער קען עס נישט זיין — ער רופט זיך: פראַנסואַז...

דער אייגנטימער פון דער צייטונג ווו מסיע פראַנסואַז איז רעדאַקטאָר איז אויך אַ ייִד, אָן אָפּגעפרעמדטער פון זיין שטאַם, אַן אָוועקגעגאַנגענער.

עס איז מיר געקומען אין זינען אַריין אַ געשיכטע וועגן פיש וואָס פאַרשווימען אַ מאָל פון די קליינע טייכן ביז צו די ימען. זיי לאָזן זיך מיטן שטראָם און ער טראָגט זיי אַזוי לאַנג ביז זיי דערפילן די געזאַלצענע ים־וואַסערן. זיי טרויען זיך נישט צו שווימען אין אָפענעם ים אַריין, נאָר זיי האַלטן זיך ביי די ברעגן, פירן אַ טרויעריקן געראַנגל אויפצוהאַלטן זיך אין אַ „געזאַלצענער וועלט" צו וועלכער זיי געהערן נישט, נאָר זיי ווילן, מיטן טאַלאַנט פון זייער שווימען, געהערן.

פאַר וואָס האָט מיך פאַביאַן מיט אים צונויפגעפירט? צו וואָס די באַגעגעניש ערב אונדזער אָוועקפאָרן?

דעם לעצטן אָוונט פאַר אונדזער פאַרלאָזן פאַריז האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פאַביאַנס וווינונג אירע פריינד. דער טיש איז געווען געדעקט מיט ווײַנען. אין קאָרידאָר זענען שוין געשטאַנען אונדזערע וואַליזעס. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע געסט: מאָדעמיידלעך פון גרויסן געשעפטסהויז, איינער פון די הויפּטדירעקטאָרן מיט אַן איבערגעשראָקן יונג ווייבל, אפשר פון צוואַנציק יאָר. עס איז געקומען פאַביאַנס ברודער מיט זיין ענגלענדערין אין אַ לאַנג גרין קלייד ביז די קנעכל. דער דירעקטאָר, אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פופציק, האָט זיך ברייט באַזעצט אין פאָטעל און צעקנעפּלט די וועסט און לויז געמאַכט דעם קראַגן. ער האָט הויך געלאַכט צו די מאָדע־מיידלעך און געווישט זיך דעם שווייס פון שטערן.

פיליפּ איז געקומען שפּעט אין באַגלייטונג פון אַ הויכער פרוי. אויף איין אָרעם האָט זי געהאַלטן אַ קליין ברוין הינטל און אויפן אַנדערן אָרעם איז געלעגן אַ ליכטיקער מינקשאַל. פּאַביאַן האָט זיך מיט איר צעקושט. עס איז געקומען דער אינדישער האַנדלס־אַטאַשע, וועמען פּאַביאַן האָט געקענט נאָך פון איר באַזוך אין קאַלקוטאַ, מיט עטלעכע יאָר צוריק. נישט ווייט פון אים איז געזעסן אַן אַראַבער — אַ פּאָעט פון קאַירא.

די פרויען האָבן באַוויזן אין פּאַרלויף פון מינוטן צו ריידן וועגן נייע מאָדעס, וועגן סאָרטן וויין, וועגן פּאָליטיק און אַבסטראַקטער קונסט.

איך האָב געקוקט אויפן אַראַבישן פּאָעט און געוואָלט אַראָפּלייענען פון זיין פּנים די פערזן וואָס פּאָעטן שרייבן זיי קיין מאָל נישט אָן, נאָר די פערזן וועלכע שוועבן אַרום זייער געשטאַלט ווי אַן אָרעאָל. מיך האָט געצויגן צו דעם יונגן אַראַבער. איך האָב געזוכט אין אים דאָס סעמיטישע. אונדזערע אָבות האָבן זיך דאָך באַגעגנט אונטער די זעלביקע הימלען. אין אַראַבישן לשון הער איך תמיד דעם נאָכקלאַנג פון לשון קודש. אין זייער געזאַנג שפּיר איך דעם מידבר־אָטעם און די לעכצונג נאָך קוואַלוואַסער. איך בין זיכער אַז דער ניגון ציט זיך נאָך פון יענע מידבר־וואַנדערונגען, וואָס זענען צונויפגעפלאָכטן אויך מיט אונדזערע וואַנדערונגען אין סיני. איך האָב געקוקט אויף אים ווי מען קוקט אויף אַ פאַרפרעמדטן ברודער. דאָס איז נישט נאָר געווען נייגער, נאָר אויך פריינדשאַפט.

מיט אַן אויסגעשטרעקטן כּוס וויין האָב איך זיך דערנענטערט צו אים, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל און געזאָגט:

— איך וואַרט שוין לאַנג אויף אַזאַ געלעגנהייט. מיט דורות צוריק, ווען אונדזערע אָבות אין די בערג פון יהודה האָבן באַאַרבעט זייערע ווייַנ־גערטנער, ווען קעמל־קאַראַוואַנען האָבן געצויגן איבער די וועגן פון שכם קיין ירושלים און קיין יפו, האָבן זיי אַנטקעגן־געטראָגן דעם שלום איינער דעם אַנדערן. מיר טראָגן דאָך אין אונדזער אור־זיכרון די זעלביקע לאַנדשאַפטן...

איך האָב גערעדט הויך אויף אַ פראַנצויזיש וואָס האָט מיר אַליין געקלונגען פרעמד. ערשט איצט, אין מיטן פון מיין מאָנאָלאָג האָב איך דערזען דעם דירעקטאָרס יונג ווייבל, וואָס האָט זיך געטוליעט צו דעם

מאַנס אָנגעשוואָלענע פינגער, באַזעצטע מיט רינגען. איך האָב געזען פיליפּס פּרצוף פון אַ „מאַקראַ״, די אומשולדע זיינע איז אָפּגעפּאַלן ווי דער פייגנבלאַט און עס האָט מיך אַרומגענומען אַ כעס און אַ שפּאָט און דערנאָך אַ רחמנות. איך האָב נישט געוווסט ווער עס דאַרף דאָ מיין רחמנות און וואָס פאַר אַ זינען האָט דאָ מיין כעס. איך האָב געטרונקען איין גלאָז נאָכן אַנדערן. פּאַביאַן האָט מיך אַרומגענומען מיט הייסע הענט און געקושט. „מיין פויגלישער טרינקער. ווו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי זויפן? אין די רוסישע וועלדער? כאַ־כאַ־כאַ״...

איך האָב געשפּירט די אָנקומענדיקע שיכרות און כ׳האָב זיך אַליין צוגעגעבן קוראַזש מיט אַ באַנייטן שטראָם רייד:

— מען האָט מיך פאַרטריבן קיין בבל... מען האָט מיך געפירט אַ געבונדענעם קיין רוים. מען האָט מיין גוף אַרומגעשלעפּט אויף אַלע געמערקן. איך בין פאַגראַמירט געוואָרן אין מיינץ, אין רעגענסבורג. מיר זענען געשטאָרבן אונטער קאַזאַקישע סאַבליעס. מיר האָבן זיך געפּייניקט אין די געטאָס און געפלאַקערט אין אוישוויץ... און דו, האָסט געפּיטערט שאָף אין די וויסטענישן פון האַלב־אינדזל סיני, געטרונקען אַראַק אויף די מערק פון לוד, רמלה און שכם — אַזוי דורות נאָך דורות. איצט האָבן מיר זיך באַגעגנט אין דעם דאַזיקן זומפּ... מאָרגן וועל איך זיך אויפזעצן אויף דער שיף וואָס וועט מיך צוריקפירן קיין ישראל. מיך באַגלייט פּאַביאַן. עס האָט אונדז צונויפגעפירט דער „בלינדער שטערן־זוכער״... גיס־אָן, פּאַביאַן, מאָן אַמור, נאָך איין גלאָז, איין און איינציק פול גלאָז. עס איז מיר טרויעריק אויף דער ערד. איך האָב זיך אַלץ נישט באַפרייט פון אומהיימלעכן „פּאָפּ״... איך וואָגל נאָך אַלץ אַרום אין די זומפּן... ביי נאַכט הילן מיך איין די שאָטנס פון די וועלדער... ביי טאָג גייען מיר אַנטקעגן די פּאַטאַמאָרגאַנאַס: וויסטענישן זאַמדיקע מיט גרינלעכע פלעקן אויפן האָריזאָנט פון דערוואַכטע יישובים... אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין מיר; אַרטילעריש פייער אויף שנייפעלדער און דער שטויב פון דער פאַרוויסטער מידבר־ערד בעת מיין טראַקטאָר רייסט זי אויף פון אייביקן שלאָף... איך גיי אַוועק פון אייראָפּע אויף תמיד און דאָך בלייב איך דאָ... אַ טייל פון מיר איז געבליבן ערגעץ אין די טיפע וועלדער פון אוקראַינע, אין אַ פּויערישן כוטאָר וואַקסט דאָרט

אַ שוואַרצהאָריק קינד... אויך דאָ אין פּאַריז גייט אויף אַ טייל פון מיין לעבן... איך קען זיך נישט אָפּרייסן פון דעם וועלטטייל, איך גיי אַוועק פון איין וויסטעניש צו דער אַנדערער... עס איז אָבער מיין מידבר. איך גיי צו אים פרייוויליק, נישט קיין געטריבענער און נישט קיין נע־ונדניק. ווי צו די וועלכע וועלן מיר דעם מידבר נישט פאַרגינען און אין די נעכט באַפאַלן. מיינע פלאַנצן האָבן דאָרט שוין דערגרייכט מיט זייערע וואָרצלען צו די קוואַלן. אויף די זאַמדן וואַקסט תבואה. כאַ־כאַ־כאַ! וואָס קוקט איר אויף מיר מיט באַדויערן און רחמנות? פאַר וואָס פאַרחידושן איך מיינע רייד? מיין מידבר איז ריין, קלאָר, ליכטיק און געהייליקט. איך באַדויער אייך און האָב פאַראַכטונג צו די וואָס לעבן צווישן קראָפּעוועס און דערנער און גייען אַרום מיט פאַרקאָלטנטע נשמות... כאַ־כאַ־כאַ...

נאָך די אַלע רייד האָב איך דערפילט אַ ווונדערלעכע דערלייכטערונג. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז דאָס צעטראָטענע קאָרנפעלד פון מיין בילד האָט דערוואַכט, איך האָב עס איצט אַזוי באַשיימפּערלעך געזען אַ גאָלדיק־צעבליטס. עס האָט געלויכטן מיט דעם ליכט פון מיינע העלסטע פאַרבן.

ס ו ף

נאָכוואָרט

צומאָרגנס, נאָכן איבערלייענען דאָס העפט, איז אמנון יפת אַוועק זיך זען מיט פאַביאַנען און איר פאַר איין וועגס צוריקגעבן דעם כתב־יד. דאָס הויז איז געווען פאַרמאַכט, די זשאַלוזן פון די פענצטער אַראָפּגעלאָזן, דאָס גערטנדל פאָרנט, ביים אַריינגאַנג, איז געווען פאַרוואָרלאָזט. ער האָט דער־קענט, אַז פאַביאַן איז שוין דאָ נישט געווען זייט חדשים.

אמנון איז לאַנג געשטאַנען ביי דעם אייזערנעם טירל אַ פאַרטראַכטער. ער האָט געקוקט צום ים, געזוכט מיטן בליק אין דער ווייט און עס זענען פאַר אים אויפגעגאַנגען זאַבס בילדער וועלכע ער האָט געזען אין דעם הויז. ער האָט איצט באַנומען די ווייטע פלאַכן פון פעלדער מיט די האַסטיק־אַנגעוואָרפענע זילבער־גרויע און זילבער־גרינלעכע פלעקן. ער האָט באַנומען די שניי־לאַנדשאַפטן מיט די שפורן פון טריט וואָס ציען זיך אַוועק אין די ווייטענישן.

פון אַ שכנותדיק הויז איז צוגעקומען צו אים אַ פרוי.

— עס איז פאַרמאַכט, אדוני, זייט דריי חדשים. די מאַדאַם פאַביאַן איז צוריקגעפאָרן קיין פּאַריז. איר זענט אירס אַ באַקאַנטער, אַ קרוב? — און איידער נאָך אמנון האָט געענטפערט, האָט זי צוגעגעבן: — עס איז היינט אַ היץ, זעט אויס אַ חאמסין. ווילט איר אפשר אַ קאַלטן טרינק, אדוני?

אמנון איז איר נאָכגעגאַנגען ביז אויף דער טעראַסע.

— זעצט אייך — האָט זי געזאָגט און איז אַוועק אין שטוב אַריין.

אַן עלטערע פרוי, אין אַ לאַנגן בלאָען שטוב־ראָק, די געפּאַרבטע בלאָנדע האָר פול מיט פּלאַסטיק־קלאַמרעס, קנייטשן אויף דעם האַלדז, אַרום מויל און פאַרשערישע בליקן פון קליינע לעבעדיקע אויגן.

זי האָט אָנגעגאָסן אַ פול גלאָז וואַסער פון אַ קאַראַף און געזאָגט:

— פאַביאַן האָט דאָ פיל איבערגעלעבט. איר פאַרשטייט, איר מאַן, דער מאָלער, איז באַלד נאָכן אַריינקלייבן זיך אין דעם הויז אומגעקומען אויפן וועג קיין אילת. מען ווייסט נישט גענוי ווי אַזוי. אפשר אַ מינע? אפשר אַ שלאַכט מיט אַריינדרינגלער? ער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן אין צבא ווייל עס איז געווען אַן אומרויִקע צייט. זאבה איז געבוירן געוואָרן נאָכן פאָטערס טויט. די פראַנצויזין האָט זיך דאָ געפילט איינזאַם. זאבה איז אין גליל, אין אַ קיבוץ. די קליינע רעדט שוין גוט עברית. עס איז זאבהן גוט אין קיבוץ. די מוטער זאָרגט פאַר איר. ערב דעם אַוועקפאָרן קיין פאַריז איז זי צוזאַמען מיט אירס אַ באַקאַנטן פון פראַנקרייך, דאַכט זיך אַן אַדוואָקאַט, געפאָרן געזעגענען זיך מיטן קינד.

— ווו געפינט זיך זאבה? — האָט אמנון געפרעגט.

— אין עין־חרוד. דאָרט לעבט זאבס אַ קרוב — האָט די פרוי געזאָגט.

— ווען וועט די מאַדאַם פאַביאַן צוריקקומען?

— אָ, אדוני, איך ווייס נישט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דאָס הויז איז צום פאַרקויפן. יענע וואָך איז דאָ געווען איינער פון אַן עקספּעדיציע־געזעלשאַפט מיט עפּעס אַ מאַן פון פראַנצויזישן קאָנסולאַט און זיי האָבן פאַרפּאַקט אַלע זאַכן אין קאַסטנס און זיי אַוועקגעפירט.

אמנון איז אַוועק אַ שווייגנדיקער. אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס העפטל אין די טונקעלע טעוועלעך.

דער מענטש איז געגליכן צו אַ פלאַנץ — האָט אמנון געטראַכט.

פאַראַן מענטשן פאַרוואָרצלטע אַזוי ווי די דעמבעס און פאַראַן מענטשן ווי די זיתים־ביימער, מענטשן ווי די שטעך־דערנער און מענטשן ווי די אָרעמע פאַרשטויבטע קוסטעס ביי די וואַדיס וואָס וואַרטן געדולדיק אויף די גאָס־רעגנס.

זאב איז אָבער געווען אַנדערש פון זיי אַלעמען; ער איז געווען געגליכן צו דעם גלגל־פלאַנץ אין מידבר.